STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02404

MIT OFENE OYGN

Meir Rispler

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאיר ריספלער / מיט אָפֿענע אויגן

סאָפּערטע און אילוסטראַציעס:

ז ש י ל פ ר ח י ם,

פאַרדינסטפולער קונסט־מייסטער
אין דער סאָציאַליסטישער רעפּובליק,
רומעניע.

חיים ברמן

מאיר ריספלער

מיט אָפענע אויגן

This book once owned by a South African reader, has been preserved by the
Cape Town Yiddish Cultural Federation
and returned to circulation by the
National Yiddish Book Centre
of South Hadley, Mass. U.S.A.
May it thus inspire us to keep alight the flame of Jewish life and learning.

ליטעראַטור־פאַרלאַג
בוקארעשט, 1965

דער וועג

פאָרנדיק קיין פוילן, זענען מיר פאָרגעקומען פארשידענע גע־דאנקען. יעדער געדאנק האָט געקעמפט צו באהערשן דעם מוח, אז ער איז דער וויכטיקסטער און זיי האָבן ווי צווישן זיך גע־פירט א געראנגל אײנער מיטן אנדערן. יעדער פון זיי האָט געוואָלט די גבורה. און געווען זענען זיי רחמנא לצלן גענוג: ווארשע, דער געטאָ, אוישוויץ, קאלטע מלחמה, וויאזוי איז גע־בוירן געוואָרן דער דיאבאָלישער געדאנק צו פארניכטן פעלקער, לענדער און דאָס האָב און גוטס וואָס זענען געשאפן געוואָרן זייט דורות, ווי אזוי איז דאָס אלעס פארטיליקט געוואָרן? וועלכע זענען געווען די מעטאָדן וואָס זענען באנוצט געוואָרן כדי צו פארשטיינערן מענטשלעכע הערצער, אָפּטויטן זייער געוויסן, אויסרייסן יעדעס מענטשלעך געפיל, רחמנות זאָל פא־רעכנט ווערן ווי א פארברעכן, פארטרייבן אומשולדיקע מענטשן פון זייערע היימען און ערטער וועלכע זייערע עלטערן האָבן באוווינט איבער טויזנט יאָר? דער צוזאמענשטעל פון די בא־פעלקערונגען; די פארשידענע שיכטן, ארבעטער, באלמעלאָכעס.

דאָס קאַפּיטל קינדער איז דאָס שווידערלעכסטע, וויסנשאַפטלער, דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן, שרייבער, דיכטער, לערער, חסידים, פרומע יידן, רבנים, קראַנקע, אַלטע — מענער און פרויען. און פאַר־וואָס איז די אַרומיקע וועלט געווען כמעט שטום לגבי דעם חורבן?

דער טעראָר אויף די באַוווסטזיניקסטע נישט יידן וועלכע זענען געקומען צו הילף די דערנידעריקטע, די פאַרפייניקטע אין הונגער, נויט, קעלט און צום סוף טויט. די פאַרשידענע מיתות; סתם שיסן, רייסן קינדער אויף שטיקער, טרייבן אין רעגן, אין פראָסט, באָרוועסע, נאַקעטע, דער גרעסטער רויב און מאָרד פון דער וועלט־געשיכטע. ווו זענען די קולטור־ווערטן? די ספרים, די ביכער, די בילדער, ווו זענען די מאָלער, די אַלע וואָס האָבן געבראַכט אזא גרויסן צושטייער צו דעם אייגענעם און אַלגע־מיינעם אוצר פון דער וועלט־קולטור? די יסורים, די צרות פון די מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס. צו קאָן דען דער מענטשלעכער שכל דאָס משיג זיין? אָט די אַלע גערדאַנקען האָבן זיך אָנגעהויפט אין דעם מוח בשעתן פאָרן אהין קיין פּוילן, דאָס לאַנד ווו ס'זענען פאָרגעקומען די שרעקלעכסטע אומגלויבלעכע פאַרברעכנס. דער גרעסטער חורבן זייט די וועלט שטייט.

אויפן וועג אהין האָב איך געזען פאַר די אויגן הויפנס, בערג פון מענטשלעכע גופים, צעממיתטע, צעפליקטע, אויסגעמישטע, נאַקעטע גופים פון יונגע און אַלטע, פרויען און קינדער. באַלד זענען זיי פאַרשוואונדן געוואָרן.

פלאַמען, פלאַמען, א רויך וואָס קומט אַרויס פון איין קרע־מאַטאָריע, פון א צווייטער, און פון א סך אַנדערע זאַמלען זיך צונויף, באַהעפטן זיך און עס ווערט פון זיי א ריזיקער שוואַר־צער וואָלקן, וואָס וואַקסט אין דער הייך און אין דער ברייט, ווערט אַלץ געדיכטער. ס'זעט זיך שוין נישט באַלד די שיין, זי פאַרשווינדט און איר פלאַץ פאַרנעמט דער חשך. נאָר אין אזא פינצטערניש האָט געקאָנט געשען דאָס וואָס איז פאָרגעקומען אין די תוהו ובוהו־יאָרן, אין וועלכע מיר זענען באַשטראָפט געוואָרן צו לעבן. יאָ, מען זעט דאָרט אין דער טונקלקייט די 12 מיליאָן נשמות וואָס שוועבן אַרום פון איין עק וועלט צום צווייטן. איך כאַפּ מיך אויף, רייב די אויגן, פאַרטרייב די זונען־

שטראַלן, וואָס האָבן מיך אַרויסגעריסן פון דעם מאַקאַברישן געוואַלד אין וועלכן איך בין אָנגעקומען קיין וואַרשע.

וואַרשע, די שטאָט ווו ס'איז פאָרגעקומען דער העלדישער אויפשטאַנד פונעם וואַרשעווער־געטאָ איז געווען די ערשטע שטאָט וואָס איך האָב באַזוכט.

איך האָב מיך געוואַקלט, נישט געקאָנט שטיין אויף די פיס. (דער טרעגער האָט מיר געהאָלפן אַראָפּנעמען דעם באַגאַזש און אים צוגעטראָגן אין באַגאַזש־מאַגאַזין). דער באַן־הויף האָט מיר אויסגעוויזן ווי ער וואָלט געווען קראַנק. אַלע מענטשן וואָס איך האָב דאָ געזען, האָבן ווי געהאַט וואַקסענע פנימער. איך קום דאָך פון יענער וועלט, א וועלט פון חושך, פון אומענדלעכן פּיין, פון גיהנום. אָבער פּאַמעלעך, פּאַמעלעך קום איך צו זיך. נאָך א שעה צייט גיי איך אַרויס פונעם פּעראָן און איך זע: אויטאָס, ווייטער אַביסל אויטאָבוסן, מענטשן לויפן, אײַלן זיך, א טייל קומען, אַנדערע גייען. איך בין ווידער אויף דער וויר־קלעכער וועלט.

אַלץ איז כשורה. איך זיץ שוין אין אויטאָ און פאָר צו צום האָטעל „סירענא“, וואָס שטייט נאָך אין זיין רויטן־לבוש צווישן א סך אַנדערע בלאָקן פון זעקס־זיבן שטאָק. מ'זעט אַז אַלץ איז דאָ ניי געבויט. נישט ווייט זעט מען נאָך די סמנים פון די חורבות פון די באַרבאַרישע באָמבאַרדאַמענטן פון די היטלעריסטישע חילות, אָפּגעריסענע ווענט, צעשפּאָלטענע שוואַרץ־רויטע קוימענעס איבערגעבליבענע פון וואַרשעווער געטאָ.

באַלד בין איך אַוועק אין שטאָט און געקוקט מיט נייגיר אויף יעדער גאַס, אויף יעדן בלאָק, געוואָלט וויסן, וואָס עס איז געשען מיט יעדן באַזונדער, איך האָב געוווסט אַז דאָ פאָר איך אַדורך אויף היסטאָרישע גאַסן און הייזער ווו ס'האָבן זיך אָפּגעשפּילט אומצייליקע איבערמענטשלעכע דראַמעס און טראַ־געדיעס.

איך בין אָנגעקומען צו דער אַדרעס וואָס מיין חבר פון בו־קאַרעשט האָט מיר אָנגעגעבן. דער חבר און די חברטע ב. וואָס זענען אויך געווען צוזאַמען מיט דעם דיכטער אפרים בלײַ אין יענער צייט אין אוראַל, האָבן זיך נאָך דערפרייט פונעם גרוס וועלכן איך האָב זיי געבראַכט.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער נאָכפרעג וועגן דעם פריינטס געזונט און אנדערע פראגן און ענטפערס מיט וועלכע ס׳האָט זיך פארענדיקט דאָס ערשטע פערטל שעה פונעם באזוך.

איך, וואָס האָב געמאכט אזא ווייטן וועג מיטן צוועק עפעס אָנשרייבן וועגן דעם אומגעהויערן אומקום, פון דעם יידישן ישוב פון פוילן, וואָס איז געווען דאָס שענסטע און דאָס בעסטע פון דעם אויסגעבידעוועטן אויסגעמאָרדעטן פאָלק, האָב זיך דערפרייט ווען די באלעבאָסטע האָט מיר פאָרגעשטעלט א פרוי — וואָס איז ערשט אריינגעקומען — וואָס האָט אליין איבערגעלעבט די גיהנום־יאָרן אין ווארשע, זייט ס׳איז געשאפן געוואָרן דער געטאָ ביז דעם אומקום זיינעם.

אויפן פנים פון דער פרוי זענען פארבליבן שפאָרן פון שיינקייט. אירע פארחלומטע אויגן, זענען ערגעץ ווייט, ווייט, פארשלייערט מיט אבלות, מיט אומענדלעכן טרויער, פארטיפט אין איר איינענעם ווייטיק, וואָס וואָלט געדאַפט זיין א וועלט־ווייטיק.

ווען דער באלעבאָס צו וועמען זי איז געקומען אויף באזוך, האָט זיך צו איר געווענדט, ווייזנדיק אויף מיר, צוגעבנדיק: אָט דער ווייטער אורח איז געקומען קיין ווארשע און ער וויל קומען אין קאָנטאקט מיט לעבעדיקע מענטשן וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם גיהנום: געטאָ, אוישוויץ, א.א.וו., האָט די פרוי ווי זיך אויפגעכאפט פון א טיפן דרימל און געזאָגט:

— וואָסזשע ס׳איז ווייניק געשריבן געוואָרן וועגן אָט דער טעמע, זאָל ער אזוי גוט זיין און לייענען וועט ער וויסן, דער הער! זאָל ער מיך געמאך לאָזן! צו וואָס טויג דאָס? איר זעט נישט אז אלץ איז ווי פארגעסן געוואָרן. וועמען טויג דאָס? זי האָט די דריי ווערטער ארויסגעזאָגט מיט א סארקאסטישן טאָן, אז ס׳איז פאר אלע אָנוועזנדע געווען קלאָר אז, פארקערט, ס׳ארט זי וואָס די טייערע, די אומגעקומענע, די קדושים, זענען ווי פארגעסן געוואָרן. מחמת איר איז באקאנט, אז א סך, זייער א סך מענער און פרויען, ווען ס׳קומט די רייד וועגן אומקום טוען זיי א מאך מיט דער האנט, וואָס באדייט: לאָזט, איך קאָן נישט איבערטראָגן! כ׳קאָן נישט הערן! רעדט פון עפעס פריילעכערס, מיר זענען שוין זאט, אָט דאָס האָט זי שוין געהערט פון א סך, גאָר א סך מענטשן, שרייבער ווי אויך פון פשוטע און פון געלערנטע מענטשן.

און דאָס ברענגט זי ארויס פון די כלים. ווי אזוי קאָן אזעלכס געמאָלט זיין! אָט איז ערשט פאר אונדזערע אויגן געשען א וועלט־אומגליק, מענטשן האָבן געליטן אזוינס, וואָס מען קאָן דאָס נישט אויסדריקן, אזוינס וואָס קיין פען, מעג זי זיין די געניאַלסטע, קאָן עס נישט באַשרייבן; די פיין, די צרות, די איבערלעבענישן, פון די אַלע וואָס זענען אריינגעפאַלן אין דער פאַשיסטישער נעץ.

דער חבר ב. מיט זיין פרוי, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט, געווען אין ראטן־פארבאנד, געארבעט און געקעמפט קעגן דער ברוינער פעסט, האָט געקוקט אויף דער פרוי מיט גרויס מיט־געפיל.

— מיר קענען זי, זי איז א פארביטערטע, פאר איר זענען די גרויל־בילדער אזוי נאָענט, אזוי איינגעבאַקן, אז זי זעט זיי כמעט יעדן מאָמענט. זי האָט פארלוירן איר מאַן, אירע עלטערן, איר גאנצע משפחה, האָט זיך דער מאַן אָנגערופן.

— מיינט נישט אז זי איז אזא פארלוירענע — דערגאַנצט דעם באַלעבאָס פרוי.

איך האָב געקוקט אויף דער משפחה, אויף דער פרוי, וואָס האָט איר ביטערקייט ארויסגעוויזן און געקלערט:

„ס׳זענען נאָך דאָ מענטשן וואָס ווילן נישט און קאָנען נישט פארגעסן וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעטאָן אין די פינצטערע יאָרן. מיט זייער הילף וועל איך זיך זיכער דערהויבן פונעם מקור — וויפל ס׳איז מעגלעך — פון די גרויסע פארברעכנס, אפילו אין א גאנץ קליינער מאָס, לגבי דעם וואָס ס׳איז דאָ פאָר־געקומען. איך וויל אָבער זען די פּלעצער, די כלי־משחיתים, די לאַגערס, די געטאָס, די אויוונס, אַלץ, אַלץ, וויל איך זען".

— כ׳וויל, טייערע חברים, איר זאָלט מיר העלפן כ׳זאָל זיך אויך באַקענען מיט אנדערע מענטשן וואָס האָבן געהאַט די גרויסע „זכיה" איבערצולעבן דעם גיהנום. כ׳וויל הערן פון זיי גופא די איבערלעבענישן פון די פּוילישע יידן, וואָס זענען גע־ווען דאָס הארץ און דער מוח פונעם יידישן פאָלק. די וואָס האָבן געשאַפן אזא גרויסע ליטעראַטור. די וואָס זענען געשטאַ־נען מיט געהויבענע קעפ קעגן די אַלע אכזריותן וואָס די רעאַק־ציאָנערע פארטייען האָבן פאר זיי געשאפן, די וואָס האָבן גע־

בראכט א גרויסן צושטייער צום עקאָנאָמישן, וויסנשאַפטלעכן, קולטורעלן און פּאָליטישן לעבן, זייט דורות.

איך אַליין, האָב מיך אויך פּארווּינגט — האָב איך ווייטער געזאָגט — אין די טאָגטעגלעכע ענינים, זיך געטראַכט צו וואָס טויג איבער־חזרן און ווידער רעדן וועגן דעם אַלעמען וואָס איז פּאָרגעקומען? די לעצטע חדשים אָבער, האָט עס מיך נישט געלאָזט רוען, די סבה איז געווען די טעגלעכע ידיעות וועגן דעם ווידער אויפקום פונעם פאשיזם אויף דער וועלט. בין געקומען צום אויספיר, אז מען טאָר נישט שטיין אין א זייט. מען מוז וועקן דאָס געוויסן, ווייזן דעם אמתדיקן פּרצוף פון דעם נייעם פאַשיזם וואָס דאָס מאָל איז ער איינגעהילט אין דעם אזוי גערו־פענעם „דעמאָקראטישן“ שלייער. אים אראָפּרייסן, ווייזן דעם נעאָ־פאשיזם וואָס איז נישט קיין אנדערער ווי דער פון אמאָל, וואָס האָט פאַרטיליקט א דריטל פון אונדזער פאָלק.

זיי ווילן צעפלאַקערן א דריטע וועלט־מלחמה.

די פרוי מיט די ברוינע אויגן, אין וועלכע ס'האָט זיך אָפּ־געשפיגלט דער נאַצי־גיהנום, האָט גאַנץ רויק צוגעגעבן: איך וויל מאַכן א קורצן איבערבליק. ווי אזוי דער אומגליק האָט זיך צעוואַקסן. די הויפט געשעענישן זענען מיר איינגעקריצט געוואָרן אין זכרון:

— נאָכדעם וואָס היטלער האָט איבערגענומען די מאַכט, וואָס איז אים דערלאַנגט געוואָרן פון די באַלעבאַטים פון דער שווערער אינדוסטריע, האָט ער באַלד אויסגעריסעט אן ארמיי, נישט רעכנדיק זיך מיט דעם ווערסיילער אָפּמאַך. די ארמיי איז באַשטאַנען פון 36 דיוויזיעס, מיט 550.000 מאַן. ער האָט גישט לאַנג געקלערט און אָקופּירט דאָס סאַאר־געביט.

לויט היטלערס „מיין קאַמף“ וואָס די נאַצים האָבן געדרעבנט פאַר זייער עוואַנגעליע איז די הויפּט־לאָזונג געווען: „פאַר ברייטערן דעם לעבנס־רוים פאַר דעם פאָלק אָן רוים“.

דער „פירער“ האָט זיך געווענדט אין יאָר 1937 צו זיינע ס. ס.־לייט מיט די ווערטער: „דאָס דייטשע פאָלק האָט דאָס רעכט צו באַהערשן אייראָפּע, און זי פאַרוואַנדלען אין א גער־מאַנישן רייך וועגן דעם דייטשן פאָלק“.

די פּאָליאַקן און די משעכן דאַרפֿן פֿאַלן די ערשטע קרבנות לויט היטלערס אָנווייזונגען.

דעם 1939.5.23 האָט היטלער געזאָגט צו זיינע גענעראַלן:

„דאַנציק איז נישט די הויפּט־סבה פֿונעם קאָנפֿליקט. עס האַנדלט זיך אין דעם, אַז דער לעבנס־רוים פֿאַר דייטשלאַנד זאָל אַלץ מער אויסגעברייטערט ווערן, צו מזרח צו, צו דע־ראָבערן גייע קוועלן פֿון לעבנסמיטל און זיי פֿאַרזיכערן. דער־פֿאַר דאַרף מען פּוילן נישט שוינען“.

נאָך דריי חדשים, דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939 איז די היטלעריסטישע אַרמיי באַפֿאַלן פּוילן.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער צווייטער וועלט־קריג. גרויל און טויט, האָבן זיי צוגעגרייט פֿאַר דער גאַנצער וועלט. די נאַצי־פּאַרטיי, די געשטאַפּאָ, די ס. א., די ס. ס., די ווערמאַכט, אַלץ האָט געדינט דעם פֿירער.

— און ביז דעמלט? האָט זיך אָנגערופֿן דער מאַן — וויפֿל פֿאַרברעכערנס האָט נישט דורכגעפֿירט דער היטלעריסטישער רעזשים כדי צו צוגרייטן די מלחמה־אַטמאָספֿער! וויפֿל קאָמו־ניסטן האָט ער נישט אומגעבראַכט אין די טורמעס? וויפֿל יידן האָט היטלער נישט אויסגעמאָרדעט אין די פּאָגראָמען פֿון גאַנץ דייטשלאַנד? וויפֿל לאַגערן האָט ער נישט צוגעגרייט פֿאַר די אַלע וואָס ער האָט פֿאַרמשפּט צום טויט?

— טיערינקע, האָט זי איבערגעריסן דעם באַלעבאָס' פֿרוי, האָסט איבערגעהיפּערט אייניקע זייער וויכטיקע דאַטעס און אַק־ציעס פֿון דער שוואַרצער פּעסט, למשל, דו האָסט נישט דער־מאָנט, די גרויסע פּראָוואָקאַציע קעגן דער דייטשער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי: דער אויסוואורף גערינג האָט אונטערגעצונדן דעם רייכסטאַג, כדי היטלער זאָל באַשולדיקן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, אַז זי האָט דעם רייכסטאַג אונטערגעצונדן. אויף דער באַ־שולדיקונגס־באַנק פֿון דעם אינסצענירטן פּראָצעס איז געזעסן דער קאָמוניסטישער אָנפֿירער געאָרגי דימיטראָוו. ס'זענען אָבער נישט געווען קיין באַווייזן, און מ'האָט דימיטראָוון געמוזט באַ־פֿרייען.

— זיכער איז דאָס געווען אַ ריזיקע פּראָוואָקאַציע, האָט די פֿרוי געזאָגט און ווייטער געשילדערט:

— דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעהאלטן היטלערן צו ריכטן זיין הויפּט־אָנגריף, קעגן דער דייטשער קאָמוניסטישער פארטיי, און קעגן די פּראָגרעסיווע פארטייען, וועלכע זענען פארבאָטן געוואָרן. אין די קלענערע פאבריקן האָבן די היטלעריסטן געשאפן קאָנצענטראציע־לאגערן, ארומגעצוימטע מיט שטעכל־דראָט. ביזן יאָר 1934 זענען פארשפּארט געוואָרן אין די לאגערן איבער 250.000 קעגנער.

דו באדארפסט אומבאדינגט אויך דערמאנען די נירנבערגער געזעצן, — האָט די פרוי ב. באמערקט. — (15.9.935) וועמענס מחבר און קאָמענטאטאָר ס'איז געווען האנס גלאָבקע, די געזעצן וואָס האָבן די יידן בארויבט פון יעדן רעכט און זיי געשטעלט אויסערן געזעץ. זיי און זייער האָב און גוטס זענען געוואָרן הפקר... די ביכער, געשריבענע פון פּראָגרעסיווע יידישע און נישט יידישע אויטאָרן זענען פארברענט געוואָרן אויף די גאסן. די סעריע באָיקאָטן און פּאָגראָמען, די אינטערנירונגען. די צעשטערונגען און די שׂרפות פון די סינאגאָגעס, וועלכע זענען באגלייט געוואָרן מיט יובל־געשרייען פון די וואנדאלן, די היסטערישע רעדעס פון היטלערן, געבעלסן און אנדערע גדולים פון דער נאציאָנאל־סאָציאליסטישער פארטיי. אזוי האָט אויסגעזען דאָס דריטע רייך אין יענער צייט.

נאָך א ווײלע האָט זי ווייטער געזאָגט:

— מען דארף נישט פארגעסן די „קריסטאלנאכט“ פון 9—10 נאָוועמבער 1939 ווען 101 שולן זענען פארברענט געוואָרן ווען 76 שולן און 7500 יידישע געשעפטן זענען צעגראָמירט געוואָרן. דאָס איז געווען דער סיגנאל פון די פּאָגראָמען, ביז צו דער באפרייונג.

שוין דעמאלט האָט גערינג געשיקט א בריוו צו היידריכן (דער שעף פון זיכערהייטס־פּאָליציי) אין וועלכן ער האָט געפאָדערט מ'זאָל איינריכטן געטאָס פאר דער יידישער באפעלקערונג. דעמאלט, דעם 12־טן נאָוועמבער 1938 האָט גערינג באפוילן מ'זאָל ארויפלייגן א שטייער אויף די דייטשע יידן, א מיליארד מארק.

— גענוג פאר היינט. האָט דער באלעבאָס — וואָס איז די גאנצע צייט געזעסן און זיך צוגעהערט — איבערגעריסן דאָס געשפּרעך און געזאָגט:

— איר, האָט ער זיך געזעגנדן צו מיר, האָט זיך געוואָלט באַקענען מיט אונדזער טעאַטער, טאָ, זייט אַזוי גוט און נעמט אַ מאַשין, און פאָרט צו צום טעאַטער. הייַנט שפּילט מען „דער זינגער פון זיין טרויער" פון אָסיפּ דימאָוו.

די חברטע וועט אייך באַגלייטן. איך גלייב אַז דאָרט וועט איר האָבן די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט חברים וועלכע וועלן אייך דערציילן און דערציילן וועגן די פאַרשאָלטענע יאָרן וואָס זענען פאַריבער. אויב איר ווילט זען דעם ספּעקטאַקל מוזט איר זיך צו איילן.

דער קאָפּ איז מיר געווען שווער ווי בליי. איך האָב געגעבן עטלעכע שלינג קאַלט וואַסער, זיך געזעגנט און בין אַוועק צו־זאַמען מיט דער חברטע אין יידישן טעאַטער.

מיר זענען אָנגעקומען פריער מיט אַ האַלבע שעה איידער דער ספּעקטאַקל האָט זיך אָנגעהויבן.

די חברטע וואָס האָט מיך באַגלייט, האָט מיך באַקענט מיט מענטשן וואָס האָבן איבערגעלעבט די שבעה־מדורי־גיהנום פון היטלערס געטאָס און מאָרד־לאַגערן.

— מאָרגן, וועלן מיר גיין צו אַ חבר — האָט די חברטע צו מיר געזאָגט — אַ שרייבער, אַ היסטאָריקער, וואָס האָט געווידמעט זיין לעבן, זיין גאַנץ וועזן, זיין אַרבעט, דער יידישער און גישט יידישער מאַרטיראָלאָגיע פון אונדזער פאַרשאָלטענעם יאָרהונדערט. ער איז אויך אַ פלייסיקער זאַמלער פון דאָקומענטן וועגן אונדזערע ליידן און פריידן אויך פון די פריערדיקע דו־רות. זיין הויפּט־אַרבעט איז וועגן „דעם אויפשטאַנד פונעם וואַרשאַווער געטאָ", און אויך וועגן די ווידערשטאַנדן פון אַנ־דערע געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן. דער שרייבער איז אויך דער דירעקטאָר פונעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, וו עס ווערן אויפגעהיט די גביות־עדות פון די וואָס זענען ניצל געוואָרן פונעם נאַצישן טויט; טאָג־ביכער, כראָניקעס, אויפרופן פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציעס פון דער צייט פאַרן אויפשטאַנד, נאָטיצן און צוואות פון עמנואל רינגעלבלום, און אַנדערע שרייבער. מאַטעריאַלן פון הויז־קאָמיטעטן, דער עיקר רינגעלבלומס אַרכיוו, וואָס זענען געפונען געוואָרן אונטער די חורבות פונעם וואַרשעווער געטאָ, און אַ סך אַנדערע ווערטפולע

מאַטעריאַלן וואָס וועלן בלייבן לדורות, דערווייזן דער גאַנצער וועלט וואָס ס'איז אַזוינס פּאַשיזם.

— באַקענט זיך מיט דער חברטע שוואַלב, וואָס איז געשטאַנען אין פּאַיע, האָט מיין באַגלייטערין צו מיר געזאָגט.

די חברטע שוואַלב אַ שיין נעבוויטע פרוי, מיט אויגן בלויע, וואָס האָבן שוין לאַנג פאַרלוירן דעם גלאַנץ, דאָס פּנים אירס האָט עפּעס אַזוינס אין זיך, גלייך ווי עס איז געווייקט געוואָרן אין טויט, די האָר אירע, שאַטענע, זענען ווי אָפּגעבלאַקעוועט פון זון, די גרויסע לאָקן אירע הענגען אַראָפּ אויף דער ברוסט. די ברוסט אָבער, אירע, הייבט זיך מיט אומעט. דאָס האַרץ אירס לויפט אַזוי גיך ווי די מחשבות אין וועלכע זי זעט די בילדער איידער זי איז אַריין אין געטאָ ווי אויך די וואָס זי האָט זיך אָנגעזען אין משך פון דער צייט וואָס איז געווען אויסגעפּלאַס־טערט מיט צעבראָכענע שאַרבנס, צעמענטירט מיט מוח־מאַרך פון אומשולדיקע קינדער וועלכע די קולטור־מענטשן פון געבלס׳־תורה האָבן אָנגעכאַפּט ביי די פיסלעך און זיי צעשמעטערט אויף די ווענט, אויף די טראָטוארן אַרומגעזוימטע מיט פאַר־גליווערט בלוט...

— איך קאָן נישט... איך קאָן היינט נישט רעדן. אפשר מאָרגן. קומט אַריין. אפשר וועל איך מיך באַרויקן. די דאָזיקע ווערטער האָט קוים אַרויסגערעדט די חברטע ש. און איז אַרויס, כאַפּן אביסל לופט. זי האָט געפילט אַז זי ווערט דאָ דערשטיקט. און ס'איז קיין חידוש נישט. דאָ, האָט זי באַגעגנט חברים און חברטעס, וואָס האָבן אויך איבערגעלעבט די מעשׂי־תעתועים פון די פעלקער־מערדער.

— לאָמיר שוין נישט טראַכטן היינט דערצו. ס'הייבט זיך באַלד אָן די פאָרשטעלונג, האָט די חברטע צו מיר געזאָגט.

איך בין אַריין אין זאַל, אין קאַמינסקאַס טעאַטער. גאָר ס'איז געווען אומזיסט. איך האָב כמעט גאָרנישט פאַרשטאַנען. די אַקציע פון דער פּיעסע איז מיר געווען קלאָר: כ'האָב זי דאָך געזען, ביי די ווילנער אין בוקאַרעשט. ווייזט אויס אַז וואַרשע איז פול מיט די נשמות־ערטילאָין וואָס דרייען זיך אַרום אין דער לופט און טייטלען צו מיר „איר גייט זיך פאַרווײַלן, און אָן אונדז האָט איר פאַרגעסן?"

איך זיץ אויף דעם בענקל און שווארצע פליגעלער מערן זיך אַלץ און פארשטעלן מיין ראיה. כ׳בין ווידער אין חושך. אין יענעם חושך וו עס האָט געקאָנט געשען אזעלכע אכזריותן, אזעלכע פארברעכנס. ניין, ס׳איז נישט געווען קיין שום פינצטערקייט. זיי, די מלאכי־חבלה, האָבן געשאָכטן, געמאָרדעט, געשאָסן, געהאָנגען, פארגאזט, פארברענט אין מיטן העלן טאָג. ס׳האָט דאָס געוווסט די גאנצע וועלט. דער וואטיקאן אוודאי. ער האָט נישט גערירט מיטן מינדסטן נאָגל און די ציווילזירטע מערב־וועלט האָט אַלץ געוווסט. און האָט געשוויגן. די זון האָט געלויכטן און די מערדער האָבן געקווילעט אין דער עפּאָכע פון לית דין ולית דיין.

איך און מיין באגלייטערין האָבן זיך שוין מער נישט געטראָפן. א מידער בין איך צוריק געקומען אין האָטעל, און זיך געלייגט שלאָפן. ס׳האָט זיך אָבער צו מיר קיין שלאָף נישט געקלעפּט. כ׳האָב געעפנט א בוך פון אומקום. כ׳האָב געלייענט. און ווי א געמאכטע זאך, דאָ, אליין, צווישן די פיר ווענט, בין איך א גאנצער גבור. איך לייען זיך אָן מיט אזויפיל גרוילעבקייטן, און וויל אַלץ מער וויסן. מיין ווילן ווערט וואָס אמאָל מער פארהארטעוועט. און פארטרייבט אלע רעזיגנאציע־שטימונגען. יאָ! איך מוז אַלץ וויסן וואָס ס׳איז געשען אין די ווילדע יאָרן. דאָס דערציילן, שרייבן, וועקן דעם באוווסטזיין פון אלע ערלעכע מענטשן. ווייזן וואָס די פעלקער־מערדער האָבן געטון. דאָס וועט זיין א באשיידענע וואָרנונג, א דערמאנונג, אז די מענטשהייט זאָל וויסן וועמען זי האָט פאר זיך. נישט מער דערלאָזן די גזלנים זאָלן אויפסניי רויבן און מאָרדן. און ענדלעך האָב איך פארלאָשן דאָס ליכט און בין אנטשלאָפן געוואָרן.

אבט אזייגער אינדערפרי, האָט מיר מיין באגלייטערין אָנגעקלונגען, און מיר מודיע געווען אז די חברטע שוואַלב וועט פריי זיין צען אזייגער, איך זאָל קומען אין דעם פאָלקס־גאָרטן וו זיי, די ביידע חברטעס, ווארטן אויף מיר ביים הויפּט־ארייַנגאנג.

דער דרויסן איז געווען א מילדער, קינדער האָבן זיך געשפּילט, געלאָפן, געלאכט, געשטיפט אין דעם גאָרטן וואָס רינגלט ארום כמעט דעם גאנצן האָטעל. „זייגע שיינע רויזן וואָס זעען

דאָ אוים שענער ווי אומעטום. זאָל דאָס זיין אזוי? צי ס׳דאכט זיך מיר? אפשר דערפאר וואָס איך בין אויפגעשטאנען א פריי־ שער און האָב נאָך פון נעכטן פארטריבן די מרה־שחורה — ווייזט זיך מיר אלץ דאָ אוים גוט און שיין?“

כ׳האָב זייער געוואָלט זיך אָפּשטעלן, אריינגיין אין א שמועס מיט די קינדערלעך, ווייל זיי, די קינדערלעך ברענגען מיר כמעט שטענדיק אריין אין א גוטער שטימונג, איצט איז אָבער שפּעט, מ׳וואַרט אויף מיר. איך בין אריין אין אויטאָבוס נומער 9, געקוקט אויף רעכטס, באַלד אויף לינקס, און אומעטום נייע געביידעס, טייל פאַרטיקע, טייל נאָך נישט אינגאנצן. צווישן זיי אויך חורבות־סמנים פונעם „אויפשטאנד“. נאָך צוואנציק מינוט פאָרן, האָט זיך דער אויטאָבוס אָפּגעשטעלט ביים קולטור־פּאַ־ לאַץ. דער קולטור־פּאלאץ איז א שיינע, מעכטיקע געביידע פון עטלעכע און דרייסיק שטאָק, מיט 3500 צימערן. איך האָב דאָ גענומען דעם אויטאָבוס 150 און בין געקומען צו דער צייט. ביים טויער פונעם שטאָט־גאָרטן שפּאצירן שוין די חברטעס, פארטיפטע אין א שמועס מיט צוויי מענטשן וועלכע איך האָב נישט געקענט.

— גוט מאָרגן, זאָג איך.

— גוט מאָרגן, ענטפערן ביידע חברטעס.

— באקענט אייך, זאָגט צו מיר די ח׳ שוואלב. דאָס איז דער חבר יאקאָבזאָן, און ווייזט אויפן צווייטן מיטן פליוך אויפן קאָפּ, און דער איז חבר שמואליק.

— דער דאָזיקער חבר, זאָגט זי — ווייזט אויף מיר — איז געקומען אונדז דערמאָנען פון די צרות וואָס מיר זענען אדורך. די צרות שווימען אליין ארויף, און לאָזן אונדז נישט רוען. אָט באווייזט זיך פאר מיר מיין שטילע היים, די ביימלעך פארן הויז, וואָס שטרעקן זייערע צווייגן אין פענצטער אריין. גלייך ווי זיי וואָלטן געשטרעבט צו די בלומען־טעפּ און זיי אָפּגעבן א שלום־עליכם. און טאקע מיך אויפרייצן און מיך איינלאָדן: ארויס... אינעם גאָלדענעם פריי־ מאָרגן אריין. הנאה האָבן פון גאָטס־וועלט!

— שווייג! האָט איר איבערגעשלאָגן מיין באגלייטערן די ח׳ בערגער גענוג! כ׳בין שוין זאט פון די אידיליעס. ס׳איז נישט

פונקט אזוי געווען. נישט שטענדיק האָבן די בלומען געשמעקט, און נישט שטענדיק האָט די זון געשײַנט און מיר אַלע זענען געווען גליקלעך! ס'זענען געווען גענוג זאַווערוכעס, און ווען ס'האָט געשײַנט די זון און אַלץ האָט אויפגעלעבט און זיך געפרייט, זענען מיר געזעסן אין די קעלערס, און האָבן געהאָרעוועט, געמוזט נייען. צוגרייטן מונדירן. יאָ, מונדירן!

— לאָזט אויסרעדן די חברטע שוואַלב, האָט זיך אַרײַנגעמישט יאַקאָבזאָן, געדענקט, זי האָט געזאָגט „זײַ שווימען אויף!“ לאָזט זי ענדיקן דעם געדאַנק אירן.

— מילא, זאָל זי ענדיקן, האָט אַביסל פאַרשעמט, געזאָגט די ח' בערגער.

— א דאַנק! האָט א ביסל פאַרכמורעט, די ח' ש. געענטפערט. און פאָרגעזעצט:

— געוויס, זענען יענע צײַטן געווען פולע מיט דחקות, אָרעמקייט און מיט אַלערליי פּרעגניותן. אָבער אַזוינס וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין די היטלער־יאָרן...

— יאָ, יאָ, מיר ווייסן שוין, האָט אויפסנײַ די ח' ב. אונטערגעבראָכן.

— כ'פאַרשטיי איך נישט, לאָזט אויסרעדן, האָט דער ח' יאַקאָבזאָן ווי זיך געבייזערט.

— זאָל זי, זאָל זי, נאָר נישט אָנהויבן פון אדם הראשון, האָט די ח'ב. געענטפערט.

— איך וועל רעדן שפּעטער, האָט מײַן באַגלייטערן געזאָגט. זאָל זי דערציילן. זי האָט מער וואָס צו דערציילן, זי האָט מער איבערגעלעבט, דערפאַר האָט זי קיין געדולד נישט. דערצייל דו, דערצייל, חיות. ביסט געפּרעגט. דיר קומט די בכורה.

— איך וועל זײַן קורץ, הייבט אָן דערציילן די ח' שוואַלב.

געווען איז דאָס אין א שיינעם טאָג. פּלוצים באָמבאַרדאַמענטן, חורבות, בונקערס, שׂרפות, מענטשן לויפן ווי משוגעים, מ'זעט ווי די הײַזער ברענען, מענטשן ראַטעווען וואָס מ'קאָן נאָך פון דער איבערגעבליבענער באַלעבאַטעשקייט. א ים מיט קינדער, א טייל פון זיי טראָגן זייערע געראַטעוועטע שפּילצייגן, דער א בעראַלע, דער א קעצאַלע, א וויגעלע, א ליאַלקע. אַמבו־

לאנסן אָן א שיעור. פרויען וואָס יאָמערן און וויינען, אײנע מיט א שמאטע אין די הענט, אן אנדערע מיט א בעזעם. ס'פלאקערט די שטאָט. אומעטום שטיקער גלאָז, אָפענע טירן, צעבראָכטע פענצטער. רויכעס וואָס הייבן זיך און פארדעקן שטיקער הימל. צעטראסקעט מעבל, צעפליקטע בילדער און ביכער אין די חורבות, אויף די גאסן. פארצווייפלטע געשרייען פון די וואָס זענען פארשאָטן געוואָרן צווישן די מויערן. מענטשן לויפן זוכן זייערע נאָענטע, זייערע באקאנטע וואָס האָבן געוווינט אין די ווייטערע גאסן. בערג מיט שטיינער, גריבער, רויך, ריחות, פון פארברענטע קערפער, פארייכערטע בלעכן, צעקנייטשטע, אויף טריט און שריט.

ס'לויפן אויך פארסאפעטע, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, וואָס האָבן געפונען איצט א שעת־הכושר צו ראבעווען. אָט אזוי האָט אויסגעזען א טייל פונעם שטח אויף וועלכן די אָרעמשאפט האָט געוווינט.

דאָס איז געווען דער אָנהייב. ס'האָט נישט לאנג געדויערט און די דייטשן זענען אריין אין דער הויפט־שטאָט. ערשט דע־מלט האָבן צו די צרות, צו די דערנידערונגען און פייניקונגען נישט געגומען קיין סוף.

די הויפט־שטריכן פון דער נאצי־פּאָליטיק זענען געווען: גע־וואלט־איזאָלאציע, צונעמען די פרנסות, נישט געבן קיין סאני־טארע הילף, שטענדיקע מורא־אטמאָספער, טעראָר, ליגנס. שטעלט אייך פאָר ווי דאָס אלץ האָט זיך אויסגעווירקט אויף דער אָרע־מער יידישער באפעלקערונג פונעם געטאָ. הונגער און קרענק האָבן געמאכט א חורבן אין דער רעכטלאָזער־באפעלקערונג. די שונאים האָבן געטראכט, אז דער שטענדיקער און וואקסנדיקער הונגער וועט אָפּשוואכן די יידן און זיי וועלן נישט זיין בי־כולת צו טראכטן וועגן ווידערשטאנד, און צום סוף זיי אומ־ברענגען.

אין אן אומרויקער אטמאָספער האָבן די פרויען געארבעט אין די שאָפּן, שטענדיק געקלערט צו די קינדער וואָס זענען געבליבן אין דער היים אויף הפקר. זיי האָבן געארבעט פאר שפּאָט־לוינען. דער הונגער האָט זיי צוגעבראכט צו א שרעקלעכן נערוון־צושטאנד: „וועלן זייערע היימען באפאלן ווערן?“

אין דעם שאָפּ אויף ניזקע־גאַס זענען 65—70 פּראָצענט פון די יידישע ווע־שנײַדערינס געשטאָרבן פון הונגער, פון אויס־שעפּנדיקער אַרבעט. די הויפּט־צרה אין געטאָ איז געווען די אַרבעטסלאָזיקייט. מען האָט אויסגעזאָרגט צענער טויזנטער פּאַכ־לײַט. זיי זענען געבליבן ווי אויפן וואַסער. די אינטעליגענץ האָט נישט געהאַט קיין בעסערע לאַגע.

— איר ווילט מן הסתם וויסן וויפל ס׳איז געווען די צאָל אַר־בעטער אין געטאָ?

לויט די ידיעות וואָס זענען מיר באַקאַנט, האָבן זיך געפֿונען אין געטאָ אַן ערך פון 85.000 קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער און 23,000 נישט קוואַליפֿיצירטע. ס׳זענען אויך דאָרט געווען אַן ערך פון 27.000 יידן מיט פֿרייע פּראָפֿעסיעס צווישן זיי סוח־רים, קרעמער, באַאַמטע פון יודענראַט און אַנדערע אינסטיטו־ציעס. די חברטע שוואַלב האָט ווייטער דערציילט:

ווער איז דען בכוח צו באַשרייבן די נויט פונעם געטאָ? וואָס האָט זיך נישט אָפּגעטון אין די געמיטער פון די מענטשן וואָס האָט באַנגענט אין גאַס, מענטשן וואָס האָבן פאַרדעקט דעם האַלדז מיט זייערע צוגעשפּילעטע קעלנער, פון די פאַרלאַ־טעטע מאַנטלען, כדי מען זאָל נישט זען אַז זיי האָבן קיין העמד נישט אויף זיך. טייל זענען אומגעגאַנגען האַלב נאַקעט. נאָך שווערלעכער איז געווען די לאַגע פון די יידישע אַרבעטער וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף צוואַנגס־אַרבעט. דאָרטן האָט מען זיי געפּייניקט, דערנידעריקט. די נאַציסטישע בעסטיע האָט דאָרט אַרויסגעוויזן איר מהות.

צו צוואַנגס־אַרבעט האָט מען געבראַכט די וואָס האָבן געוווינט אין די סאַמע אָרעמסטע קוואַרטאַלן. באַנאַכט פֿלעגט מען באַפֿאַלן און אַרויסשלעפּן די קרבנות.

באַפֿאַלן האָבן זיי די היימישע געטאָ־פּאָליציי און די לאַגער־וועכטער וואָס זענען רעקרוטירט געוואָרן פון די אויסוואָרפֿן און רענעגאַטן פונעם פּוילישן און אוקראַיינישן פֿאָלק.

זיי פֿלעגן דערמלט באַקומען 200 גראַם ברויט אַ טאָג, ס׳רוב געאַרבעט ביי באָדן־מעליאָראַציעס, דער לוין איז געווען 4 זלאָ־טעס אַ טאָג, פון וועלכן מען האָט אָפּגערעכנט 1,30 פאַרן „עסן“, 0,25 זל, לטובת דעם לאַגער־לייטער, 0,25 פאַר ווויינ־

קאָסטן און 5 פּראָצענט פון פאַרדינסט אויף... סאָציאַלער פאַרזיכערונג. ווען כ׳דערמאָן זיך פון דער פרעכקייט, פון די געמיינע ליגנס הייבט מיר אָן שווינדלען דער קאָפּ. שטעלט אייך פאָר אַז פון אַזוינע קעסט און פון אַזעלכע סאַניטאַרע און מעדיצינישע הילף, זענען אַ סך געפאַנגענע אויסגעשטאָרבן און אַ גרויסע טייל זענען געבליבן קאַליקעס אויפן גאַנצן לעבן.

הערט אייך צו, האָט זי ווייטער געזאָגט, די ציפערן דאַרף מען קיינמאָל נישט פאַרגעסן! איך האָב זיי אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק. זאָל דאָס איינגעקריצט ווערן אין אונדזערע מוחות*:

„דייטשן האָבן באַקומען אויף די שפּייז-קאַרטן					2310	קאַלאָריעס
אויסלענדער	„	„	„	„	1790	„
פּאָליאַקן	„	„	„	„	634	„
יידן	„	„	„	„	184	„

דער קאַניבאַלישער ראַסיזם מיט זיין „גערעכטיקייט“ האָט פאַראָרדנעט אַז די פרייזן פון די קאַלאָריעס זאָלן זיין אויסגערעכנט זעלבסט פאַרשטענדלעך אויף אַן „עטישן“ אופן, און אָט איז ער:

פאַר דייטשן וואָס באַקומען אַ סך קאַלאָריעס דאַרפן זיי באַצאָלן פאַר אַ קאַלאָריע.............. 0,3 זלאָטעס

אויסלענדער..............	0,8	„
פּאָליאַקן..................	2,6	„
יידן.......................	5,9	„

לויט די פאָרשריפטן האָט אַ געטאָ-איינוווינער געזאָלט באַקומען צוויי קילאָ ברויט און אַ פערטל קילאָ צוקער אַ חודש. דאָס האָט מען אויך זעלטן באַקומען. און אַז מען האָט עס שוין באַקומען, איז דאָס געווען ליימיק. געמישט מיט קאַרטאָפל-שאָלעכץ.

כ׳זע ווי דו ביסט גאַנץ זאַבלעד און געדענקסט גענוי אויך די ציפערן. איז דאָך זייער אינטערעסאַנט צו וויסן די צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג וואָס איז געווען פאַרשפּאַרט אינעם וואַרשעווער געטאָ? האָט די ח׳ בערגער געפרעגט.

---

* די טאַבעלע האָט זי גענומען פון ב. מאַרק׳ס בוך „דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ“

לויט ווי ס'איז געווען רעגיסטרירט זענען דאָרט געווען 416.000 מענטשן פון וועלכע 80 פּראָצענט האָבן געהונגערט.
איר פּנים ווערט ווייס ווי קאַלך. דער צאָרן פינקלט פון אירע אויגן. נאָך א פּויזע, ווישט זיך אָפּ דעם שווייס פון עם שטערן:
פלעק־טיפוס, פּאַראַ־טיפוס און בויך־טיפוס האָבן געבושעוועט. די היטלעריסטן האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון די עראָפּלאַנען לייז אָנגעשטעקטע מיט פלעק־טיפוס. קיין מעדיציניש סאַניטאַרע מיטלען האָט מען נישט צוגעלאָזט.
זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי געוואָלט זיך דערמאָנען, און פאָרגעזעצט:
אַלע אינערלעכע כוחות זענען מאָביליזירט געוואָרן, אָפּצו־שטעלן די עפּידעמיע, ליידער איז דאָס נישט געלונגען, ווייל ס'זענען נישט געווען קיין סאַניטאַרע און היגיענישע מיטלען. איף די גאַסן פונעם געטאָ האָט געהערשט דער טויט. געפאַלענע פון הונגער און עפּידעמיעס זענען זיי געליגן פאַר די טויערן, איבערגעדעקטע מיט פּאַפּיר. קינדערישע קולות האָבן געשטערט די טויטע שטילקייט, זייערע שטרויענע גופים־לעך, אויסגעדאַרטע פּנים־לעך מיט ברענענדיקע אויגן, האָבן געזונגען אין כאָר דאָס באַקאַנטע ליד:

„גוטע מענטשן האָט רחמנות,
דער טאַטע איז געשטאָרבן פון הונגער און נויט;
גוטע מענטשן האָט רחמנות,
וואַרפט אַראָפּ א שטיקעלע ברויט".

דער הונגער טרייבט אַרויס די קינדער פונעם געטאָ, זיי גייען אויף מסירת־נפש. באַלד דערשיינען די פּאָליציסטן, שלעפּן זיי אַריין אין די קאָמיסאַריאַטן און שלאָגן זיי אָפּ די לונגען, פּיי־ניקן זיי ביז זיי פאַרלירן די לעצטע כוחות.
— זאָגט מיר כ'בעט אייך, האָב איך געפרעגט. זענען צווישן די מענטשן וואָס זענען געווען פאַרמאַכט אין געטאָ, נישט געווען אַזעלכע, וואָס זאָלן וואַגן פון דאָרטן זיך אַרויסצורייסן?
— פאַר אַרויסגיין פון די געטאָ־מויערן זענען די ערשטע דריי יידן פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. שפּעטער מיט א וואָך האָט מען פאַרמשפּט אַנדערע אַכט פאַר דערזעלבער זינד. די

עקזעקוציע איז פאָרגעקומען אין חודש נאָוועמבער 1941. צווישן די אויפגעהאָנגענע זענען געווען אויך מוטערס פון קליינע קינדער וואָס זענען געגאנגען וועגן זיי זוכן א שטיקל ברויט, אָדער עטלעכע קארטאָפלעס.

צווישן די פארמשפטע איז אויך געווען א 16 יאָריק מיידל וואָס האָט געשריגן צו די הענקער, צו די קאָמיסארן און פאָליציסטן: „באנדיטן! מיט אייך וועט מען מאָרגן אויך טון דאָס זעלבע“.

דער הונגער איז געווען אזוי גרויס, אז מענטשן האָבן זיך נישט גערעכנט מיט דער טויט־סכנה. מאסן זענען ארויס, און מאסנווייז זענען זיי עקזעקוטירט געוואָרן פון דער פאָליציי וואָס איז געווען אָנגעפירט פונעם שעף־אָפיצער.

גרויס איז געווען די שטערבלעכקייט צווישן דער ארבעטערשאפט און צווישן די פליטים. נאָך פאר דער גרויסער ליקווידאציע זענען אויסגעשטאָרבן איבער הונדערט טויזנט יידן. אין דער ערשטער העלפט פונעם יאָר 1942 זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן איבער דריי הונדערט טויזנט יידן.

זי שווייגט א ווײלע:

— דעם שונא איז געלונגען — אין א גרויסער מאָס — אָפּטויטן דעם ווילן צום לעבן, צום ווידערשטאנד, און צוגעבראכט צו געזאלדיקער דעפּרעסיע, אפאטיע, פאסיווקייט און כמעט צו רעזיגנאציע.

די הונגעריקע ליגן אויף די בעטן, ס'גייט זיי שוין נאָרנישט אָן. איין ווונטש האָבן זיי: שטילן דעם הונגער.

זי בלייבט שטיל א ווײלע; כ'דערמאָן זיך אָן מײן גוטע פריינדין לאה שפילמאן. זי איז בטבע געווען א רויקע, א באטראכטע, א טאָכטער פון א באלעבאטישער משפחה, וואָס זייט דורות זענען זיי געזעסן אין זייער אייגענער דירה, וואָס איז איבערגעגאנגען בירושה פון איין דור צום אנדערן. אין איר שטוב האָט א הונגעריקער שטענדיק געקענט עסן, טרינקען און געפינען א נאכטלעגער. מיין פריינדין האָט געמוזט ארויס פון איר עלטערן־הויז און איבערזידלען אינעם געטאָ, אין אן ענגן, פינצטערן, גאסן קעלער, זיך דאָרט איינגעאָרדנעט מיט איר מאן בערל און מיט די פיר קינדערלעך זייערע. דעם מאגס חודשלעכער איינ=

קונפט, וועלכער איז געווען גענוג קליין, האָט אַפילו נישט געקלעקט אויף איין וואָך, און איז אויסגעצאָלט געוואָרן ראַטנווייז מיט פאַרשפּעטיקונגען פון חדשים, האָט געצווּנגען זי, לאָהן, זי זאָל אויספאַרקויפן צו ביסלעך אַלץ פון איר באַלעבאַטישקייט, כדי די קינדער זאָלן נישט הונגערן. ווען כ׳האָב זי באַזוכט די לעצטע צייט, איז איר אויסזען געווען אויסטערליש. דער אַמאָליקער בייגעוודיקער, שלאַנקער קערפּער, אירע לוסטיקע אויגן, דער שמייכל וואָס האָט פאַרכישופט — זענען פאַרשוווּנדן; דער קערפּער איז לויז, ווי צעקראָכן געוואָרן, אַנשטאָט דעם צויבערדיקן שמייכל האָט דער טרויער געחושבט פון איר פּנים, אַנשטאָט דער געשמאַקער הלבשה, אָנגעטאָן אין געלאַטעטע קליידער, אָבער זויבערע.

כ׳האָב זיך צו איר צוגעקוקט און גאָרנישט געפרעגט. זי אָבער, מיין יוגנט־חברטע האָט פאַרשטאַנען אַז מיין קוק איז אַן אויספאָרשענדיקער, אַז מיינע בליקן קוקן נישט אויף איר, נאָר אויף אונדזער אַלעמענס אומגליק.

דער מאַן אירער, בערל, האָט געראַטעוועט די סיטואַציע. ער האָט זיך געווענדט צו מיר און געזאָגט:

— קוקסט אויף איר און שווייגסט? עס קומט דיר נישט אָן צו גלייבן. האַ!?

לאָה, האָט פאַרשטאַנען, אַז באַלד וועט דער מאַן אירער אָנהייבן דערציילן וועגן אַלץ וואָס זייער משפּחה האָט איבערגעלעבט

— האָט זי זיך אַנטשולדיקט און געזאָגט, אַז זי דאַרף גיין צוגרייטן די גרויפּן אין קיך, אַז די קינדערלעך דאַרפן באַלד קומען פון דרויסן, פונעם שפּיל, אין איין אַוועק.

שוידערלעך זעט אויס די פרוי דיינע, האָב איך געזאָגט. זי איז נישט צו דערקענען. און אַ הולך! זאָל גאָט שוין שומר ומציל זיין.

— ווען דו ווייסט וואָס די פרוי האָט איבערגעלעבט די לעצטע צייט, וואָלסטו אַזוי נישט גערעדט, זי איז דאָך אַ מלאך, נישט קיין מענטש, האָט בערל געזאָגט. ער האָט געגעבן אַ שאַר מיט דער האַנט איבער דעם באַוואַקסענעם און צעפּלאָשעטן קאָפּ און ווייטער גערעדט:

כ'בין נבהל ונשתומם ווי אזוי זי האָט דאָס געקאָנט אויסהאלטן. וויאזוי האָבן מיר מיט אונדזערע נעבעכדיקע מיטלען געקאָנט דאָס איבערטראָגן. כ'דארף דיר נישט דערציילן, אז אלץ איז אויסגעקויפט געוואָרן בחצי־חנם. אלץ כדי צו שטילן דעם הונגער. זי האָט נישט נאָר געקלערט צו אירע קינדער, זי האָט געמוזט זאָרגן אויך וועגן איר שוועסטער וואָס איז געבליבן מיט פינעף קינדער, און געבליבן אליין, ווייל דער מאן אירער איז געכאפט געוואָרן אויף צוואנגס־ארבעט, קיינער האָט נישט געווסט און קיינער ווייסט נישט ווו זיין געביין איז אהין געקומען. און נאָך א ווײלע שווייגן: דו קאָנסט דאָך זי! דער ארום, כ'מיין דער הויף אין וועלכן מיר וווינען איז פול געווען מיט קינדער, מיט אויסגעלאָשענע אויגן, אויסגעדארטע, אויסגעמארכוועטע גופימלעך, דינע פיסלעך, נאקעטע און באָרוועסע, אויך אזעלכע גליקלעכע ווי איר שוועסטערס קינדערלעך. זי האָט דאָס אלץ נישט געקאָנט צו זען. האָט אויסגעקויפט אלץ. אליין נישט געגעסן מער ווי עטלעכע פּעצעלעך איבערן טאָג. די קינדערלעך ביי איר זענען געווען אזוי אויסגעטרויעט, אז זיי האָבן נישט געוואגט זיך צו צורירן צו א שטיקל ברויט. נאָר געקוקט און זיך אויסגעדרייט. און זי, האָט שטענדיק געקלערט: צו באגייט זי נישט קיין פארברעכן לגבי אירע אייגענע קינדער בשעת זי גיט אוועק פון דעם ווייניקן פון דעם אָרעמען ברויט די אנדערע? זי האָט אָבער זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן. און האָט געטאָן וואָס איר געוויסן האָט איר דיקטירט. זי האָט צעטיילט דאָס לעצטע שטיקל ברויט אלע.

אָט אזוי, איז פון דער בלום וואָס איז געווען פול מיט זון, מיט לעבן, מיט האָפענונג — באשאָטן געוואָרן מיט חושך, מיט האָפענונגסלאָזיקייט, מיט איינסופיקע מידקייט, מיט אומפארמיידלעכן אומקום.

האָסט זי געזען אראָפּגיין אין קיך אריין. כ'בין נישט זיכער צו זי וועט צוריק קומען. מיינסט אפשר אז דאָרט איז פאראן גרויפּן? האָסט א טעות, דאָס איז נאָר א חלום אירער.

יענע וואָך האָט זי מיר אָפּגעשטעלט א פּאָרציע וואָס כ'וועל זי נישט פארגעסן מיין גאנץ לעבן. מ'שטיינס געזאָגט, לעבן!

וויפל וועל איך נאָך קאָנען אויסהאלטן. די נשמה האלט זיך קוים אין מיר.

איך כאַפּ איינס אין אנדערן. די צרות שטייגן איבער אלע גרענעצן. הער זיך צו וואָס מיט מיר איז געשען. אנימלט בין איך ארויסגעגאנגען ווי מ'ין שטייגער איז, זוכן ארבעט. ווי געווינטלעך בין איך צוריקגעקומען מיט גאָרנישט. אויפן וועג זע איך א געדרענגעניש, געהערט קולות. קוים מיט צרות איז מיר געלונגען זיך אריינשטופּן אינעם ראָד מיט מענטשן, וואָס שטייען און קוקן זיך צו ווי א מאמע, אן אויסגעדייוועֶרטע, אָנגעטאָן אין לאבעס, שטייט און ממיתט איר קינד וואָס האלט זיך קוים אויף די פיסלעך און זיינע קולות גרייכן אין הימל אריין, זי שרייט פארוואָס עס האָט געלאָזט אויסרייסן דאָס ברויט, וואָס עס האָט עס געקויפט. אויסגעריסן דאָס ברויט האָט איינער א הונגעריקער, און האָט געשטופּט שטיקער אין מויל אריין וואָס האָט געבלוטיקט פון די שלעק וואָס די דורכגייער האָבן אים דערלאנגט. איך האָב מיך געלאָזט ווי א סך אנדערע צו דער וויינענדיקער מוטער וואָס האָט געהאלטן אין איין שלאָגן דאָס קינד. טענהענדיק, היתכן! וואָס הייסט? באלד איז אויסגעוואקסן פּאָליציי און געשטאַפּאָ־אגענטן. מ'האָט אָנגעהויבן צו טרייבן דעם עולם. ס'איז אָבער געווען שווער צו פארטרייבן אים אינגאנצן. ווייל א טייל האָבן זיך אקעגן געשטעלט. ס'האָבן זיך געהערט איינצעלנע שטימען:

אָט צו וואָס די פאשיסטן קאָנען צו ברענגען צו אזא צושטאנד, אז א פארצווייפלטע מאמע זאָל פאר א ברויטל ממיתן איר קינד. אז א דערוואקסענער זאָל ארויסרייסן א ברויט. און דערפאר צעמזיקט ווערן ביז צום טויט! די פּאָליציייסקע שטעקנעס זענען אריין אין קאָן, די קאָלבעס זענען געפאלן אויף די קעפּ און פלייצעס. אָבער נישט יעדן האָבן זיי דערגרייכט. איך האָב באקומען שלעג, מיינע קליידער און ס'העמד זענען צעריסן געוואָרן, מען האָט מיר די לונגען אויסגערנעקלאפּט. ס'איז מיר אָבער געלונגען צו אנטלויפן. כ'בין אָבער זיכער אז סוף כל סוף וועל איך אריינפאלן אין די הענט פונעם געשטאפּאָ. ווען כ'בין אהיים געקומען האָב איך זי געטראָפן אין א שרעקלעכן צושטאנד, זי איז געלעגן אין בעט אין גרויס פיבער. דער פי-

בער איז ביי איר נישט געווען קיין נייעס, ער האָט שוין פון א לאַנגער צייט באַהערשט איר גוף. דער הונגער האָט צעפרעסן ביסלעכווייז אירע אברים. כ׳האָב זי קוים אָפּגעראַטעוועט. ווער ווייסט ביז ווען? זי איז שוין לאַנג א שברי־כלי.

לאה, איז אריינגעקומען.

דער מאַן איז שטיל געבליבן. מיט ציטערדיקע הענט האָט זי געטראָגן דאָס רייגדל אין וועלכן ס׳איז געווען דאָס לעצטע ביסל גרויפּן וואָס זענען געווען באַהאַלטן אין קעלער־שטוב. מיט אן אויסגעלאָשענעם בליק און מיט א שטילע שטימע האָט זי מיר געבעטן איך זאָל צונויף רופן די עופהלך. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און אלע זענען זיך צונויף־געקומען, זיך אויסגעזעצט ארום דעם טיש, געקוקט צום רייגדל מיט אויסגעשטאַרטע אויגן, געוואַרט אויף א פּאָר לעפל וואַרעמע גרויפּן, וואָס זיי האָבן שוין זייט א וואָך צייט נישט באַקומען.

— איך, דערציילט ווייטער די באַגלייטערן מיינע, וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס בילד:

אויפן טיש איז געלעגן א שטיקל ברויט, אפילו דאָס קלענסטע יינגעלע צווישן די קינדער, האָט נישט געוואַגט דערצו זיך צו צורירן, די אייגעלעך האָבן געגלאַנצט. נאָך א פּאָר ווײַלעס האָבן די פינגערלעך געטאַפּט, געצופּט קליינע פּיצעלעך, אריינגעוואָרפן אין מײַלעכל, מיט אראָפּגעלאָזטע אייגעלעך, גלייך ווי עס וואָלט אָפּגעטון די גרעסטע גנבה, האָט זיי געקייעט לאַנג אין מײַלעכל. נאָך עטלעכע מינוט, האָט עס זיי אראָפּגעשלונגען, א פאַרשעמטער.

אויף מײַן חברטעס פּנים האָט זיך פאַרשפּרייט דער טרויער נאָך מער, ווען זי האָט געהערט די יאָמערלעכע קינדער־קולות פון דרויסן, וואָס האָבן געשריגן: ברויט! ברויט! די בעטלער־קינדער האָבן געטראַסקעט אין די טירן. און זי, לאה, האָט אראָפּגענומען דאָס ברויט פונעם טיש, קוים צעריסן אויף שטיקלער און זיי דערלאַנגט אין די אויסגעדאַרטע אויסגעשטרעקטע הענטלעך.

ארום דער טיש האָט זיך געטון א גערודער. קיינער האָט אָבער נישט געהאַט די העזה, הויך צו פּראָטעסטירן. זיי האָבן נאָר געקוקט ווי זייער טייערסטער אוצר גייט צו גרונט.

ווען זי האָט זיך צוריקגעקערט צום טיש איז זי אנידערגעפאלן. פון איר מויל האָט זיך באוויזן בלוט. די לונגען און דאָס הארץ האָבן נישט אויסגעהאלטן. נאָך א דאָקטער האָט מען נישט געקאָנט לויפן. ס'איז געווען „שפּער שעה". אזוי האָט זיך געענדיקט די סעודה אויף וועלכע אלע דאָ האָבן ארויס געקוקט מיט טויזנט אויגן. דער הונגער האָט אויפגעפרעסן אירע לונגען און איר הארץ.

זי, מיין באגלייטערן, איז אנטשוויגן געוואָרן. אויף אונדז אלע, האָט די שילדערונג געמאכט אן אומהדיקן רושם. מיר האָבן אלע שווער געאָטעמט. אונדזערע הערצער האָבן האסטיק געקלאפּט. מיר זענען געבליבן פארשטומט. ס'האָט געהערשט א בית-עולם שטילקייט.

האָט אונדזער חברטע א שטאָלן הארץ? ניין. זי וויל אויפלעבן אין אונדז א טייל פון די אמאָליקע ליידן פון אונדזערע טייערע, אונדזערע אייגענע, וואָס לויט ווי זי האלט אין איין טענהן אז מיר האָבן שוין פון אלעמען פארגעסן. אז מיר זעען נישט די גרויסע סכנה וואָס שטייט פאר אונדז. אז דער גרויסער פחד'מדיקער-גיהנום-פּיסק לויערט אויף אונדז. אויף אונדז אלעמען. מען מוז אים צערייסן. פאר אלעמען זאָגט זי, מוז מען שטענדיק האָבן פאר די אויגן די בילדער פון די רעכטלאָזע, די אויסגעהונגערטע, די איבערמענטשלעכע ליידן פון מיליאָנען קרבנות.

איידער איר וועט אהיים גיין זאָגט זי ווייטער, וויל איך אייך מאָלן אין פּשוטע ווערטער נאָך א בילד: צוויי קינדער יידישע אמפּערן זיך מיטן געטאָ-שומר. ער האָט זיי געכאפּט שמוגלען אביסל קארטאָפלעס. ס'קומט צו א געסטאפּאָוויץ און פרעגט וואָס ס'איז געשען? דער שומר האָט אים דערציילט. און ער, דער געסטאפּאָוויץ באפעלט: זאָלן זיי אריבערשפּרינגען די מויער, לאָז זיי פריי! די קינדער, די צוויי, האָבן באלד גענומען אויספולן דעם באפעל, מיינענדיק אז ס'איז פאר זיי געקומען אן אויסלייזער פון זייער לעבן. זיי נעמען זיך האסטיק ארויפדראפּען אויף דער מויער. דער געסטאפּאָוויץ האָט געמאכט דעם אָנשטעל אז ער גייט אוועק. ער האָט זיך אָבער באלד אויסגע-

דרייט, גענומען צילן אין זייערע קעפּלער. ער האָט זיי געטראָפֿן און האָט זיך צעלאַכט.

— גוטע לערער האָב איך געהאַט — האָט געזאָגט דער געסטאַפּאָוויץ.

ער האָט אויסגעלערנט די מלאכה ווי עס געהער צו זיין. און איז אַוועק א צופרידענער.

די גופימלעך זענען געפאַלן אין יענער זייט מויער — זייער בלוט איז נישט פאַרפרעמדט געוואָרן.

מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ זענען מיר אוועק פון אונדזער ערשטער באַגעגניש.

קיין אוישוויץ

איך בין געקומען אויף נאָוואָגראָדסקי 5. דאָ איז די הויפּט־פאַרוואַלטונג פונעם יידישן קולטור־פאַרבאַנד. דאָ האָט דער פּרעזידענט לייב דאָמב, מיר פאָרגעשטעלט דעם חבר בידעבערג, וואָס איז דעלעגירט געווען פון דער געזעלשאַפט אויסטראַליע־פ.ס.ס.ר. זי צו פאַרטרעטן אויפן שלום און אנטוואָפנונגס־קאָנגרעס וואָס איז דאָס יאָר פאָרגעקומען אין מאָסקווע.

— איר האָט געוואָלט פאָרן קיין אוישוויץ, האָט דער פּרעזידענט געזאָגט, דער חבר בידעבערג פאָרט היינט אהין. אויב איר ווילט פאָרט צוזאמען. און נישט טרעפנדיק זיך מיטן חבר בידעבערג אויפן פעראָן, אזוי ווי מיר האָבן אָפּגערעדט, בין איך אליין געפאָרן קיין אוישוויץ.

פאָרנדיק אין צוג האָט אן אימה, א שרעק, באהערשט מיין גאנץ וועזן. דער הימל איז געווען טונקל־גרוי, און האָט זיך אראָפּגעלאָזט נאָענט צו דער ערד, ווי א ריזיקער קעסל, פון אונטער וועלכן ס'זענען פארשוואונדן יידן און נישט יידן, ארבעטער, אָנגעשטעלטע, טעכניקער, וויסנשאַפטלער, א.א. יידן אין

קיטלען, אין טליתים, אַלטע פֿרויען מיט שׂרה בת־טובים־פּני־מער, ישיבות, תּלמוד־תּורות, חדרים מיט תינוקות של בית־רבן אַלע צוזאַמען. ס'ווערט אַביסל ליכטיקער, א חידוש... באַלד זענען דערשינען שײַטער־הויפֿנס ספֿרים פֿון לובלין, פֿון זשיטאָמיר, פֿון וואַרשע, פּשעמישל, דאָס בילד פֿאַרציט זיך ווײַטער, אויף דער ערד; יריעות פֿון ספֿרי־תּורות, אַרום זיי מחנות ייִדן צוגעיפֿגעבראַכטע מאַרבע־פּינות פּוילן און פֿון די אַלע לענדער וואָס זענען פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון מלכות הרשעה. אַרום, א המון גלויביקע און נישט גלויביקע. דעם קאָפּ האָב איך קוים געהאַלטן. ענדלעך אים אָנגעשפּאַרט אָנעם ווענטל. אַנדרימלט געוואָרן.

אויסגעקליבן האָבן די רשעים־גזלנים, די עלטסטע רבנים זיי נעצוווּנגען טאַנצן אויף די ספֿרי־תּורות אין דער באַגלייטונג פֿון די בעסטע מוזיקער וואָס זיי האָבן צונויף געטריבן.

דער שײַטער הויפֿן ווערט אַלץ גרעסער, דער באַרג וואַקסט אָן אויפֿהער, מיט ווויסנשאַפֿטלעכע, סאָציאַלע און ליטעראַרישע ווערק פֿון די סאַמע בעסטע. וויסנשאַפֿטלער, סאָציאָלאָגן און שרײַבער זעען מיט אייגענע אויגן ווי דאָס אַלץ ווערט פֿאַרברענט, און גייט אַוועק מיטן רויך. אין מיטן דעם וואָלקן רויך דערשײַנען גאָלדענע פֿונקען, דאָס זענען די אותיות־פּורחות, וואָס האָבן אין זיך די סגולה צו ברענען און נישט ווערן פֿאַרברענט. נישט א סך ווײַטער, זענען געווען אויפֿגעהאָנגען אויף אומצייליקע תּליות, שיינע נײַסטער, ערלעכע, נישט דערשראָקענע קעמפֿער. אַרום: גזלנים מיט מאַשינען־געווער גרייט צו שיסן. די גרויסע, צוזאַמענגעטריבענע עדה; אַלטע און יונגע, באָרוועסע, נאַקעטע, מיט צעשפּאָלטענע קעפּ, לאָמע, בלינדע און קרומע אַלץ אַרום איז צונויפֿגעפּרעסט. פֿון אויוון אַעראָפּלאַנען, נישט ווײַט טאַנקען. דער בלוטיקער שׂונא האַלט מלחמה מיט אויסגעהונגערטע, אָרעמע און קראַנקע, פֿאַרשוועכט זייער הייליקטום, פֿאַרניכטעט אַלץ. דער רויך האָט זיך געצויגן אין דער הייך. באַלד איז אָבער געוואָרן א ווינט וואָס האָט אַלץ שטאַרקער געבלאָזן. די פּנימער זענען באַפֿאַלן פֿון דינע שוואַרצע הײַטלער פֿון די פֿאַרברענטע ספֿרים. די גאַנצע עדה איז שוואַרץ געוואָרן. באַלד איז פֿון דעם ווינט געוואָרן א שטורעם און האָט פֿאַר־

טראָגן די שוואַרצע סימנים אומעטום, אפשר אויפן גאַנצן ערדקײלער.

איך האָב מיך אויפגעכאַפּט. געזען דעם גאַנצן עולם וואָס איז מיר אַקעגן געקומען, ער קומט פון אױשװיץ, פון דאָרטן. פון דאָרטן קומט ער מיט געבײלטע פויסטן. זײ זענען אַזױפיל אַז זײ פאַרדעקן די גאַנצע שטרעקע. „יאָ, מיר זענען עס. אונדזערע גופים זענען אומגעקומען אין די שווערסטע לײדן. אָבער אונדזער װײ־געשרײ װאָס איז דערשטיקט געוואָרן, איז סוף כּל סוף אַרויס און האָט מרעיש עולם געווען. דער רעשט וועט נישט פאַרשטילט ווערן, כּל־זמן דאָס פאַשיסטישע געשפּענסט וועט זיך אַרומדרייען אויף דער וועלט".

דער צוג האָט זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט. כ׳בין שוין אָנגעקומען קײן אױשװיץ. כ׳האָב זיך אויסגעריבן די אויגן, פאַרטריבן די געדאַנקען וואָס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ חלום, זײ האָבן אָבער געהאַט אַ וואָרן יסוד.

כ׳האָב מיך קוים געקאָנט אָפּשײדן פון דעם אַלעמען. איצט וועל איך זען אַלץ אויף דער וואָר. כ׳וועל זען דעם לאַגער וואָס האָט געבראַכט דעם טויט איבער פיר מיליאָן מענטשן... צווישן וועלכע אויך די וואָס כ׳האָב דאָ נישט לאַנג געזען אין חלום.

דער אויטאָבוס וואָס פירט צום געוועזענעם לאַגער, וואַרט שוין אויף דער סטאַציע. ער ווערט באַלד פול מיט פרעמדע און אָרטיקע פּאַסאַזשירן. מיר זענען אָנגעקומען. מען פילט ווי אַ נאַסע קעלט נעמט דיך אַרום, כאָטש ס׳איז חודש אויגוסט. די באַנדיטן האָבן מיט אַ בײזן מײן אויסגעוויילט די אָרטשאַפט אױשװיץ, וואָס ליגט אין אַ פײכטן טאָל, וואָס האָט נישט קײן גוטן קלימאַט און איז פול מיט פאַרעיפּושטע וואַסערן. די כּלבֿים האָבן אָבער געקענט די מלאָכה צו פאַרבלענדן די אויגן. אויף דעם וועג צום גיהנום האָבן זײ פאַרפּלאַנצט בײמער וואָס זענען געשטאַנען שטאָלצע, אויסגעשטרעקטע, גלײך זײ וואָלטן געווען שומרים וואָס היטן דעם וועג צום גן־עדן... עס דויערט נישט לאַנג און איך דערזע דעם באַוווסטן טויער אויף וועלכן ס׳שטײט אָנגעשריבן מיט גרויסע, אײַזערנע, דײַטשע בוכשטאַבן די לאָזונג „אַרבײט מאַכט פרײ".

דורך דעם „פרייעם טויער“ זענען דורכגעגאנגען די צום טויט-פארמשפטע, אין דעם גרעסטן מאָרד-קאָמבינאַט, דער גרעסטער קאָנצענטראציע-לאגער, פון די איבער טויזנט לאגערס וואָס די היטלעריסטן האָבן געשאפן. דאָ איז געווען דער הויפּ-פּונקט פונעם נאציישן טעראָר. דאָ האָבן די ס. ס. ארויסגעוויזן זייער הויכע שול בנוגע מענטשן-פארניכטונג. אוישוויץ איז געווען דער סינטעז פון נאציישן פארניכטונגס-סיסטעם. דאָ און אין בירקענוי אונטער דעם שטעכל-דראָט זענען מיליאָנען קרבנות אומגעקומען אין די גאז-קאמערן און קרעמאטאָריעס. דאָ זענען אויך פאָרגעקומען אויפשטאנדן פון אנטיפאשיסטישע און פאָר-געשריטענע עלעמענטן. געוויסע ידיעות פון דעם מאָרד-לאגער זענען אויף א געהיימען אופן דערגאנגען אין דער עפנטלעכקייט, א דאנק דער מי-פולער און מסירת-נפשדיקער חברישער ארבעט איז געלונגען צו העלפן א צאָל העפטלינגען איבערצוטראָגן די פייניקונגען.

— אָט איז די תליה אויף וועלכער רודאָלף העס, דער אויבער-תלין פונעם לאגער, איז אויפגעהאָנגען געוואָרן; האָט דער גיד אונדז געוויזן, און האָט אונדז אויך דערקלערט אז דעם לאָרד ע. רוססעלס איבערבליק וועגן דעם קאָנצענטראציע לאגער „אוישוויץ“ וועלכן איר זעט דאָ, איז געווען נאָר אן אָפּשיין פון דעם וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. (רוסעל האָט אָנטייל גענומען איןביידע וועלט-מלחמות, ער איז א באוווסטער יוריסט און איז גאנץ קאָמפעטענט בנוגע דער טעמע. ער האָט געאר-בעט אין די יאָרן 1942—1943 אינעם גענעראל-שטאב פון די אלירטע-ארמייען, און נאָך דער מלחמה איז ער געווען דער יורידישער ראטגעבער פונעם הויפּט-שטאב פון דער ענגלישער אָקופּאציע-ארמיי אין דייטשלאנד).

פון רוסעלס דאָקומענט דערוויסן מיר זיך אז:

ביים פּראָצעס האָט דער אויסוווּרף (רודאָלף העס) האָט גע-מוזט אָנערקענען א גרויסן טייל פון די באשולדיקונגען וואָס זענען איבערגעוויזן געוואָרן דורך טויזנטער אומשטרייטבארע דאָקומענטן. דער קאָמענדאנט רודאָלף העס האָט מודה געווען אז דאָ זענען פאַרגאזט און פארברענט געוואָרן טעגלעך 10.000 מענטשן. לויט זיינע רעכנונגען זענען איבער 3.000.000 פאר-ברענט געוואָרן.

פון אייניקע ביאָגראַפישע נאָטיצן וועגן דעם אויבער־תלין פון אוישוויץ, זעט מען אז, ער איז נאָך געווען א גזלן אינעם ערשטן וועלט־קריג, אז ער איז פאַרמשפּט געוואָרן אין יאָר 1923 אויף צען יאָר טורמע פאַר אָנטיילנעמען אין א פאַרברעכן. די נאַציס האָבן אים אַרויסגענומען פון דאָרטן. הימלער האָט דערזען אין אים א גוטן עלעמענט פאַר זיינע דיאַבאָלישע פּראָיעקטן. אין יאָר 1932 איז ער אַריין אין דער נ.ס.ד.א.פּ. ער איז אויך געווען אין דאַכאַו אין די יאָרן 1934—1930.

אין יאָר 1941, ווען הימלער האָט באַזוכט אוישוויץ, האָט ער פאַראָרדנט אַז דער לאַגער זאָל פאַרגרעסערט ווערן וועגן נאָך 100.000 געפאַנגענע. זייט דעמאָלט איז די צאָל פון די געפאַנגענע כסדר געוואַקסן. די עפּידעמישע קראַנקהייטן האָבן אָנגענומען מוראדיקע פאָרמען.

אין יאָר 1941 איז געקומען דער ערשטער קאָנטינגענט פון סלאָוואַקישע און אויבערשלעזישע יידן. און טאַקע ביים סאַמע אָנהייב, זענען די וואָס זענען פון די תלינים פאַררעכנט געוואָרן אַז זיי טויגן נישט צו קיין אַרבעט, באַלד פאַרגאַזירט און פאַרברענט געוואָרן.

העס, איז ווידער גערופן געוואָרן פון הימלערן וועלכער האָט אים דערקלערט אַז היטלער האָט פאַראָרדנט „די ענדגילטיקע לייזונג פון דער יידישער פראַגע אין אייראָפּא", און אַזוי ווי די אַנדערע מאָרד־לאַגערן פון פּוילן זענען נישט געווען אויף דער „הויך" לויט די נאַציִשע אויסרעכענונגען, האָט מען אים העסן געהייסן ער זאָל באַזוכן טרעבלינקע און זיך באַקענען מיט די דאָרטיקע אויסראָטונגס־מעטאָדן. העס איז אָבער נישט צופרידן געווען מיט די דאָרטיקע פאַרניכטונגס־מעטאָדן. זיי האָבן אים אויסגעוויזן צו זיין צו פּרימיטיוו, כאָטש זיי האָבן שוין דעמאָלט באַוויזן נאָר אין זעקס חדשים צו פאַרגאַזירן איבער 80.000 יידן. דאָס איז אָבער געווען זייער ווייניק. (הימלער האָט פּלאַנירט אַז דאָרט אין טרעבלינקע זאָלן פאַרטיליקט ווערן די יידן פונעם וואַרשעווער געטאָ).

אַזוי ווי אוישוויץ איז געווען א גוטע באַן־פאַרבינדונגס־פּונקט, ווו ס'האָבן זיך באַגעגנט פיר באַן־ליניעס און די געגנט איז נישט געווען צו שטאַרק באַוווינט און מען האָט זי געקאָנט לייכט איזאָלירן, איז זי אויסגעוויילט געוואָרן צו זיין די קרוין פון דער נאַציִשער „מאָרד־אינדוסטריע".

מיט אדאָלף אייכמאן האָט רודאָלף העס אויסגעארבעט דעם פּלאן פון די גרופּעס וואָס דארפן אהער קומען פון אלע אייראָפּעאישע לענדער כדי דערמאָרדעט צו ווערן.

די טראנספּאָרטן זענען געוואָרן אלץ גרעסער און געדיכטער. און אזוי ווי די אלע קרעמאטאָריעס, זענען נאָך נישט פארטיק געווען, זענען זיי פארגאזירט געוואָרן אין די פּראָוויזאָרישע גאז-האלעס און פארברענט געוואָרן אין גריבער.

די וואָס זענען לעבן געבליבן צייטווייליק, האָבן די ס.ס.-לייט מודיע געווען אז זיי טאָרן נישט פארגעסן, קיין איינציקע רגע, אז זיי געפינען זיך אין א דייטשן קאָנצענטראציע-לאגער, אז פון דאנען קאָן מען ארויס נאָר דורכן קוימען. אונטער א האָגל פון קלעפּ, האָט מען זיי געטריבן צום בלאָק 26, דאָ האָבן זיי זיך געמוזט אויסטאָן, דאָ האָט מען זיי אָפּגעראזירט די קעפּ, און געטריבן אין באָד אריין, אונטער הייסע אָדער אייזקאלטע וואסער-שטראָמען. נאָך עטלעכע מינוט האָט מען זיי נאקעט ארויסגעטריבן אין הויף אריין, ס'האָט געמעגט רעגענען, שנייען, אָדער זיין דער גרעסטער פראָסט. זיי האָבן באקומען ארעסטאנטן-קליידער, צעריסענע, שמוציקע, צו קליינע, אָדער צו גרויסע. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די רעגיסטראציע. דער געפאנגענער האָט פארלוירן זיין נאָמען און מיט ספּעציעלע נאָדלען האָט מען אויסטאטואירט דעם נומער פונעם העפטלינג אויף דער לינקער האנט. דעם דאָזיקן נומער האָט געמוזט יעדער העפטלינג אויסנייען אויף דעם רעקל און אויף די הויזן. דאָס אלץ איז געווען ביים אָנפאנג, אין יאָר 1940.

קאראנטין

וואָכנווייז האָבן געמוזט די העפטלינגען איבן דייטשישע סאָלדאטן-לידער, אויף טריט און שריט געשלאָגן געוואָרן. דער ציל איז געווען ברעכן דעם מאָראל און פיזישן צושטאנד פון דעם געפאנגענעם. זיי האָבן געמוזט לויפן אויף ציגל-ברוך, אויף גלאָז-ברוך מיט באָרוועסע פיס. די אָפענע וואונדן זענען פארשמוצט און פאראייטערט געוואָרן. שוין לאנג האָט מען געמוזט שפּרינ-

גען, לויפן, קריכן, קניען, אויף שפּיציקע שטיינער. די שוואַכע זענען געפאַלן. דער וואָס איז לעבעדיק געבליבן פון אָט דעם מין קאַראַנטין, איז צוגעשטעלט געוואָרן צו אַן „אַרבייטסקאָמאַנ־דאַנט". דאָ האָט ער ערשט דערזען ווי גרויס ס'איז דער אוי־שוויצער קאָנצענטראַציע לאַגער ווי אויך בירקענוי, מאָנאָוויץ און אַנדערע 39 לאַגערן וואָס זענען געווען בשכנות.

דער אַפּעל, דאָס ציילן

יעדן טאָג פלעגן פאַלן טויטע ביי דער אַרבעט. מ'האָט גע־מוזט ברענגען די טויטע און זיי ליגן פאָרנט. די צאָל האָט געמוזט שטימען. די געפאַנגענע האָבן לויטן באַפעל געמוזט שרייבן צו זייערע קרובים בריוו, מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט: „איך בין געזונט, כ'פיל מיך גוט". אַ סך אויסגעמאַטערטע פלעגן זיך לאָזן צו די שטעכלדראָטן וואָס זענען געווען אָנגע־לאָדן מיט הויכן עלעקטרישן שטראָם און אַזוי אַן ענדע גע־מאַכט צו זייער פאַרפּייניקט לעבן.

די געפאַנגענע זענען געווען געצוווּנגען אַליין צו בויען די לאַגערס. אויסגעמוטשעטע מענטשן האָבן געמוזט שלעפּן די שווערע מיט ציגל און בעטאָן אָנגעלאָדענע וועגענער. זיי האָבן געאַרבעט אויף די פעלדער, זיי האָבן געבויט די גאַז־קאַמערן, די קרעמאַטאָריעס. אין דייטשישע פאַבריקן, אין די אויסראָטונגס־פאַבריקן, אין כעמישע און מעטאַל הוטעס, אין די קוילן שיכ־טעס, איבער 600.000 געפאַנגענע האָבן געאַרבעט 12 שעה מעגלעך. פאַר די קלענסטע אָפּנויגן פלעגט מען זיי באַשטראָפן צו שטיין פינעף נעכט דורכאַנאַנד אין די שטיי־צעלן, און דער־נאָך האָט מען זיי געשיקט צו שטראָף־אַרבעט. די אָפּגעשוואַכטע אַרבעטער האָט מען געשיקט אין די גאַז־קאַמערן.

די וואָס זענען געטריבן געוואָרן צו דער גאַז־אָוזינע — איידער זיי זענען אַריין אין דער געביידע, — האָט מען זיי געהייסן זיך אויסטון לעבן אַ פּלויט. אויף דער טיר איז געווען אָנגעשריבן „דעזאינפעקציאָנס־רוים" כדי די געפאַנגענע זאָלן באמת גלייבן אַז מען הייט זיי געבראַכט אין אַ דעפּאַראַטיזאַציע־אָרט.

אזוי ווי זיי זענען אריין אין זאל זענען באלד די טירן פאר־מאכט געוואָרן, און דורך ספּעציעלע עפענונגען האָט מען אריינגעלאָזט דער גאז „ציקלאָן־ב.“.

דער גאז האָט דערשטיקט די קרבנות אין משך פון 10 מינוט.

שפּעטער מיט א האַלבע שעה, זענען די טירן אויפגעעפנט געוואָרן, און די טויטע קערפּערס זענען ארויסגעשלעפּט געוואָרן פון די „קאָמאנדאָס“, כדי זיי צו פארברענען אין די גריבער. אײדער ס'איז פון זיי אש געוואָרן, האָט מען פון די מײַלער ארויסגעריסן די גאָלדענע ציין און די רינגלעך פון די פינגער. צווישן די קערפּער האָט מען געזייגט האָר, און ווען אין א גרוב איז שוין געווען הונדערט קערפּערס האָט מען דאָס האָלץ מיט די שמאַטעס אײַנגעטונקענע אין פאראַפין, אָנגעצונדן. ווען דאָס פייער האָט זיך צעפלאַקערט האָט מען נאָך ארויפגעוואָרפן אנדערע מתים. אזא שײַטער פלעגט דויערן זעקס ביז זיבן שעה, און דער ריח פון פארברענט פלייש האָט מען געפילט און לאגער אפילו דעמאָלט ווען דער ווינט פלעג אים ווייט פארטראָגן.

נאָכדעם וואָס די גריבער זענען אויסגערייניקט געוואָרן, האָט מען די געפאנגענע פונעם לאגער געצוווּנגען זיי אַליין זאָלן די ארבעט אויספירן: די ביינער זאָל מען לייגן אויף א צעמענטירטן באָדן און מיט שווערע הילצערנע האמערס זיי צעפּיצלען. וואָס עס וועט בלײַבן זאָל מען ארויספירן מיט קאמיאָנען און ארײַנוואַרפן אין דער ווײַסל.

די אויבן דערמאנטע באַשרײַבונג שטאמט פון א דעקלאראציע וואָס ער, העס, האָט אָפּגעגעבן אין חודש מערץ 1946 און דאָס איז נאָר בנוגע די מעטאָדן וואָס זענען באנוצט געוואָרן אין די פּראָוויזאָרישע גאז־קאמערן. דאָס וואָס וועט ווײַטער באַשריבן ווערן, איז פון דעם זעלבן קוואַל, אָבער שוין נאָכדעם וואָס די פּערפעקציאָנירטע מעטאָדן זענען אָנגעווענדט געוואָרן אין די נײַע צוויי גאָר גרויסע קרעמאַטאָריעס וועלכע זענען פארטיק געוואָרן סוף יאָר 1942.

דעמאָלט זענען געקומען גרויסע טראנספּאָרטן פון בעלגיע, פראנקרייך, האָלאנד און גריכנלאנד און זענען אויפן פּלאַטפאָרם אויסגענומען געוואָרן: דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ א ספּעציעלע ראַמפּע, צווישן דעם מאגאזין־לאגער און צווישן

דעם לאגער פון בירקענוי. ביי דער ראמפע זענען די געפאנגענע סעלעקציאָנירט געוואָרן און מען האָט ביי זיי צוגענומען דעם באגאזש. די געפאנגענע וואָס זענען לויט די גזלנישע „דאָקטוירים" פעיק געווען צו ארבעטן האָט מען געפירט אין איינעם פון די פארשיידענע לאגערן; די וואָס זענען געווען אומפעיק און וועלכע מען האָט געראַטן אומברענגען האָט מען געפירט צו איינעם פון די נייע קרעמאטאָריעס.

די קרבנות זענען צום ערשטן אריינגעפירט געוואָרן אין אן אונטערערדישן גרויסן זאל, וואָס איז געווען לעבן דער גאזקאמער.

אין דער דאָזיקער קאמער זענען געווען בענק, הענגער וועגן קליידער און די דאָלמעטשערס האָבן געזאָגט די געפאנגענע אז דאָ וועלן זיי זיך באָדן און דעפעראזיטירט ווערן, אזוי אז, זיי זאָלן נישט פארגעסן ווו זיי האָבן אויפגעהאָנגען די קליידער. פון דאָרטן זענען זיי אריין אין אן אנדערער קאמער, וואָס איז געווען פארזען מיט דושן כדי עס זאָל מאכן דעם איינדרוק אז די אינסטרוקציעס וואָס זיי האָבן באקומען פון די דאָלמעטשערס זענען ריכטיק. די דאָזיקע פרעקאוציעס האָבן געהאט דעם ציל צו פארהיטן די פאניק: צוויי באגלייטערס זענען שטענדיק געבליבן מיט די געפאנגענע ביזן לעצטן מאָמענט כדי צו שטילן די אומרויקייט.

מיט דעם אלעמען, האָבן צומאָל די געפאנגענע געפילט, וואָס מען גרייט פאר זיי צו, איבערהויפט די וואָס זענען געקומען פון בעלזען. (אין בעלזען, זענען נישט געווען קיין גאז־קאמערן), און ווען די געפאנגענע פון בעלזען, וואָס געפינט זיך אין מערב־דייטשלאנד האָבן געזען אז זיי זענען א סך קילאָמעטער ווייט אריין אין מזרח און קומען אָן קיין אויבער־שלעזיען, זענען זייערע חשדים געוואָרן ערנסטע.

אזוי ארום, ווען ס'איז געקומען א טראנספּאָרט פון בעלזען, זענען די זיכערהייט־מאָסמיטלען פארשארפט געוואָרן, און די געפאנגענע זענען צעטיילט געוואָרן אין קלענערע גרופּעס און געשיקט געוואָרן צו פארשידענע קרעמאטאָריעס, כדי אויסצומיידן בונטן. די ס.ס.־לייט האָבן פאָרמירט א פעסטן קאָרדאָן און געצוונגען די געפאנגענע וואָס האָבן געשטעלט א ווידער־

שטאנד אריינצוגיין אין די גאז־קאמערן. די בונטן זענען געווען זעלטענע, און די מאַסמיטלען וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן זענען אַמיינסטן געלונגען.

אין זיין דעקלאַראַציע, האָט העס באַשריבן דעם אופן, ווי אַזוי ס'זענען פאָרגעקומען די ערשטע בונטן:

„כ'דערמאָן זיך גאָר באַזונדערס אָן איין אינצידענט. ס'איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט פון בעלזן, און צוויי דריטל פון אים, ס'רוב מענער, האָבן זיך געפונען אין דער גאַז־קאַמער, און אַ דריטל — נאָך אין וואַרטע־זאַל. ווען דריי אָדער פיר באַוואָפנטע ס.ס. זענען אַריין אין וואַרטע־זאַל און האָבן געיאָגט די געפאַנגענע זיך אויסצוטון, איז דער אויפשטאַנד אויסגעבראָכן.

די עלעקטרישע קאַבלען זענען אָפּגעריסן געוואָרן, די ס.ס.־לייט האָט מען אַנטוואָפנט און מען האָט זיי אומגעברענגט געמאַכט. איינער פון זיי איז דערשטאָכן געוואָרן. אַזוי ווי אין דער קאַמער איז געווען גאַנץ טונקל, זענען אויסגעבראָכן פייערן צווישן דער וואַך פונעם אַרויסגאַנג און צווישן די געפאַנגענע פון אינעווייניק. ווען איך בין געקומען, האָב איך געגעבן דעם באַפעל מען זאָל פאַרמאַכן די טירן, און מען זאָל פאַרענדיקן דאָס פאַרגאַזן דעם ערשטן טייל, און דערנאָך בין איך אַריין מיט אַ וואַך וואָס האָט געטראָגן קליינע שטורקאַצן און אַריינגעשטופּט די געפאַנגענע אין אַ ווינקל און פון דאָרטן האָט מען זיי אַרויסגענומען איינציקווייז און געפירט אין אַן אַנדערע גאַז־קאַמער, און זיי דערשאָסן, לויט מיין באַפעל מיט וואָפן פון אַ קליינעם קאַליבער".

די פרויען פלעגן צומאָל באַהאַלטן די קינדער צווישן די קליידער, בשעת זיי האָבן זיי אויפגעהאָנגען אויפן הענגער, און האָבן זיי נישט מיטגענומען אין דער גאַז־קאַמער. די ס.ס. לייט אָבער — האָבן דעמלט באַפוילן די קאָמאַנדאָס צו זוכן צווישן די קליידער און אַכטונג געבן, אַז די באַהאַלטענע קינדער זאָלן אַריינגעוואָרפן ווערן אין די גאַז־קאַמערן. אין דער נייער פערפעקציאָנירטער גאַז־קאַמער נאָך אַ האַלבע שעה וואָס מ'האָט אָפּגעלאָזט דעם גאַז, האָט מען אין באַטריב געלאָזט די עלעקטרישע אינסטאַלאַציע ווען אויפפרישן די לופט. די מתים זענען טראַנספּאָרטירט געוואָרן מיט אַ ווינדע צו די פאַרברען־אויוונס. דאָס

פארברענען פון 2.000 מתים אין פינעף אויוונס האָט גע־דויערט 12 שעה.

אַלע מלבושים און אַלע זאַכן וואָס האָבן געהערט צו די גע־פאַנגענע, זענען סאָרטירט און אײַנמאַגאַזינירט געוואָרן פון א קאָמאַנדאָ וואָס זענען אויך געווען געפאַנגענע, וועלכע האָבן דאָרט געהאַט זייער וווין־אָרט. זיי זענען כסדר באַנוצט געוואָרן צו דעם ציוועק. די ווערט־זאַכן זענען מאָנאַטלעך אַוועקגעשיקט געוואָרן צו דער רייכס־באַנק. די מלבושים, גאָבדעס וואָס זיי זענען אויסגערייניקט געוואָרן, האָט מען געשיקט אין די וואָפן־פאַבריקן, כדי זיי זאָלן נוצן פאַר די ארבעטער־שקלאַפן. די גאָלדענע ציין־פּראָטעזן, זענען צעשאָטע און געשיקט געוואָרן יעדן מאָנאַט צו דעם סאַניטעטס־דינסט פון ס.ס.־וואַפן.

ענדע דעצעמבער 1943 איז העס אוועק פון אוישוויץ, אָבער די בעסטיאַלע אויסראָטונג האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. העס, האָט איבערגענומען אן אדמיניסטראַטיווע ס.ס.־פונקציע אין מינ־כען, אונטער דער קאָמאַנדע פונעם אָבערגרופּענפירער פּאָהל.

מיט דעם ראַנג האָט ער אָפּט אינספּעקטירט די קאָנצענטראַ־ציע לאַגערס און א גרויסע צאָל אינפאָרמאַציעס וואָס מיר האָבן היינט, וועגן די דאָזיקע „אינסטיטוציעס" זענען פון אים.

פון אים ווייסן מיר אויך אז אין אוישוויץ זענען וויניקסטענס דריי מיליאָן מענטשן דערמאָרדעט געוואָרן פון וועלכע $2^1/_2$ אין די גאַז־קאַמער־ן.

פון אים ווייסן מיר אויך אז נאָר לויט איין באַפעל, אין דער צייט ווען ער איז געווען קאָמאַנדאַנט אין אוישוויץ זענען אויס־געהרגעט געוואָרן זיבעציק טויזנט קריגס־געפאַנגענע. און אליץ ער איז געווען דער וואָס האָט אין א פּעריאָד פונעם 1943־טן יאָר, אויסגעהרגעט צען טויזנט מענטשן טאָג־טעגלעך אין די גאַז־קאַערן.

די טויט־טראַנספּאָרטן זענען געקומען פון סלאָוואַקיע, גריכנ־לאַנד, פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד, אונגארן, רומעניע, פּוילן, אויבער־שלעזיע און דייטשלאַנד.

אין אַלע קאָנצענטראַציע־לאַגערן האָבן די קלענערע פּאָסטנס פאַרנומען דייטשישע פּראָפעסיאָנעלע פאַרברעכער, ארויסגענומענע פון די ציוויל־טורמעס און אויסגעשולט אויף א ספּעציעלן אופן

ווען זייער ארבעט, פונעם ס. ס. אויסגעאיבטן פערסאָנאַל אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

דער אוישוויצער פערסאָנאַל איז אויסגעוויילט געוואָרן פון די סאמע געמיינסטע פארברעכער, וואָס זענען פארמשפּט געוואָרן אויף לאנגע יאָרן טורמע פאר זייערע גרויסע פארברעכנס. האָט דען הימלער געקאָנט געפינען בעסערע אגענטן כדי אויספירן זיינע פארברעכערישע פּלענער?

ביים אָנהייב איז דער לאגער באַשטימט געוואָרן נאָר פאר פּאָליאַקן, אָבער שפּעטער זענען אהער געשיקט געוואָרן געפאנגענע, אַפּשטאמיקע פון 26 נאציאָנאַליטעטן, און צום סוף, ווען דער לאגער איז באַשטימט געוואָרן נאָר ווען אויסראָטונג. איז דער רוב באַשטאנען פון יידן.

די וואָס זענען באַשטימט געוואָרן זיי זאָלן נישט תיכף אויס־געראָטן ווערן, זענען פארשריבן געוואָרן און באַקומען נומערן. די דאָזיקע נומערן זענען געווען אויסגענייט אויף די קליידער פון די געפאנגענע, און אָנהויבנדיק פונעם 1942 יאָר זענען זיי טאַטואירט געוואָרן אויף די אָרעמס.

עס זענען אויך צוגעניים געוואָרן אויף דעם שקלאַפן־אָנטועכץ ספּעציעלע סמנים לויט פארשיידענע קאַטעגאָריעס פון די גע־פאנגענע. א רויטער דרייעק פאר פּאָליטישע געפאנגענע, א גרי־נער פאר פּראָפעסיאָנעלע פארברעכער, א ראָזער, פאר האָמאָ־סעקסואַלן, א שוואַרצער פאר פּראָסטיטוטקעס און פערוועריסע פרויען און וויאָלעט פארן קלער. די יידן האָבן געטראָגן דעם מגן־דוד אין שפּעטער א געלן צייכן אויפן דרייעק.

נאָכדעם וואָס זיי זענען פארשיקט געוואָרן האָבן זיי פאר־לוירן אלע רעכטן און זענען געוואָרן געוויינלעכע נומערן, האָבן נישט מער געהאַט קיין פּערזענלעכקייט און האָבן שוין גאָרנישט פארמאָגט. אלע זייערע זאַכן זענען קאָנפיסקירט און איינמאגאַ־זינירט געוואָרן, מיטן אויסנאם פון א טייל פאר וועלכע ס'זענען געווען ספּעציעלע פאראָרדנונגען ווי אויך פון די זאכן וואָס די ס.ס.־לייט האָבן פאר זיך צוגעראבעוועט ווען זייער איינן גע־ברויך און ווען זייערע פאמיליעס.

אין דעם דאָזיקן לאגער האָבן עקזיסטירט פינעף און דרייסיק ספּעציעלע געביידעס אין וועלכע ס'זענען סאָרטירט און איינ־

מאגאזינירט געוואָרן די דאָזיקע זאכן. כדי מיר זאָלן האָבן אן אנונג וועגן דער קוואנטיטעט דארפֿן מיר געדענקען אז 29 פֿון די דאָזיקע געביידעס צוזאמען מיט אלעמען וואָס איז געווען אין זיי, זענען פֿארברענט געוואָרן פֿון די דייטשן, און די געבליבענע געביידעס, וועלכע דער שונא האָט שוין קיין צייט נישט געהאט צו פֿארברענען פֿאר זיין אנטלויפֿן, האָט מען געפֿונען די פֿאָלגענדע זאכן: 348.200 קאָסטיומען; 836.255 דאמען קאָמפּלעטן; 5.515 דאמען=שיך; 38.000 מענער=שיך; 13.694 טעפּיכער; טויזנטער צין=בערשטלעך; א בארג מיט ראזיר=פּענזלעך; ברילן, פֿארשידענע קינדער=זאכן, רעדצלעך, ליאלקעס, און אפֿילו פּראָטעזן. דאָס איז גאָר א נישטיקער טייל פֿונעם רויב.

די שטראָפֿן וואָס דער קאָמאנדאנט האָט כסדר דורכגעפֿירט זענען געווען: שמיץ, שטיין אויף די קני שעהנווייז און דאָס פֿארמאכן אין א ענגער און פֿינצטערער צעלע. די דאָזיקע צעלן זענען געווען אזוי קליין, אז די געפֿאנגענע האָבן זיך נישט געקאָנט רירן, און געמוזט שטיין אויף די פֿיס די גאנצע צייט. אין בירקענוי האָבן די אריינגענג אין אזעלכע צעלן געהאט דעם זעלבן אויסזע ווי די עפֿענונגען פֿון הינט-שטייגן. א מענטש האָט זיך קוים געקאָנט אהין דורכשטופּן.

דאָס פֿארמאכן אין דער שטיי=צעלע איז צונעפֿראוועט געוואָרן מיט פֿארשיידענע טאָרטור=פֿאָרמעס, ווי ארויסרייסן די נעגל, גיסן וואסער אין די אויערן, גאנצע טעג נישט צולאָזן קיין עסן, אויסער גרינציגן וואָס זענען געווען שטארק געזאלצן כדי דער געפֿייניקטער זאָל נישט איבערטראָגן דעם דורשט.

דאָס שמייסן איז פֿאָרגעקומען עפֿנטלעך, בשעת דעם אָנטאַפּעל, אויף א קלאָץ וואָס איז ספּעציעל וועגן דעם צוועק געמאכט געוואָרן. געשמיסן האָט מען אויפֿן הוילן לייב מיט א לעדערנע בייטש וואָס האָט געהאט איינגעפֿאסט אין שפּיץ בליי. געשמיסן האָט מען ביז ס'האָט גערינען בלוט, אויב דער געפֿאנגענער אָדער די געפֿאנגענע האָט געחלשט, האָט מען זיי דערמינטערט. און די שטראָף איז פֿאָרגעזעצט געוואָרן ביז צום סוף.

אַמייסטן זענען די פּרויען באַשטראָפט געוואָרן צו שטיין אויף די פּיס שעהנווייז, גלייך אויסגעשטרעקט, און דער צייט האָבן די פרויען נישט באַקומען קיין שום עסן. די שטראָף צו שטיין אויף די קני איז באַשטאַנען אין דעריין; שטיין אויף די קני מיט אויסגעשטרעקטע הענט האַלטנדיק אין יעדער האַנט אַ שווערן שטיין, אויב דער געפאַנגענער האָט אַ ביסל אַראָפּגעלאָזט די הענט אָדער אַראָפּגעלאָזט דעם שטיין האָט ער באַקומען שמיץ.

אין דער שרעקלעכער באַראַקע 11 האָט געוווינט די שטראָף-קאָמפּאַניע. אָט ווי עס באַשרייבט די דאָזיקע באַראַקע אַ געוועזענער מיטגליד פון דער לאַגער אַדמיניסטראַציע:

„פון דרויסן האָט מען כמעט נישט געזען קיין אונטערשייד צווישן איר און די איבעריקע 28 באַראַקן אין וועלכע ס'האָבן געוווינט די געפאַנגענע, אָדער די וואָס זענען באַנוצט געוואָרן פאַר קיכן און שפּיטאָלן. עטלעכע שטיינערנע טרעפּ מיט אַן אומשולדיקן אויסזע האָבן געפירט צו דעם פאָדערשטן אַריינגאַנג. צום אונטערשייד פון די אַנדערע באַראַקעס, איז די טיר פון דער 11-טער באַראַקע שטענדיק געווען פאַרמאַכט. ווען ס'האָט געקלונגען דאָס גלעקל, איז געקומען אַ ס.ס.-זעלנער, וועמעס טריט ס'האָבן זיך געלאָזט הערן פון דער ווייטנס פון דער באַראַקע וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק אַז זי איז ליידיק. ער האָט געקוקט מיט חשד דורך די קליינער עשאַטקע אויף יעדן וואָס איז געקומען איידער ער האָט אים אַריינגעלאָזט. אין דעם האַלבפינצטערן קאָרידאָר האָט מען געזען זען אַ מאַסיוון טויער מיט אַן אייזערנעם גרילאַזש, וועלכער האָט אויסגעזען אַז ער טיילט קאָמפּלעקט אָפּ דעם הויפּט-טייל פון דער באַראַקע.

נאָך פון דרויסן איז געווען אויפאַלנד וואָס די פענצטער זענען געווען כמעט אינגאַנצן פאַרמויערט. ליכט האָט געקאָנט אַריינדרינגען נאָר דורך אַ שמאָלער עפענונג. באַמערקנדיק די מיט ברעטער באַלכסנן פאַרקלאַפּטע פענצטער פון דער שכנות-דיקער באַראַקע, ביסטו שוין ווי זיכער געווען אַז אינעווייניק איז עפּעס סודות-פול באַהאַלטן".

אין דער דאָזיקער פינצטערער געביידע, מיט אַ דראָענדיקן אויסזע, האָבן געוווינט די מיטגלידער פון דער שטראָף-קאָמפּאַ-

ניע. דעמלט ווען זיי זענען נישט געווען אין דרויסן אָדער אויף דער ארבעט. זיי האָבן תמיד געארבעט אויף „דער פרייער לופט“, אמיסטנס, שטייענדיק אין וואסער ביז צום גארטל. ווען ס׳איז קיין ארבעט נישט געווען, זענען זיי געלעגן א גאנצע נאכט אין פארפרוירענע צימערן אויף דער הוילער ערד. אין אזעלכע אומשטאנדן איז די צאָל פון די קראנקע געווען זייער גרויס און אזוי ווי די קראנקע פון דער עלטער באראקע האָבן נישט געהאט קיין רעכט איינצוטרעטן צו ווערן אין שפיטאָל, זענען א סך פון זיי געשטאָרבן. נאָך א גרעסערע צאָל איז אָבער געשאָסן געוואָרן פון געוואַלט־אקטן.

דער שעף פון דער באראקע, א געוויסער קראנקענמאן, האָט א סך אסירים דערהרגעט מיט די אייגענע הענט. אויסשטעלנ־דיק די געפאנגענע אין א ריי אויף דער גאנצער לענג פון דער שטיינערדיקער מויער, ער פלעגט זיי מערדערלעך שלאָגן איבערן פנים ביז די ציין זענען זיי אויסגעבראָכן געוואָרן און געקלאפט אזוי לאנג מיט זייערע קעפ אין דער וואנט ביז זיי זענען צע־שפאָלטן געוואָרן.

ווען די געפאנגענע זענען געוואָרן ארבעט־אומפעיק, האָט מען זיי אויעק גענומען און דערמאָרדעט. די סעלעקציע איז געמאכט געוואָרן מיט גרויס פאראד. די קראנקע און די עלטערע, וואָס האָבן געווּסט דעם צוועק פון דער פאראדע האָבן געפרווט אויסזייון געזונטער און יונגער. זיי זענען געגאנגען גלייך, ארויסגעשטעקט די ברוסטן. נאָכדעם וואָס מען האָט זיי אויס־געקליבן, האָט מען זיי צוגעטיילט אין סעפאראטע באראקעס, וועלכע די געפאנגענע האָבן א נאָמען געגעבן „די טויט־בא־ראקעס“.

דאָס פארגאזן איז נישט געווען דאָס איינציקע מיטל מיט וועלכן מ׳האָט דערהרגעט די נישט נוצלעכע. א מעטאָד פון הרגענען די געפאנגענע דורך אימפונגען מיט פענאָל איז אנט־דעקט געוואָרן פון ס.ס.־אָבערשטורמפירער דאָקטער ענדרעדר. אים האָבן געהאָלפן אויך אנדערע פארשוינען פונעם מעדיקא־לישן קערפּוס, און צוזאמען האָבן זיי אויסגעהרגעט נישט ווייניקער פון 25.000 געפאנגענע. די אימפונגען זענען געמאכט געוואָרן אויפן פאָלגנדיקן אופן:

דער פארמשפּטער איז אװעקגעזעצט געװאָרן אויף א שטול װאָס איז געװען ענלעך צו א דענטיסט־שטול און צװיי געפאנגענע האָבן אים געהאלטן די הענט, בשעת א דריטער האָט אים פארשטעלט די אויגן מיט א האנטוך און אים געהאלטן דעם קאָפּ. דעמלט האָט זיך דערנענטערט דער דאָקטער קלעהר און האָט אים ארייַנגעשטאָכן א לאנגע נאָדל אינעם הארץ. דערנאָך האָבן אנדערע געפאנגענע װאָס האָבן בייגעװוינט ביי דער אומפונג, געפירט דעם קרבן, דעם פארחלשטן אין א זייטיקן צימער און האָבן אים אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע, װי ער איז געשטאָרבן פריער פון האלבער מינוט.

דער דריטער מיטאָד פון אויסראָטונג איז געװען דאָס דערשיסן. די דאָזיקע עקזעקוציעס זענען דורכגעפירט געװאָרן פון דער פּאָליטישער סעקציע אונטער דער אָנפירונג פון ס.ס.־אונטערשטורמפירער גראַבנער װאָס האָט אויסגעפירט די אמערסטע פארברעכנס פונעם גאנצן ס.ס. אָט װי עס האָט אים באשריבן איינער װאָס האָט אים געקענט:

„אינעם ביוראָ פון דער פּאָליטישער סעקציע האָט מען צוגעויפגערופן די קאדרען און אלע פונקציאָנארן. דער שעף פון ס.ס., דער אונטערשטורמפירער דאָקטאָר ערנסט גראַבנער, האָט געהאט א געשפרעך מיט זיי װעגן אן אָפיציעלן ענין. הינטער זיין מאסיװן ביוראָ, באַרימט זיך דער מענטש פון מיטעלן װוקס רעדנדיק מיט זיין עסטרייכישן אקצענט, מאכנדיק זיך װיכטיק. זיינע אומאויפהערלעכע פראזעס אין א פארדאָרבענעם דייטש האָבן באלד באװיזן אז ער איז אן אומקולטורעלער מענטש, טראָץ זיינע זילבערנע עפּאָלעטן. איצט טראָגט ער מיט שטאָלץ די לאַצן פון דער זיכערהייטסדינסט. ער איז נישט צופרידן װיאזוי די סעקציע האָט געארבעט. ס'זענען פאראן צו װייניק מסירות פון די געפאנגענע, צו װייניק רעקאָמאנדאציעס װעגן עקזעקוציעס.

ער טאדעלט זיינע אונטערגעאָרדנטע בשעת ער באפעלט: אז זיי זאָלן זיין מער ברוטאל אין דער צוקונפט, װערט געענטפערט מיט א געדעמפּטן קלונג פון די אָפּצאסן. גראַבנער איז געװאָרן דער װיכטיקסטער מענטש פונעם לאגער א דאנק זיין ברוטאלי־

טעט, אמביציע און זיין ווילן צו ווערן רעספּעקטירט. אפילו דער קאָמענדאנט העס פערזענלעך, אויף וועלכן מען קאָן קיין תרעומות נישט האָבן בנוגע סאדיסטישע רציחות און וועלכער איז אויך געווען סקרופּולאָז, האָט געזוכט אויסצומיידן ער זאָל מיט אים נישט האָבן קיין רייד".

גראבנער האָט טעגלעך פאראָרדנט מאסן-עקזעקוציעס און האָט אויך איינגעפירט א נייעם מעטאָד צו שיסן די קרבנות אין גאקן, וואָס די ס.ס. האָט שפּעטער איינגעפירט אומעטום אין גאנץ אייראָפּא. זיינע הויפּט-געהילפן זענען געווען פריטש, פּאליטש און אוימעיר. פריטש האָט זיך נוהג געווען זיך צו אדרעסירן צו ניי-געקומענע מיט די פאָלגנדע ווערטער:

„זייט וויסן אז איר זענט נישט געקומען אין קיין סאנאטאָריע, נאָר אין א דייטשן קאָנצענטראציע-לאגער, פון וואנען מען קומט נישט ארויס, סיידן דורכן קוימען! אויב ס'געפעלט אייך נישט, ווארפט זיך אויף די דראָטן די אָנגעלאָדענע מיט הויכן עלעקטרישן-שטראָם". גראבנער מיט זיינע געהילפן האָבן געפייניקט די אינטערנירטע בשעת די אויספאָרשונגען, וואָס זענען זייער אָפט פאָרגעקומען, כמעט אָן א פאַרוואָס. די אינטערנירטע האָט מען געשטאָכן מיט נאָדלען און מיט צעגליטע אייזנס אין די געשלעכטס-אָרגאנען.

די עקזעקוציעס דורך שיסן זענען אויסגעפירט געוואָרן ביי די סלופּעס, ארויס פונעם לאגער. די געפאנגענע האָט מען צוגעבינדן צו די סלופּעס מיט די הענט ארונטער און מ'האָט זיי געשאָסן צו צען אין איין גרופּע. די לעצטע גרופּע האָט געמוזט אָנטייל נעמען ביי דעם דערשיסן פון אלע גרופּעס".

„פּאליטש האָט אליין געשאָסן, גראבנער אָבער האָט געגעבן דעם באפעל; 25.000 געפאנגענע זענען דערשאָסן געוואָרן אויף דעם אופן אין אוישוויץ".

דער פערטער און דער לעצטער מעטאָד פון אויסראָטונג וואָס איז באנוצט געוואָרן זייער אָפט איז געווען די תליה. דער דאָזיקער מעטאָד איז אמייסטן באנוצט געוואָרן ווען די געפאנגענע האָבן געפּרוווט אנטלויפן און זענען געכאפּט געוואָרן, די עק-

זעקוציעס זענען פאָרגעקומען ביי דער אָנוועזנהייט פון אַלע געפאנגענע. כדי אָנצוּוואַרפן אויף זיי א מורא, זיי זאָלן מער נישט פרוּוון צו אנטלויפן. איידער מ'האָט די קרבנות אויפגע־האָנגען האָט מען זיי געשמיסן. זייערע גופים האָט מען געלאָזט הענגען א גאנצע נאכט, אין דער פרי האָט דער גאנצער לאגער געמוזט דעפּילירן פאר די תליות.

היטלעריסטישע אויפנאמע אין בירקענוי

2400 קילאָמעטער זענען די ערשטע דורכגעפאָרן אין פארשלאָסענע בהמות־וואַגאָנען ביז קיין בירקענוי. אויפן וועג האָבן זיי נישט באקומען קיין שום שפייז. צום ערשטן מאָל זענען די ריגלען פון די וואַגאָנען אויף די באן־ראמפּע פון בירקענוי געעפנט געוואָרן אין שכנות פון דער צווייטער און דריטער קרעמאטאָריע. דאָ איז פאָרגעקומען די ס.ס.־סעלעקציע און אָט אזוי האָט זי אויסגעזען לויט העסן:

„די וואַגאָנען זענען אויסגעלאָדן געוואָרן איינער נאָכן אנ־דערן. נאָר נאָכדעם וואָס זיי האָבן אָפּגעלייגט דאָס געפּעק האָבן זיי געמוזט איינציקווייז דורכגיין פארן ס.ס.־דאָקטער, וועל־כער האָט אנטשידן בשעת דער קרבן האָט מארשירט, אויב ער איז פעיק צו ארבעט, צי נישט. די וואָס זענען פעיק געווען צו ארבעט האָט מען באלד אין קליינע גרופּעס געפירט אין לאגער. די צאָל פון די וואָס האָבן געטויגט צו דער ארבעט האָט דערגרייכט פון 25—30 פּראָצענט. דער דורכשניט ציפער פאר יידן איז געווען 15%“.

דער ס.ס.־דאָקטער יאָהאן קרעמער, וואָס האָט פערזענלעך אָנטייל גענומען אין דער סעלעקציע, נאָטירט אין זיינע מעמוארן:

„צום ערשטן מאָל, ארום דריי אזייגער האָב איך אין דרויסן אָנטייל גענומען ביי א זאָנדעראקציע. דער דאנטישער גיהנום איז נישט מער ווי א קאָמעדיע לגבי דעם וואָס דאָ איז פאָר־געקומען. נישט אומזיסט האָט מען אוישוויץ א נאָמען געגעבן „דער אויסראָטונגס־לאגער“.

די ס,ס.־לײַט האָבן זיך געשטופּט אָנטײל צו נעמען אין די דאָזיקע סעלעקציעס. װעגן דעם האָט יאַהאַן קרעמער געשריבן פאָלגענדעס:

„ארום אכט אזײגער פארנאכט בין איך װידער אָנװעזנד געװען װען ס'איז אָנגעקומען א האָלענדישער טראַנספּאָרט. פאר 200 גראם שנאַפּס, 5 ציגארן, 100 גראם װורשט מיט ברויט האָבן זיך די פארשוינען געיאָגט צו אזעלכע „אקציעס"‚

דער שטח װאָס האָט געהערט צו דער לאגערפארװאלטונג, האָט פארנומען פּערציק קװאדראט קילאָמעטער.

אינעם עלנטן בלאָק פון אױשװיץ, האָט מען אױסגעפּרוװט דעם גאז ציקלאָן־ב.

די קרבנות זענען פארברענט געװאָרן אין די קרעמאטאָריעס. װען ס'זענען אָבער געװען מער קרבנות װי די קרעמאטאָריעס האָבן געקאָנט ארײַננעמען, האָט מען געמאַכט מאסן־גריבער אין װעלכע די מתים זענען פארברענט געװאָרן. די צאָל פון די קרבנות פון די מאסן־גריבער אין געװען 167.000.

דער פארשאָלטענעם העם טײלט מיט, אז די דײטשע־אינוואַזיע־אָבוער, װאָס איז געװען אײַנקװארטירט אין אױשװיץ, האָט פּראָטעסטירט קעגן גרויסן פײער װאָס מען האָט געזען פון דערװײַטנס.

נאָך דער סעלעקציע אויף דער ראמפּע האָט מען די מענטשן װאָס זענען באשטימט געװאָרן פארגאזט צו װערן, פארזיכערט אז זײ גײען זיך באָדן. אין די גאז־קאמערן זענען געװען דושן (שפּריץ־בעדער).

מען האָט זײ באפאלן מיט געשלעג און מיט אָנגערײצטע הינט. אָנגעפּראָפּט צירקא 2000 מענטשן אין א זאל פון 210 קװאדראט מעטער. נאָכדעם װאָס די טירן זענען פארהאקט געװאָרן, איז פון די עפענונגען פון דעם סופיט ארײַנגעלאָזט געװאָרן דער גאז ציקלאָן־ב.

נאָך צװאנציק מינוט האָט מען די גאז־קאמערן געעפנט. פון די פארגיפטעטע האָט מען ארויסגעריסן די גאָלדענע צײן. אָפּגעשניטן די האָר. אראָפּגענומען די אױרינגלעך און די רינגלעך

פון די פינגער. דערנאָך טראַנספּאָרטירט די טויטע אין די קרעמאַטאָריעס. די דאָקומענטן פון די פארברענטע האָבן זיי פארניכטעט.

א ווידערשטענדלער מיטן נאָמען שמולעוויטש איז געלונגען צו באקומען פאָטאָ-פילמען. אראָפּגענומען עטלעכע בילדער און זיי ארויסשיקן פון אוישוויץ צו די ווידערשטענדלער פון יענער זייט שטעכל-דראָט.

דער פארלויף פון דער פארניכטונגס-אקציע איז געווען געהיים. פון א ניי געקומענעם טראַנספּאָרט זענען מצד די ס.ס.-לייט אויסגעשולט געוואָרן טייל ארעסטירטע ווי אזוי צו ארבעטן אין גאז-קאמערן. זיי האָבן באקומען דעם נאָמען „זאָנדער-קאָמאנדאָ“. די קרבנות האָבן זיי ארויסגעפירט פון די גאז-קאמערן און פארברענט. אלס אזויגערופענע „געהיימניס טרעגער“ זענען זיי נאָך א באשטימטער צייט אויך אריין אין די גאז-קאמערן. און זייער פּלאץ האָבן פארנומען אנדערע געפאנגענע וועלכע זענען געקומען מיט די פרישע טראַנספּאָרטן און געצוווּנגען אויסצופילן די פארשאָלטענע שליחות.

אלע ס.ס.-לייט האָבן געמוזט אונטערשרייבן א פארפליכטונג, אז אין דער גאנצער צייט וואָס זיי וועלן דינען אין קאָנצענטראציע-לאגער, אָדער אין סיי וועלכער אנדערע איינהייט, טאָרן זיי נישט רעדן וועגן די איינריכטונגען פונעם לאגער.

ס'איז נישט געלונגען די נאציס צו פארווישן די שפּורן פון די פארניכטונגס-איינריכטונגען. אין די מאגאזינען פון קאָנצענטראציע-לאגער האָט מען געפונען הויפנס פון ליידיקע פּושקעס גיפט-גאז ציקלאָן-ב. און אויך א סך פולע. דער ציקלאָן-ב. איז געליפערט געוואָרן פון דער פירמע „דעגעש“ און איז פארשפּרייט געוואָרן פון דער פירמע „טעש און סטאבענאָוו“. צו דער פאבריק קיין דעסוי וו די פירמע געפינט זיך, זענען געפאָרן לאסט-אויטאָס פון אוישוויץ. דאָס ווערט באשטעטיקט דורך איבער פופציק באקומענע פאָר-באפעלן.

ציקלאָן-ב. אין קריסטאלפאָרם איז דער שטארקסטער און שנעלסטער ווירקנדיקער סם. די קרבנות פאלן אריין אין פּחד באקומען קאָפּשווינדל, ברעכן און ווערן דערשטיקט.

ווען די סאָוועטישע ארמײ האָט באפרייט דעם לאגער, האָט מען געפונען אין די לאגער-מאגאזינען זיבן טויזנט קילאָגראם האָר איינגעפאקט אין פאפיר-זעק. דאָס איז געווען נישט מער ווי א קליינער רעשט האָר וואָס די לאגער-פארוואלטונג האָט שוין קיין צייט געהאט אוועקצושיקן צו דער פירמע: אלעקס צינק, אויף אויסצואַרבעטן. די האָר זענען פארקויפט געוואָרן פארן פרייז 50 פעניק פער קילאָ.

אין דעם אנאליז פון די געפונענע האָר וואָס איז געמאכט געוואָרן אינעם געריכט-אינסטיטוט פון קראָקע איז פעסטגע-שטעלט געוואָרן אז:

„די עקזאמינירטע האָר האָבן אין זיך ציאנוואסערשטאָף, דער גיפטיקער באשטאנדטייל פונעם פרעפאראט מיטן נאָמען ציקלאָן“.

דאָס ארטיקל „ראָסהאר“ * וואָס ווערט געוועבט מיט א גע-מיש פון פערדס-האָר האָט מען באנוצט מענטשן-האָר. אין קאָסטזשעק (פריעדלאנד) האָט מען געפונען באלענס מיט האָר וועלכע זענען אנאליזירט געוואָרן ביים געריכטלעכן מעדיצין-אינסטיטוט פון קראָקע. דער רעזולטאט:

„די מאקראָסקאָפישע, מיקראָסקאָפישע און מיקראָמעטרישע עקזאמינירונג פון די צוויי שטיקער ראָסהאר, באווייזן אז ס'האנדלט זיך פון מענטשלעכע האָר, לויט אלע ווארשיינלעכקייטן זענען דאָס פרויען-האָר“.

די גאָלדענע ציין האָט מען צעטאָפעט, געמאכט שטאנגען און אוועקגעשיקט צו דעם ס.ס.-הויפט-אמט. דאָס אש וואָס איז געבליבן פון די פארברענטע האָבן זיי באגראָבן אין דער ערד אָדער צעשאָטן אין די ארומיקע טייכן.

רויב

אלע זאכן האָט מען צוגענומען ביי די העפטלינגע, אין 35 בּאראקעס האָט מען זיי איינמאגאזינירט. ריזיקע מענגעס פון קליידער, ווערט-זאכן, א.א. זענען סאָרטירט געוואָרן פון די העפטלינגס-קאָמאנדאָס.

---

* ראָסהאר — א געוועב וואָס ווערט גענוצט כדי צו האלטן שטייף די פאָדערטיילן פון מלבושים.

4 —1179

דער באַנדיט העס, האָט אָנערקענט אַז ס'זענען יעדן טאָג פאַרלאָרן געוואָרן אַ סך וואַגאָנען מיט זאַכן. אָפּט זענען טעג־לעך 20 וואַגאָנען סאָרטירט־מאַטעריאַל פאַרלאָרן און אַוועק־געשיקט געוואָרן.

די זייגערס זענען געשיקט געוואָרן קיין אָראַניענבורג, ברילן צום סאַניטעט־אַמט, אַנדערע זאַכן: האַנטוכער, רענצלעך, רוק־זעק, א.א. צו די דייטשע קאָמיסאַרן וועגן „פערבריינונג דעם דויטשטומס". נאַזיכלעך און טישטעכער צו די מיליטער אָפּ־טיילונגען. פעלצן קיין ראַווענסבריק, קליידונג צום פינאַנץ מי־ניסטעריום. עס זענען געווען 10—12 שטעלן צו וועלכע די זאַכן זענען געשיקט געוואָרן.

הימלערס זאָרג פאַר די הענקערס

אין הימלערס בריוו צו אָסוואַלד פּאָהל (פעלדקאָמאַנדאָ־שטעלע 1942.10 — געהיים) זענען פאַראַן פאָלגענדע אָנווייזן:

„פון די לאַגערס פון לובלין און אוישוויץ זאָל איזעקגעשיקט ווערן וועגן די ווייַנאַכטן — 1942 צו די פאָלגענדע שטעלעס:

1) צו די פאָלקסדויטשע־גרופּע פון טראַנסניסטריע פאַר אַן ערך 135.000 מענטשן;

2) צו דעם דויטשטום אין גענעראַל גוווערנאַמענט זשיטאָ־מיר אין דער צאָל 45.000.

3) צו די פאָלקסדויטשן זידלונגען אין האַלבשטעטער־בעצירק אין צאָל פון 40.000.

4) צו די פאָלקסדויטשן אין קאָריצאַ אַ צאָל פון 15.000.

5) צו די פאָלקסדויטשן פון ניקאָלייעוו אַ צאָל ... (נישט אָנגעגעבן די צאָל).

6) צו די זידלער אין גוווערנעמענט לובלין.

די פאָלקסדויטשן פון 1—5 זאָל מען יעדן איינעם געבן איין אַנצוג, אַ קלייד, פון די פאַרהאַנענע, אַ מאַנטל, אַ הוט, צו דריי העמדער און אַנטשפּרעכנד לייב־וועש און די געוויינלעכע נויטיקע זאַכן.

דעסטגליכן פאר די נויטבאדערפטיקע, צו שענקען פעדערבעטן, דעקן און בעטגעוואנט".

..."דאָס איז געווען דער טויט־לאגער אוישוויץ; אָבער דאָס איז נאָר נישט אַלץ וואָס מ'קאָן זאָגן וועגן אים. ווען מ'וואָלט דאָס אַלץ געקענט באַשרייבן, וואָלט מען עס נישט געגלייבט. אויב מען וואָלט עס יאָ געגלייבט, וואָלט מען נישט געגלויבט".

דעם גאנצן טאָג בין איך דאָ ארומגעגאנגען אין דעם פאר־שאָלטענעם לאגער, געזען מיט אייגענע אויגן, וואָס דאָ האָט זיך אמאָל אָפּגעטאָן, געזען די בלאָקן פון אוישוויץ, די קרעמאַ־טאָריעס, די אויסטפּלונגען פון יעדן באראק באזונדער, דעם באַרימטן 11־טן טאָרטור־באַראַק, געזען די אַזוינע גע־לעגערס, די ערסטאַנטן־קאָסטומען, מיט די פאַרשיידענע דרייעק־סמנים, א ים מיט פאָטאָגראפיעס פון פרויען, אַלטע, יונגע, קינדער מיט פארזונקענע אויגן אין טיפע לעכער, אויס־געצוימטע פנימער, אויסגעדרייוערטע גופים, גענומען פון 26 פעלקער, אויגן אָנגעזאפּטע מיט אומענדלעכן ווייטיק. דער בארג מיט: שווארצע, בלאָנדע, גרויע און ווייסע האָר, די בערג קוליעס, פּראָטעזן, ליאַלקעס, ליידיקע רענצלעך פון גאנץ איי־ראָפּע. די אויגן־לעכער גייען מיר נאָך. ווו זענען די אויגן אנ־טרונען? זענען זיי געבליבן אין אנטע פאוועלישעס פּאָסעסיע, מיט וועלכע ער האָט זיך באַרימט בשעת ער האָט געוויזט מיט די פאַשיסטישע גדולים?

ס'קומען און גייען גרופּעס טוריסטן וואָס זעען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. פאַרוואָס זאָלן נישט אהער געשיקט ווערן פון דער גאנצער וועלט מענטשן וואָס זאָלן זען וואָס דאָ איז פאָרגע־קומען?

זאָל מען זען וואָס עס הייסט פאַשיזם!

אין דער פרי, קלינגט דער טעלעפאָן. כ'נעם דאָס טרייבל:

— ווער איז? פרעג איך.

— שוואלב.

— ווען זענט איר געקומען? פרעגט זי מיך. זי וואַרט נישט אויף קיין ענטפער און רעדט ווייטער. כ'האָב אייך געזוכט עט־לעכע טעג. ווו זענט איר פאַרפאַלן געוואָרן?

— כ'בין געווען אין אוישוויץ, דער גיהנום גייט מיר נאָך, ווי איך גיי, ווי איך שטיי זע איך פאר מיר אוישוויץ. כ'בין אומגעגאנגען ווי משוגע. כ'האָב פארגעסן פון אלעמען. אנטשולדיקט מיר, וואָס כ'האָב נישט געקאָנט האלטן וואָרט און איך אָנקלינגען.

— איך האָב געוווּסט אז ס'וועט מיט אייך אזוי געשען. איך קאָן שוין מיינע פארשווינגען. איר האָט נאָך כוח? צו איר זענט שוין אויסגעשעפּט? שעמט אייך נישט. איר האָט דאָך געזאָגט אז איר זענט געקומען קלויבן מאטעריאל פון אומקום. כ'האָב געהערט אז איר האָט זיך דאָרט פארלוירן. פע! ס'פּאסט נישט פאר אייך, א זאמלער, וואָס וויל מודיע זיין די וואָס ווייסן ווייניק וועגן דעם וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטון.

איך האָב מיר געקלערט, וואָס וויל זי פון מיין לעבן האָבן? כאָטש כ'האָב איר אין גאנצן אָפּגעגעבן רעכט. ס'ווייזט אָבער אויס אז כ'בין געווען צו אָפּגעמוטשעט און ס'האָט זיך מיר געוואָלט זיין אליין. קיינער זאָל מיך נישט טשעפּען, קיינער זאָל מיך נישט מאַטערן. ענדלעך האָב איך איר געענטפערט: כ'וועל אייך שוין אלץ דערציילן.

— ווען זעען מיר זיך? האָט זי ענערגיש געפרעגט.

— פינעף נאָכמיטאָג, אין גאָרטן, האָב איך געענטפערט.

— גוט. און זי האָט אויסגעלייגט דאָס טרייבל.

כ'זע פאר מיר דעם ארייננגאנג, דעם הויכן, אייזערנעם טויער, אויף דער גאנצער ברייט זיינעם, דעם אויפשריפט „ארבייט מאכט פריי". רודאָלף העס' (דער לאגער־קאָמאנדאנט) תליה. כ'זע: היטלערן, הימלערן, געבעלסן, די עס. עס. די ס.א. די גראַנאטאָווע, די יידישע פּאָליציי, דעם יידן־ראט. און זע להבדיל די מיליאָנען מענטשן וואָס זענען געבראכט געוואָרן אהער קיין אוישוויץ. ס'לויפט פאר מיר דורך. דער רייכסטאג, דער ברענענדיקער, דער לייפּציקער פּראָצעס. כ'דערמאן זיך אין יעקב שטערנבערגס ליד „דימיטראָוו". דער אויסוווּרף גערינג ווערט דעמאסקירט. די באַיקאָטן, די פּאָגראָמען, פארברענטע שולן, ביכער אין פלאמען. די קריסטאלנאכט. א מיליארד קאָנטריבוציע, הונדערטער טויזנטער הימלער־סאָלדאטן. דער קריג. דער איבערפאל אויף פּוילן. די אומצייליקע קאָנצענטראציע לאגערן. און

דאָ, פֿאַר מײַנע אויגן דער גרעסטער, דער שווידערלעכסטער, דער וואָס זײַן נאָמען וועט בלײַבן לעולם ועד דער קין־צייכן אויף דעם קופּערנעם שטערן פֿון די פֿאַשיסטן און פֿון די אַלע וואָס האָבן זיי מיטגעהאָלפֿן.

דאָס ערשטע בילד; קינדער, מאַמעס, זקנים, איינגעהילט אין יסורים וואָס מען קאָן נישט באַשרײַבן. געצייכנטע פֿונעם טויט. זיי ווייסן דאָס, זיי פֿילן דאָס, דער טויט איז אויסגעגאָסן אויף די פּנימער זייערע. איצט זעט מען אויסגעשטרעקטע זיגרײַכע פֿאָנען פֿון אומצײַליקע פֿעלקער. פֿריער אָבער האָט זיי איין טרויער־פֿאָן אַלע פֿאַרדעקט.

יידן פֿון פֿראַנקרײַך, פּוילן, האָלאַנד, גריכנלאַנד, אונגאַרן, רומעניע. סאָוועטישע קריגס־געפֿאַנגענע, ציגײַנער, ס'קומט מיר פֿאַר די קאַרטע וואָס האָט געוויזן פֿון וואַנען די קרבנות זענען אַהער געבראַכט געוואָרן. די טראַנספּאָרט באַדינגונגען. די פֿאַרגלייטע וואַגאָנען. גאַנצע טעג און נעכט זענען זיי דאָרט פֿאַרשפּאַרט געוואָרן. ערשט אין בירקענוי האָט מען זיי געלאָזט אָטעמען די „פֿרייע עס־עס־ישע לופֿט. דאָס געשלעג. די סעלעקציע. דער רויב. דער עלטסטער בלאָק וווּ מ'האָט צום ערשטן מאָל מיט דעם ציקלאָן־גאַז פֿאַרסמט. די מאַסן־גריבער וואָס האָבן איינגעשלונגען איבער הונדערט טויזנט געפֿאַנגענע. אין איין גאַז־האַלע ווערן פֿאַרסמט 2.000 מענטשן אין 15—20 מינוט. די אַרויסגעריסענע גאָלדענע ציין. די אָפּגעשניטענע האָר. דאָס אַרויסרײַסן די אויערינגלעך, אײדער מען פֿירט זיי פֿאַרברענען. די פֿאַרברענטע דאָקומענטן. דער סוד. די זאָנדער־קאָמאַנדאָ, ציקלאָן־ב. בערג מיט האָר. ראָסהאָר פֿון פֿרויען־האָר. דאָס אַש באַגראָבן אין גריבער און אין טײַך אַרײַנגעוואָרפֿן. 20 וואַגאָנען מיט אָנגערויבטע זאַכן ווערן אַוועק געשיקט טעגלעך. רענצלעך פֿון אַלע עקן וועלט, מיט איבערשריפֿטן וועמען זיי געהערן. פֿון די איבער 4 מיליאָן מענטשן איז געבליבן אַש, וואָס איז באַגראָבן אין דער פֿאַרשאָלטענער בירקענוי־ערד. שפּאָן פֿון מענטשן־ביינער — צעשטויסענע. פּראָטעזן פֿון אינוואַלידן, פֿון קאַליקעס. אַלץ איז פֿאַר זיי געווען אַ סחורה.

ווינטער

פאַרנאַכט, האָט זיך שוין קליינוואַרג צונויפגעזאַמלט בײַם זיידן אין עסצימער. הײַנט איז דאָס ערשטע חנוכה־ליכטל. מע וועט שפּילן אין דריידל. ווו מען וועט נעמען געלט? דאָס איז קיין דאגה נישט. דער זיידע, די פעטערס וואָס וועלן באַלד קומען פון דער שול, האָבן שוין דערפאַר געזאָרגט. זיי גרייטן צו באַצייטנס דאָס חנוכה־געלט. אַ מנהג ברענגט אַ דין. אַזוי איז שוין זייט יאָרן. זייט דורות. דאָס האָבן זיי, די עלטערן, געירשנט בײַ זייערע עלטערן און די זיידעס פון זייערע זיידעס קאָן זײַן ביז צו יהודה המכבי! אַזוי האָט יאָסעלע זיך געקלערט בשעת ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין דעם גרויסן צימער, וואָס האָט אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן. ער קומט דאָך אַהער אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך, הן צו זען דעם זיידן, וואָס נעמט אים שטענדיק אויף בסבר־פנים־יפות, דערלאַנגט אים אַ שטיקל לע־קעך, אַמאָל צוקער־לעקעך און אַמאָל האָניק־לעקעך, שענקט אים אַ גראָשן, אַמאָל צוויי און טאָקע דריי אויך, דעמלט, ווען ער האָט. דער זיידע איז אַ טײַערער מענטש, שטענדיק איז ער

פרייליך, ס׳קאָן זיין אז ס׳דאַכט זיך אים נאָר אזוי אויס, ווייל צומאָל טרעפט ער אים ליגנדיק אין בעט און הוסט און הוסט, אז ער הוסט זיך שיר שיר אויס די נשמה. יאָסעלע האָט גע־הערט ווי די מאמע זיינע פלעגט זאָגן, אז דער זיידע ליידט פון אזא קרענק וואָס מ׳רופט אסטמע, וואָס אסטמע הייסט? ווייסט יאָסעלע נישט. נאָר ווען ער הערט דעם זיידן הוסטן, נעמט עס אים צו א שטיק געזונט. די מאמע זאָגט אז די קרענק האָט ער באַקומען נאָכדעם וואָס ער האָט חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל מיט דער היינטיקער מומע אירער, מאַלטשע, רופט מען זי. אלע אייניקלעך רופן זי אָבער, באבע. יאָסעלע האָט איינגעלער קיין תרעומות נישט געהאַט צו דער באבע מאַלטשע. זי פלעגט אים געבן צומאָל אן אייערקוכעלע, אמת, דאָס איז געשען נאָר פרייטיק ווען מ׳האָט געבאַקן און ס׳איז געווען לרוב. אין אַנדערע טעג פון דער וואָך פלעגט זי אים כמעט קיינמאָל נישט געבן קיין אייערקוכעלע. וואָס ער פלעגט אזוי ליב האָבן. ס׳האָט זיך דאָך צעקרישלט צווישן די ציין און ס׳איז זיך צעגאַנגען אין מויל. מילא. האָט זי אים נישט געגעבן. ווען ער וואַרטן ביז פרייטיק. פאַרוואָס אָבער גיט זי די אַנדערע אייניקלעך אפילו אין מיטן דער וואָך, טאקע נישט קיין גאַנצע, זאָל זיין צו שטיקלעך, פאַרוואָס זיי יאָ און אים, נישט? יאָסעלעס ברידער גיט זי אויך נישט, פאַרוואָס? דאָס האָט אים שוין די מאמע אויפגעקלערט: ווייל מיר זענען נישט אירע אמתע איי־ניקלעך. די אמתע אייניקלעך אירע, זענען: משהלע, מענדעלע, ישראליק און די אַנדערע זעקס וואָס זענען אירע קינדערס קינ־דער. ביי יאָסעלען האָט דאָס אויסגעזען ווי אן עוולה. ער האָט נישט פאַרשטאַנען; קינדער זענען קינדער און ס׳קומט זיי אלע־מען גלייך. ער האָט אָבער קיין ברירה נישט געהאַט. ס׳האָט אים אָבער נישט געלאָזט רוען. ער האָט זיך באַרויקט ערשט דעמלט ווען ס׳איז אים איינגעפאַלן, דאָס צו פרעגן טאקע דעם זיידן אליין. ער דערמאַנט זיך ווען ער האָט געפרעגט דעם זיידן: היתכן? האָט ער, דער זיידע אים אָנגעקוקט מיט רחמנות־אויגן, געקוקט ביז צו דער באבע, און אָנגעהויבן הוסטן און פאַר־

שפּאָרט אים צו געבן אָן ענטפער. יאָסעלע האָט אים מוחל געווען, און שוין מער נישט געפרעגט, ער האָט כמו פארשטאנען.

יאָסעלע האָט פארלוירן דאָס געדולד, ווארטנדיק. ער האָט באשלאָסן צו רופן די כאליאסטרע, דאָס הייסט אלע אייניקלעך, וואָס זענען געווען מער ווי א טוץ, הן פון דער ערשטער באבע, דאָס הייסט פון דער מאמעס מאמע, און הן פון דער צווייטער באבע, וועלכע די מאמע זיינע האָט גערופן מומע — אין שול אריין. ער, דער זיידע, האָט זיך דאָרט מן הסתם פארשמועסט מיטן איבעריקן עולם. און פון וואָס צו שמועסן איז דאָ. מ'זאָגט דאָך אז די היינטיקע ציַיטן זיַינען נאָך ערגער, ווי די צייטן ווען אנטיוכס עפיפאנעס האָט באפאלן די יידן, אז די היינטיקע צייט איז א סך גרויזאמער ווי די פון המנס צייטן.

— לאָמיר גיין, חברה! צו דער שיל. לאָמיר אקעגנגיין דעם זיידן. אלע האָבן ווי געוואַרט אויף יאָסעלעס איינלאדונג, געכאפט אויף זיך די מענטעלער, זיך אָנגעטאָן די קוטשמעלער און זענען ארויס. אינדרויסן איז געווען א מחיה. דער שניי האָט זיך געלייגט ווי גאָט אין פראנקרייך. עס האָט געבליטשעט פאר די אויגן. יונגווארג איז ארויס פון די כלים פון הנאה. אזא שיינקייט! די טענענביימער זיינען געווען אָנגעטאָן אין ווייסע פאסן. ס'האָט נישט גערירט קיין צווייגל פון די טאָפּאָליעס וואָס זענען געשטאנען אויסגעשטרעקט, אָנגעהיט מען זאָל די שטילקייט נישט שטערן. די חברה האָט אָבער אָנגעמאכט א „ויצעקו“. זיי האָבן דערזען לעבן דער שיל, נאָענט צו דער וואנט האָט געגלאנצט דער גליטש, דאָס איז געווען דער איינציקער שווארצער גלאנציקער פלעק אויף דער ערד. א חוץ די פלייט, וואָס האָבן אויסגעזען שווארצער ווי שטענדיק.

חברה, האָט זיך געלאָזט צום גליטש, יעדער האָט געוואָלט זיין דער ערשטער, זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין דער ריי, און זיך געגליטשט. אזוי זיך געוואָלט גליטשן אָן אן עק, אָן א סוף...

ס'האָט נישט לאנג געדויערט אָבער און ס'האָבן זיך געהערט שטימען. יאָסעלע, האָט באלד דערקענט דעם זיידנס קול.

חברה! האָט ער אויסגעשריגן, אן עק. מיר וועלן זיך שוין מאָרגן גליטשן. איצט איז צייט צו שפּילן דריידל. לאָמיר זיך לייטיש אויף פירן. נישט מאכן קיין רעש און גיין צום זיידן. מענדעלע האָט זיך נישט געקאָנט אזוי גיך אָפּרייסן פונעם גליטש. ער האָט זיך נאָך דריי מאָל א גליטש געטון, געקוקט מיט באַדויער אויף אים, ס'האָט אים באנג געטון וואָס ער דארף אים איבערלאָזן אין דרויסן און אריין גיין אין שטוב. יאָסעלע האָט אים געטון א שלעפּ ביים ארבל. א האלב טרויעריקער איז מענדעלע אים נאָכגעגאנגען.

— קום שוין. שאָלטיק וואָס דו ביסט און האָט זיך צעלאַכט.

דער זיידע איז אריינגעקומען, באגלייט פון זיינע צוויי איידעמס און צוויי זין. דער עלטערער איידעם איז געווען אן איידלער ייד. א בן-תורה, געשמט אין גאנץ גאַליציע, אן עוקר-הרים ,א גרויסער בקי אין גאנץ ש'ס און פוסקים. באַטאָג און באנאכט געלערנט. געהאט א ידיעה אין חקירה, פון קבלה שמועסט מען נישט. געווען א טשאָרטקאָווער חסיד. אויף זיין דארן מיטל-ווקסיקן גוף האָט געהאָנגען א שווארצע בעקעשע. פארגארטלט מיט א זיידענעם אָפּגעריבענעם גארטל, אין וועלכן ער פלעגט ווען און ווען ארײנשטעקן די פינגער. דער צווייטער איידעם איז שוין נישט געווען אזא תלמיד-חכם אָבער אויך א בן-תורה. א יפה-תואר! און א יפה-מראה*. זיין הויכער שטערן האָט באַצירט דאָס פארחלומטע פּנים וואָס איז געווען ארומגערעמט מיט א בלאָנדער באָרד און מיט נישט קיין לאנגע פּאות. ער האָט געקוקט אין מויל אריין פון זיין עלטערן שוואָגער, פון וועלכן ס'האָט זיך געשיט פּערל. דער זיידע, א גופל א קליינס, אויך אין דער בעקעשע, מיט ווייסע זאָקן אין שווארצע פּאַנטאָפל האָט געקוקט מיט זיינע שמייכלענדיקע אויגן וואָס זענען איצט פול געווען מיט אַמעט, אויף דער פארצווייגטער משפּחה קיין עין-הרע. אויף די זין, די איידעמס, זייערע פרויען און קינדער וואָס זענען געקומען זען ווי ער צינדט אָן דאָס ערשטע חנוכה-ליכטל, הערן דעם „מעוז צור" און זיין אייגנארטיקע מעלאָדיע וואָס ער האָט צו אים צוגעפּאסט. (ער האָט געהאט א

* שיין געשטאלטיקט און מיט א שיין געזיכט.

שפּיקל ידיעה אין נגינה). דאָס צימער איז געווען פול. אַלץ האָט זיך צוגעהערט מיט כוונה. אפילו דאָס קליינוואַרג איז געוועזן באַצויבערט פון דער פייערלעכקייט. זיי, די קליינע האָבן זיך שוין אָנגעהערט וועגן די רדיפות וואָס יידן האָבן זיך אָנגעליטן. וועגן דעם „נס=חנוכה“ האָבן זיי געהאַט אַ קנאַפּע ידיעה.

יאָסעלע מיט זיין חבר מענדעלע, וואָס זענען געווען נפש=אחת, כאָטש, אין חדר אין בשעת דעם זיידנס פאַרהער האָבן זיי געזוכט יעדער באַזונדער אַרויסווייזן זייער וויסן אין דער פּרשה פון דער וואָך, אין פּרק אָדער אין „ברכי נפשי“, האָבן געפילט אַ באַזונדערע יומטובדיקייט, כאָטש אַ וואָכעדיקע, ווייל היינט חנוכה מעג מען אַלץ. באַזונדערס האָבן זיי געקלערט צום דריידל. זיי האָבן געקוקט אין די אויגן פונעם זיידן, פון די פעטערס און מומעס, אַ קוק אַ מאָנענדיקער, וואָס האָט געהייסן „וואָס מוטשעט איר אונדז? נעמט אַרויס די גרייצער און טיילט“.

דער זיידע איז געווען דער ערשטער וואָס האָט זיין חוב געטאָן. נאָך אים די פעטערס, די מומעס. אַלץ איז געווען כמעט כשורה ווייל ס'האָט געפעלט „דאָס דריידל“, דאָס אמתדיקע „דריידל“, מחמת דריידלעך זענען געווען לרוב, חברה האָט אין זינען געהאַט זיך צו פאַרזאָרגן מיט דריידלעך. יענע אָבער זענען געווען פּשוטע. געגאָסענע אין חדר ביי מלך מלמד, וואָס האָט פאָרמעס פון דריידלעך נאָך פון ששת=ימי=בראשית. די כאַליאַסטרע האָט אַרויסגעקוקט אויף דעם פעטער שלמהס חנוכה=דריידל. ווייל דער פעטער שלמה האָט געהאַט גאָלדענע הענט: וועגן דער סוכה פלעגט ער מאַכן אַזעלכע שיינע און פאַרביקע פייגעלעך. ווען ס'איז געקומען שמחת=תורה האָט ער געמאַכט אַלערליי פענדלעך מיט מגן=דודס, מיט לייבן, הערשן, לעמפּערטן און פאַרשיידענע אַנדערע חיות און עופות די דריידלעך זיינע זענען אָבער געווען אַ שם=דבר. פאַר דער חברה איז דאָס געווען אַ וווּנדער שעבעוווּנדער. די אותיות זענען געווען קלאָרע. אַ נון אין געווען אַ „נון“ און אַ גימל אַ „גימל“, נישט ווי ביי מלך מלמדס דריידלעך אויף וועלכע מען האָט זיך אַרויס גענומען די אויגן אונטערצושיידן פון אַ נון ביז צו אַ גימל. און היינט די „הא“ איז דאָך געווען אַ ליכטיקע, אַ פריילעכע, כאָטש זי האָט געהייסן אויסצונעמען נאָר „האלב

א העלפט פונעם געלט וואָס יעדער האָט איינגעשטעלט אין קאָן די „שין“ איז געווען אויסגעטאָקט ביים פעטער שלמהס חנוכה־דריידל, כאָטש פאר דעם וואָס זי איז אים געפאלן, האָט זי נישט געבראכט קיין פארגעניגן. דאקעגן, ביי די אנדערע שפילער האָט זי ארויס גערופן גרויס הייטערקייט.

בקיצור דאָס איז געווען נאָר אן הקדמה, די שׂמחה האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן. מען האָט געוואַרט אז דער זיידע זאָל ענדיקן מיטן טיילן דעם האָניק־לעקעך און ווייזן מיט דער האנט אז דער שפיל מעג שוין אָנהייבן. די חברה האָבן זיך אויסגעזעצט ארום דעם גרויסן טיש. דעם פעטער שלמהס דריידלעך האָבן אָנגעהויבן צו פליען אויפן טיש. דאָס איז געווען אויף אינדערוויל. דער אמתער שפיל האָט זיך אָנגעהויבן נאָכדעם וואָס יעדער האָט אריינגעלייגט אין קאָן א גרייצער. ערשט דעמלט האָט זיך אָנגעהויבן דער טומל:

— זע נאָר! ווי ס'גייט נאָר ווי א „נישט גוטער“, א „שד“, א „גאנצער“ א „האלבער“ וואָס זאָגסטו?

— נאָלע נאָר נישט!

— ניין, דאָס איז א „גימל“ און הייסט צונויף שארן אין גאנצן.

דאָס צווייטע דריידל דרייט זיך און דרייט זיך. דער עולם האָט שוין קיין געדולד נישט. איינער רופט אויס:

— זע, ווי עס שטייט שמונה־עשׂרה. שטיל. גאָלדענע הענט שלמהס, ס'דריידל קריצט נישט. גייט שטיל, ווי איינעם גייט שטיל אויס די נשמה.

— ביסט שוין אריין אין דיינע חקירות. לאָז אָפּ, לאָמיר בעסער זען וואָס איז געפאלן?

— א „הא“. דאָס הייסט "די העלפט" פונעם קאָן.

— ניין, רופט זיך אָן דער שכן, דער יונגערער איידעם שלום. דאָס הייסט צוזאמען מיט דער פריערדיקער „שין“. „שיטער־הויפן“, יאָ, די „שיטער־הויפנס וו מ'ברענט די בעסטע ביכער פון דער וועלט.

— לאָז שוין אָפּ, היינט איז חנוכה, איך וויל פון אלעמען פארגעסן! האָט זיך דור ווי געבייזערט.

— ווילסט פארגעסן? זיך פארווינגן אין דער לעגענדע אז „נס גדול היה שם“ און זיך קוויקן מיט זייערע ראשי־תבות און אויב דו ווילסט דווקא אזוי, וועל איך דיר אויסטייטשן אויף יידיש „גאַצישע גזלנים הרגענען שוין“, דאָ נישט ווייט. מיר האָבן שוין אזא רגילות. מיר שפילן זיך אין אותיות, מיר דרייען זיי אזוי ווי ס׳לוינט אונדז. ניין! טייערינקער, לאָמיר אָנעמען אפילו, אז אמאָל זענען געשען נסים. „היינט גילטן שוין נישט!“ האָט זיך אָנגערופן דער ניכטערער שלום, ער אליין איז אויך געווען געכאַפּט אין דער מעשה־נוטריקן*. האָט אויך גענומען סימבאָלן און זיי צוגעפּאַסט צו דער ווירקלעכקייט. (אזא מנהג געווען דעמאָלט. זוכן נוטריקן. ווער ווייסט, אפשר איז משיחס־צייטן?).

די צוויי אײדעמס האָבן זיך צוביסלעך אוועקגעריקט פונעם טיש און זיך אײַנגעזעצט אויף דער צעריסענע קאַנאַפּע די שוואַרצע. געקוקט איינער אויפן אַנדערן ווי זיך באַדויערט.

— וואָס פאַרא מענטשן מיר זענען. ארום אונדז איז א שׂרפה. גאַנצע שטעט און שטעטלעך, ווערן אויסגעליידיקט פון זייערע תושבים, בתי־מדרשים ווערן פאַרברענט. דאָס גאַנצע האָב און גוטס ווערט געראַבעוועט און זיי די „צאן־קדשים“ פירט מען צו דער עקידה. און מען זיצט. און מען וואַרט אויף נסים. אויף ישועות. געוואַלד נישט צו באַגרייפן.

— וואָס ווילסטו טאָן? מיר זענען אין קלעם. וואָס טוען די 22 לענדער מיט די צענדליקער מיליאָנען מענטשן. וואָס דער תלין האָט אונטערטעניקט, וואָס טוען זיי? זיי האָבן מיליטער־לייט, גענעראַלן, פּאָליטיקער, וויסנשאַפטלער, האָבן אויך מאַטעריעלע מעגלעכקייטן, אומגעהויערע טעריטאָריעס, צענדליקער מיליאָנען מענטשן; אַרבעטער, פּויערים, אינזשעניערן וואָס קאָנען אויפטון ווונדער. וואָס טוען זיי? וואָס ווילסטו זאָל טון די אָרימע מאַסע וואָס מ׳דריקט זיי שוין פון יאָרן, וואָס מ׳האָט זיי באַצייכנט מיט דער געלער לאַטע, ארומגערינגלט מיט מויערן, מיט שׂנאה. זיי אַרויסגעריסן פון דער היים כמעט אָן שום מאַטעריעלע מעגלעכקייטן צו לעבן. די בעסטע האָט מען אין קאָנצענטראַציע לאַגערן אָפּגעצוימט. דעם גרעסטן טייל דער=

* נוטריקן — סימבאָל.

מאָרדעט. און פון איר פון דער אָרימער מאמע, רייסט מען אוועק די פרויען, די קינדער, די אַלטע, קראַנקע; מען דערשיסט זיי אָפן אָרט, אויף די וועגן, אין די וועלדער, מ׳דערשטיקט זיי אין די וואַגאָנען ווי מ׳וואַרפט זיי אַריין, אָן לופט, אָן וואַסער.

א צאָרן איז אויסגעגאָסן געוואָרן אויף דער ערד. סדום און דער מבול זענען געווען נן־עדנס לגבי דעם בראָך.

ווו נעמט מען אזא כוח, וואָס זאָל אָפּווישן דאָס רשעות פון דער וועלט? גלייך ווי אַלץ איז פאַרמשפּט געוואָרן...

ווו איז גאָט?

ווו איז גערעכטיקייט?

זענען צדק און יושר באַגריפן אָן אינהאַלט?

שלאָפט די גאַנצע וועלט און ווייסט נישט וואָס דאָ טוט זיך?

שלאָפט זי נישט? פאַר וואָס זשע שווייגט זי?

איז זיי אַלע ניחאָ אונדזער אומקום?

לית דין ולית דין?

דאָס אַלץ איז וואָס מיר ווייסן, און וואָס מיר ווייסן נישט?

— באו מים עד נפש, האָט ווייטער דער אײדעם ש. געזאָגט. אַז מ׳טרענקט זיך כאַפּט מען זיך אָן אין א שטרוי. מיר דאַרפן צו גרייטן די ערדה זי זאָל זיך נישט לאָזן קוילן ווי די אָקסן אין דער בוינע. זאָלן מיר צוריק דערלאַנגען. מיט וואָס ס׳לאָזט זיך, מיט העק, מיט דראָנגען, מיט האַקמעסערס, מיט וואָס עס לאָזט זיך.

— ווייסט גאַנץ גוט, וואָס ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט מיט די וואָס האָבן געפּרוווט שטעלן א ווידערשטאַנד. מ׳האָט זיי אויסגעקוילעט ביז צו איינעם. אזוי, אולי ירחם? אפשר וועט דער וואָס אייביק לעבט זיך אויף אונדז מרחם זיין. זיינע דרכים זענען פאַרבאָרגענע. ווער קאָן זיי פאַרשטיין? מ׳דאַרף נישט זיין קיין מסיח דברים כלפי מעלה*. אמת דער נסיון איז דער גרעסטער מיט וועלכן אונדזער כלל ווערט געפּרוווט. מ׳טאָר נישט פאַרלירן די האָפענונג. דער בטחון האָט אונדז געהאָלפן

---

* רעדן קעגן גאָט.

אין יעדער עת־צרה ביז היינט. גאָט וועט אונדז ווייטער אויסלייזן.

— כ'וויל דיך דערמאָנען אז אין די גרויסע אומגליקן האָט זיך אונדזער פאָלק אקעגן געשטעלט די תּלינים, וועלכע זענען געווען שטאַרק און אַכזריותדיק.

די שלאַכטן פון די מכביער קעגן די יוונים און שפּעטער קעגן די רוימער. כאָטש די גאַלילעער זענען פאַראַמטן געוואָרן פון דעם קאָלאַבאָראַנט יאָסעפוס פלאַוויוס, האָבן זיי זיך געשלאָגן ווי די לייבן קעגן דעם רוימישן אָקופּאַנט וואָס איז געווען שטאַרקער און באַוואָפנטער. שפּעטער, אַרומגערינגלטע, אויסגעהונגערטע פון טיטוסעס אַרמייען אין דער צאָל פון איבער אַבציק טויזנט סאָלדאַטן באַוואָפנטע איבער די ציין, פאַראַטאָטענע פון די אייגענע יידישע שונאים, האָבן די קנאים אויסגעוויילט צו שטאַרבן ביז צו איינעם און זיך נישט אונטערגעבן דעם שונא. זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף די פיינטלעכע פאַרפעסטיקטע פּאָזיציעס, צעשטערט א סך פון זיי. מיט שטיקער פעלזן האָבן זיי געוואָרפן אויפן שונא. די פרויען האָבן געגאָסן זידיקן אייל אויף די קעפּ פון די אָנפאַלער. ווען די שטאָט איז שוין געווען אין שונאס הענט, האָבן זיי זיך געשלאָגן פאַר יעדער גאַס, פאַר יעדער שטוב.

און דער גרויסער רבי עקיבא, וואָס איז געווען דער אינספּיראַטאָר פון דעם שפּעטערדיקן אויפשטאַנד קעגן דעם אָקופּאַנט, בראש מיט בר־כוכבאן; אָט די זענען געווען די רומפולסטע בלעטער אין דער געשיכטע, פאַר זעלבסטשטענדיקייט קעגן דער קנעכטשאַפט, קעגן דער רוימישער אימפּעריע.

— איך פאַרשטיי דיין צעבראָכן האַרץ און דיין זוכן אָנשפּאַרן אין דער געשיכטע, כדי אויפצומונטערן דעם המון, וואָס איז פאַרמישפּט צום טויט. פאַרגעס נישט טייערינקער, אז מיר זענען א הייפעלע א שוואַכס, אָן אומבאַוואָפנטס, וויאַזוי קאָנען מיר גאָר קלערן וועגן ווידערשטאַנד, ווען מיר האָבן מיט אייגענע אויגן געזען די מפּלות פון די פראַנצויזישע, בעלגישע, פּוילישע און א סך אַנדערע באַרימטע אַרמייען. אַלץ איז געפאַלן. אַלץ האָט קאַפּיטולירט, און דו ווילסט אז מיר, אָנמעב-

טיקע זאָלן זיך אַקעגנשטעלן קעגן דער רוּיבערישער טיוּולאָני-
שער מלחמה-מאַשין. ווּ איז דער שׂכל-הישר דיינער?

— אזוי האָט אויך אין זיין צייט גערעדט יאָסעפוס פלאַוויוס, אזוי רעדן אין אלע דורות, די אלע וואָס זענען ווייט פונעם פאָלק. די קאַפּיטולאַנטן אָדער אין בעסטן פאַל די נישט דרייסטע. זיי ווייסן, אז ר'עקיבא, פאר וועלכן די תנאָים האָבן געהאַט גרויס דרך-ארץ, האָט זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון יידישן פּאָליטישן לעבן אין זיין צייט און געווען די נשמה פונעם אויפשטאַנד קעגן די פאַרהאַסטע רוימער. ער האָט גע-ווּסט אז די רוימישע אימפעריע איז מעכטיק און האָט אויך זיך געקאָנט אָפּגעבן חשבון בנוגע די פאַרהעלטעניש צווישן די צוויי ווייט נישט גלייכע כוחות. מען דאַרף אויך נישט פאַר-געסן, אז דעמלט איז נישט געווען די סכנה פון א טאָטאַלער פיזישער פאַרניכטונג ווי ס'איז דער פאַל מיט אונדזער פאָלק איצט.

— וואָס היצט איר זיך אזוי? האָט דער שווער געפרעגט בּידע איידעמס.

— מיר רעדן וועגן דעם גורל פון אונדזער פאָלק. וועגן אומקום, איך זאָג אז מ'טאָר נישט שטיין מיט פאַרלייגטע הענט און ער, דוד זאָגט, אז ס'וועט אוגדז גאָרנישט העלפן, אז מ'מוז אָננעמען אלץ אזוי, ווי עס איז. אז ס'איז נישטאָ קיין ברירה. אפשר זאָגט ער וועט געשען א נס און מיר וועלן ניצל ווערן.

— איר שפּאַרט אייך גלאַט אין דער וועלט אריין. איר פאַר-געסט אז אונדזער עדה, שטייגט נישט איבער די צאָל פון 500 משפחות. וואָס קאָנען מיר אויפטון? ווען ס'זאָל געווען זיין יידישע ישובים נאָענטע איינער צום אנדערן און ווען ס'וואָלט געווען אן אָנפירערישער כוח וואָס זאָל די כוחות אָנפירן, וואָלט נאָך געהאַט א זין א ווידערשטאַנד. אזוי אָבער מיט ליידיקע הענט, אָפּגעזונדערטע, דערנידעריקטע, פאַרלאָזטע פון גאָט און פון לייט, האָבן מיר קיין אויסוועג נישט. די פראַגע איז נאָר, צי מען זאָל שטיין אונטערגיין אָדער וואַרטן ביז דער תלין וועט ארויף וואַרפן אויף אונדז די פעטליע. בּיטער און פינצטער איז אונדזער גורל. כ'קוק אויף דער משפחה, אויף דער צאָל

איינציקלעך. ווער ווייסט וואָס עס וועט זיין מיט אייך? מיט די קינדערלעך, מיט די כשרע איינגעלעך, מיט די אומשולדיקע. ווער ווייסט וויפל איר וועט זיך נאָך אָנליידן ביז ס'וועט קומען דער אויסלייז, ווען די נשמות וועלן אָפּגעשיידט ווערן פון די גופימלעך די שטרויענע. גאָט אין הימל ווי אזוי קאָנסטו זיך צוקוקן צו אונדזערע צרות און צו אונדזער פּיין. האָבן מיר נישט אָפּגעהיט די מצוות וואָס שטייען אָנגעשריבן אין דער תורה הקדושה אינעם שולחן־ערוך און זיינע מפרושים. און איר, זין, טעכטער און איידעמס מיינע וואָס איר זענט געווען אי צו גאָט און אי צו לייט, פאַרוואָס דאַרפט איר אזוי געשטראָפט זיין און זען אייערן און אייער קינדערס ביטערן סוף? און נישט נאָר אונדזערן נאָר אויך פון דער גאַנצער קהלה־קדושה. וויי צו די אויגן וואָס וועלן דאָס צו זען. וויי איז צו די אויערן וואָס וועלן הערן די קולות און די געשרייען פון די מוטערס, דאָס געוויין פון די קינדער ווען דער מלאך־המות, היטלער ימח שמו, וועט אריין אין אונדזערע רייען און וועט חרוב מאַכן אונדזער לעבן. וואָלט דען נישט געווען בעסער ווען איך וואָלט איבערהויפּט נישט געקומען אויף דער וועלט, דער גרויזאַמער? פאַרשאָלטן זאָל ווערן דער טאָג ווען איך בין געבוירן געוואָרן! פאַר וואָס בין איך נישט אויסגערינען געוואָרן פון מיין מאַמעס בויך? צו וואָס האָב איך געדאַרפט זען די שיין פון דער זון, דעם אויפגאַנג פון דער לבנה און שטערן? וואָלט דען נישט בעסער געווען ווען איך זאָל קיינמאָל נישט געווען ארויס פון דער אייביקער טונקלקייט. פונעם תוהו ובוהו? נישט פילן דעם טעם פון לעבן, פון קינדער. פון איינציקלעך. זען מיט אייגענע אויגן זייער אונטערגאַנג. צו וואָס טויג די תורה, די מעשים־טובים, די צדיקי־עולם? אז אלץ גייט אין שאול התחתיה. און וואָס ענט־פערט מען אויף דעם פסוק אז דער צדיק איז גוזר און דער רבונו של עולם איז מקיים? איך בין שוין אראָפּ פון די גע־דאַנקען, איך רעד שוין על אדושעם ועל משיחו. וויי צו די טעג וואָס מיר האָבן דערלעבט, וויי צו די צדיקים וואָס האָבן נישט געקאָנט אָפּשטעלן דעם חורבן.

ווו ביסטו גאַט? ווו? האָסט דיך באַהאַלטן? ביסט דאָך אײן אל רחום וחנון, ווי אַזוי קאָנסטו צוזען ווי די תינוקות של בית רבן ווערן פאַרטיליקט?

פאַרוואָס לעשסטו נישט אויס די זון און די שטערן, פאַרוואָס דערטרענקסטו זיי נישט אין די וואַסערן, און פאַרוואָס פאַר־יאָגסטו נישט די וואַסערן אין די פינצטערע מדבריות אויף די פליגל פון דײַנע שטורעם־ווינטן און די ווינטן פאַרוואָס פאַר־ברענסטו נישט אין די פײַערן וואָס זאָלן אַרויס פון דער אײַנ־געווייד פון דער ערד? זאָלן קומען די נשמות פון די צדיקים און אַלע דײַנע מלאָכים און זען וואָס ס'איז אָפּגעטאָן געוואָרן אויף דער ערד ווו אַ גאַנצע וועלט האָט געזונגען שירה צו דײַן ליבן נאָמען, ווו געזאַגגען און ליבע זענען געגאַנגען האַנט בײַ האַנט. און זען ווי דער שׂטן מיט זײַן שווערד האָט אַלץ פאַר־שניטן.

— שווער לעבן, האָט זיך דוד, דער עלטערער אײדעם אָנ־גערופן, איר זענט מקטרג כלפי מעלה! ס'איז דאָך אָנגענומען דער כלל, אַז דער כביכול איז גערעכט און זײַן משפט איז גע־רעכט. אמת, אײַער הארץ איז פאַרביטערט. איר פילט דעם לעצטן טראָפּן סם וואָס איז שוין אויפן דנאָ פונעם בעכער, איר זענט דאָך אַ מאמין און פונקט איצט אין סאַמע הויך־פונקט פונעם נסיון קאָנט איר געשטרויכלט ווערן חלילה, טוט תשובה שווער לעבן! ס'איז נאָך נישט שפּעט.

שלום, האָט מיט אַן אָנגעלאָדענער שטימע זיך געווענדעט צו זײַן שוואָגער דוד:

— זײַן גאַנץ לעבן האָט דער שווער זאָל לעבן עוסק בתורה געווען און אין מעשׂים־טובים, געלערנט יעדן טאָג און יעדע נאַכט, פון דאַווענען איז נישט וואָס צו שמועסן. ער איז שטענדיק געווען פון די המאחרים לצאת והמהרים לבוא. האָט געשטרעבט זײַן גאַנץ לעבן אַז זײַן משפּחה זאָל גיין אויפן דרך־הישר. נישט געווען צעקריגט מיטן מלכות. קיין עושר איז ער קיינמאָל נישט געווען. פאַרקערט, ס'איז אים שווער און ביטער אָנגעקומען דער ביסן פאַר זײַן שווערער משפּחה. און איצט זעט ער פאַר זײַנע אויגן דעם גרויסן בראָך. ער זעט אַז פון זײַן משפּחה, וועט

זיך אויסלאָזן אש און פאָרעד. אז זייער האָב און גוטס, וועט צערייבט ווערן, אז אלץ וועט פארטיליקט ווערן אויף א היהשן אופן. אזוי ווי עס זענען פארטיליקט געוואָרן הונדערטער עדות, פון דער נאָענטער און פון די ווייטע געגנטן. די ידיעות פון די גרוילטאטן וואָס איינע שטייגט איבער די אנדערע מיט איר אכזריות, קומען דאָך אָן כמעט טאָג=טעגלעך. ווי אזוי קאָן אן ערלעך הארץ דאָס איבערטראָגן און נישט ארויסזאָגן זיין פראָטעסט לגבי דער אומ:ערעכטיקייט וואָס האָט פארפלייצט א האלבע וועלט. איז דען דיר נישט באקאנט אז אין שכנותדיקן שטעטל ווו ס'האָבן געוווינט אן עדה יידן זייט הונדערטער און הונדערטער יאָרן האָט זיך אָפגעשפיגלט דאָס בילד וואָס א שליח האָט אונדז דערציילט, — אז ווען די עס=טרופן זענען אריין האָבן זיי באלד באפאלן דאָס שטעטל מיט זייערע יאגדהינט און מיט זייערע אָרטיקע מיטהעלפער און ארויסגעטריבן אויפן פלאץ די גאנצע מאסע; קינד און קייט, אָרעם און רייך, אלטע און קראנקע, אלץ איז ארויסגעטריבן געוואָרן, אפילו פונעם שפיטאָל און פון משוגעים=הויז, אלע, זיי זאָלן זען ווי אזוי מ'פירט צו דער תליה „פארברעכער“ וואָס האָבן כלומרשט זיך אקעגן געשטעלט קעגן זייער מאכט. די תליות זענען געווען צוגעגרייט, געשטאנען אין מיטן מארק. פונעם בית=המדרש ביז צום מארק זענען אויסגעשפרייט געוואָרן יריעות פון די ספרי=תורות, און אויף זיי האָבן געשפאנט די גזלנים מיט זייער בלוטיקע שטיוול, געפירט דעם רב, וואָס איז געוואָרן שוין א בן שמונים איינגעוויקלט אין זיין טלית און תפילין, צווישן רעוואָלווערן צום שייטער הויפן, וואָס איז געווען אין מיטן פלאץ. די גרויסע קופה=ביכער; ספרים, ספרי=תורות און מגלות איז געווען הויך א פאָר מעטער, ארום איז געשטאנען די געפאנגענע עדה. די טייוולנים האָבן זיך גוט געוואָלט פילן. זיי האָבן געוואָלט פון יענעמס גיהנום זיך שאפן א גן=עדן, זיי האָבן געשאפן אזא שפיל וואָס נאָר אזעלכע ווילדע חיות קאָנען פון אים הנאָה האָבן.

א קאפעליע קלעזמער, די בעסטע פונעם שטעטל האָט געמוזט שפילן, אלטע יידן מיט בערד האָבן געמוזט טאנצן אויף

די יריעות ארום דער קופה, א טייל האָבן זיי אָנגעטאָן טליתים, און דער שמש האָט געדאַרפֿט זײַן דער וואָס זאָל אָנצינדן דאָס פֿייער. דערנאָך איז ארויס דער עס־אָנפֿירער מיט א פּאַפּיר אין דער האַנט און געלייענט דעם פּסק־דין פונעם שענדלעכן קריגס־געריכט. זיי זענען באַשולדיקט געוואָרן: (די אויף וועמען עס ווארטן די 10 תליות) אז ביים רבס איינקל האָט מען גע־פונען קאָמוניסטישע מאַניפֿעסטן, און די אנדערע ניין, האָבן געהאָלפֿן די פּאַרטיזאַנער מיט שפּייז און מלבושים.

מיט נאַגייקעס האָבן די עס־מערדער געקלאַפּט צום טאַקט אויף די קעפּ און אַקסלען פון די טענצער און פון די שפּילער. ווען א קינד האָט געזען ווי זײַן פֿאָטער איז אומגעפֿאַלן און די הענקער האָבן אים דערשאָסן און דערנאָך אים געטרעטן מיט די שטיוול, און איז ארויס מיט א געוויין און א געשריי, טאַטע! איז עס אָנגעכאַפּט געוואָרן ביי די פיסלעך אין איין אויגן־בליק און אריינגעוואָרפֿן געוואָרן אין פֿייער. דעם קינדס געשריי איז אוועק צוזאַמען מיט די פֿלאַמען פון די ביכער, ספרים און ספרי־תורות און זיך באַהאַפֿטן מיט די אותיות־פורחות וואָס פֿליען אין די הייכן שוין זייט דורות, וואָס זענען עדות פון אַמאָליקע און הײַנטיקע אַכזריותן. דער זין פון די אותיות־פורחות איז, אז דאָס פּאַפּיר, דעם פּאַרמעט און דעם גוף קאָן מען טאַקע פֿאַרברענען איבער די גערעכטיקייט, דעם יושר וועט מען קיינמאָל נישט קאָנען פֿאַרברענען. זיי פֿליען און קומען צוריק און באַקומען פרישע כוחות און זיי וועלן באַהערשן די וועלט.

דער יאָמער און דאָס געשריי פון דער עדה איז געווען אזוי גרויס אז מען האָט נישט געהערט די ווילדע געשרייען פון די עס־לייט און פון דער פּאָליציים: „העלדע האָך" בשעת א מבול פון שטעקנס, קאָלבעס און שאָסן האָבן זיך א שאָט גע־טאָן אויף די פאַרזאַמלטע, צעגלידעקער טויטע זענען געפֿאַלן און זיך געוואַלגערט אין בלוט. שווארצע שטיקלעך פּאַפּיר, האָבן צוגעדעקט צו בייסלעך וועמען די אויגן, וועמען די אויערן און וועמען דאָס גאַנצע פּנים.

ארומגערינגלט איז געשטאַנען די עדה פון די מלאכי־חבלה, די עס, עס, זי האָט געטוזט אזוי שטיין און צוקוקן ווי עס

זענען ארויף נעוואָרפן די פעטליעס אויף די פארמשפּטע. דער ערשטער איז אויפגעהאָנגען געוואָרן דאָס אייניקל מיטן „קאָמוניסטישן מאניפעסט“; פון קארל מארקס און פרידריך ענגעלס וועלכער איז געווען באהאַלטן צו זיין ברוסט. דער צווייטער, דער אלטער רב, זיין זיידע, איינגעהילט אין טלית און תפילין און דערנאָך די איבעריקע.

דער גאנצער עולם איז געפירט געוואָרן אין ענג געפאקטע רייען צווישן די היצלם ערגעץ ווו, ווו קיינער האָט נישט געווסט אויף געווים.

— נו, יאָ, האָט הערש געזאָגט; ס'איז טאקע נישט צו באגרייפן. מיר טאָרן אָבער נישט זינדיקן. מיר קאָנען נישט דערגרונטעווען גאָטס דרכים. מיר דארפן גלויבן אז ס'וועט א נס געשען און מיר וועלן ניצול ווערן פון די רוצחישע לאפעס.

— ביסט פול מיט בלינדער אמונה. דערמאן דיך אין די אלטע לעגענדעס וואָס אונדזער פאָלק האָט געשאפן בשעת עס איז געווען אין קלעם אין צרות און פיין. דאָס פאָלק האָט מאָביליזירט אין אזעלכע צייטן, די אבות זיינע, וועלכע זענען גענאנגען און האָבן געטענהט צום בורא־עולם, אז עס איז נישט גלייך, אז ער דער כביכול זאָל זיך פארשטעלן די אויערן און פארמאכן די אויגן און נישט וועלן זען די צרות, די נויט, דעם הונגער, דעם טויט וואָס האָט זיך פארליינגט אויף זיינע באשעפענישן. זיי האָבן צו אים געהאט גרויסע טענות. נישט אָפּגעטרעטן ביז וואנען די גזרות רעות זענען בטל געוואָרן. און מיר דאָ זאָלן ווארטן אויף נסים?

צום געשפרעך האָבן זיך צוגעהערט די גאנצע צייט, בעריש, דער יונגסטער זון און שלמה דער מיט די גאָלדענע הענט, וואָס האָט געגעבן א תיקון די פארשיידענע פאָלקס־שאפונגען.

בעריש איז געווען א זאָגן־ארבעטער, א שטילער מענטש, ער פלעגט זעלטן וועלן זיך ארײנמישן אין די וויכוחים פון זיינע שוואָגערס. ער האָט זיי שטענדיק מקנא געווען פאר זייער לערנען, פאר זייערע ידיעות און איבערהויפּט פאר זייערע גוטע זכרונות. ער איז נישט מסכים געווען קיינמאָל מיט זייערע אויספירן, וואָס האָבן שטענדיק געטראָגן א מיסטישן כאראק־

טער. ער האָט זיך מיט זיי נישט געאמפּערט. מחמת ער האָט געוווּסט אז די רייד זיינע, ווי ריכטיק זיי זאָלן נישט זיין וועלן זיי אים נישט נאָכגעבן ווייל ער איז נישט סומך זיינע רייד אויף א פּסוק פון תּ'נ'ך אָדער פון אנדערע הייליקע שריפטן. דאָס מאָל אָבער, ווען ס'איז די רייד פון אומקום פון אלע, אָן אויסנאַם, האָט קיין זין נישט, נישט זיך אריינמישן און פּרווון אַשר אין אזא שעת-הדחק וועלן זיי סוף כל סוף עפענען די אויגן און זען, אז די גרוילטאַטן, וואָס געטען זענען נישט קיין גאָטס אָנשיקעניש, נייערט, ווילקיר, גנבה, רציחה פון אזוי געראָטענע מענטשן וואָס באַאַלן אנדערע מענטשן ווייניק באַוואָפנטע אָדער איבערהויפּט נישט באוואָפנטע און טוען מיט זיי וואָס זייערע פאַרברעכערישע הערצער פאַרלאַנגען. בעריש, האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט:

— איך האָב מיך צוגעהערט צו אייערע געשפּרעכן און קאָן מיר נישט פאָרשטעלן ווי מענטשן מיט א געזונטן שכל קאָנען נישט באגרייפן א זאַך וואָס איז פּשוט און קלאָר און זוכן, מוטשען זיך און מוטשען אנדערע צו געפונען די סבות פון אונדזער אומגליק: אין זינד. ער צעפלאַקערט זיך. וואָס זענען שולדיק די צדיקי הדור, די וואָס האָבן כל ימיהם עוסק געווען אין דער תורה, געפאַסט תעניתים, זיך אָפּגעזאָגט פון אלע הצתרכותן פונעם גוף, זיך אָפּגעזאָגט פון עולם הזה. האָבן זיי דען נישט געזען מיט די אייגענע אויגן ווי מען פירט די גאַנצע כנסת-ישראל צו דער שחיטה, אזוי, סתם אזוי, אָן א פאַרוואָס אָן א פאַרווען. האָבן זיי דען נישט געזען ווי זייערע תלמידים וואָס זענען געגאַנגען אויף זייערע וועגן, האָבן אפילו קיין פליג נישט געהרגעט אין זייער לעבן, אָפּגעהיט אלע מצוות פון דער תורה, האָט מען זיי דען נישט געפירט צום שעכט-הויז ווי די שאָף? און די נשים צדקניות. וואָס זענען געגאַנגען אין גאָטס-וועגן, האָבן דען נישט געהאַט נאָך אן ערגערן סוף? זיי האָבן געמוזט צוזען דעם אומקום פון זייערע און פון אלע עופהלער אין פייער און אין בלוט. קוקט אייך נאָר ארום, קוקט טאַקע אויף זיך, אויף אונדזער טאַטן. זעט ווי אומגליקלעך ער איז ארויס פון די כלים. קאָן מען דען אָפּשטעלן דעם מענטשנס

צאָרן וואָס צעפלאַצערט זיך, ווען פאר זײנע אויגן ווערן אָפּגעטון אַזעלכע ווילדקײטן, ווען די צרה איז נאָענט און דאָס פײער נעמט אונדז אַרום. ווען אַלץ אַרום ברענט, וויאַזוי קאָן מען צוקוקן און גאָר גישט טאָן, כדי דאָס אָפּצושטעלן, צו פאַרלעשן? אויף נסים האָבן זיך פאַרלאָזט די שטעט און שטעטלעך פון פוילן. נו! וואָס איז געווען דער סוף זײערער. אַש און פּאָרעך האָט זיך פון זײ אויסגעלאָזט. קײן שום זכות, נישט פון זײערע אבות און נישט זײער אײגענער איז זײ בײגעשטאַנען. אַלץ איז אַוועק. אַלץ איז אומגעקומען. און איר פאַרלירט צײט מיט סברות און פּלפּולים? אויב מיר ווילן זיך אַלײן נישט העלפן וועט קײנער אונדז נישט העלפן. ס׳איז איצט נישט קײן צײט פון שמועסן. ס׳איז אַ צײט פון טאָטן. דער שונא איז נאָענט, זײנע פאַרסמטע צײן האָט ער שוין אויסגעשטשערעט. ער איז גרײט אונדז אַלע פאַרצוקן. ס׳איז נישט קײן צײט צו פילאָזאָפירן. דאָס לאָמיר איבערלאָזן אויף שפּעטער, אויב מיר וועלן איבערלעבן. לאָמיר זיך אַראָפּנעמען אַ בײשפּיל פון יעדן חיהלע, פון יעדן באַשעפעניש וואָס קעמפט מיט אַלע כוחות זיך צו פאַרטײטיקן. ווען ס׳איז אַ סכנה קלערט מען נישט, מען פאַרטײטיקט זיך. דער פּרינציפּ איז „הבא להרגך השכם להרגו“ דאָס איז די גרעסטע מצווה פאַר אונדז.

יאָסעלע וואָס האָט שוין לאַנג פאַרשפּילט די עטלעכע גראָשן, זײן חנוכה־געלט, איז געשטאַנען לעבן דעם פעטער שלמה, וואָס האָט געצײכנט גאָר רויבפײגל, קראָען און שלענג. האָט ער אים געטאָן אַ פרעג:

— פעטער שלמה, מיר געפעלן נישט די פײגל וואָס דו מאַכסט. מאַך אַזעלכע ווי דו פלעגסט אַמאָל מאַכן, קאַנאַריקלעך, פּיצעלעך פײגעלעך, זילבערנע, גאָלדענע און טאַקע ווײסינקע.

— יאָסעלע, האָט געזאָגט דער פעטער שלמה, גוט, כ׳וועל מאַכן אין גיכן אַזעלכע פײגעלעך וואָס דו האָסט ליב. איצט לאָז מיך געמאַך.

יאָסעלע האָט געקוקט צום זײדן. ער האָט אים נישט דערקענט. דער זײדע איז הײנטיקן חנוכה עפּעס בײז. ער דרײט

זיך נישט ארום דעם גרויסן טיש און דערלאנגט נישט אין דער שטיל קיין פרישע גראָשן דעם וואָס האָט פארשפילט ווי ער פלעגט דאָס טון יעדן חנוכה. וואָס איז געשען? האָט זיך דער קלייניטשקער יאָסעלע געפרעגט.

שוין צייט אהיים צו גיין האָט זיך הערשס ווייב אָנגערופן. אז איר צערעדט זיך, איז אָן א שיעור און אָן אן עק. געגוג.

ס'האָבן זיך געהערט טריט וואָס האָבן זיך אַלץ מער דער־נענטערט. נאָך א ווײַלע, א קלאפּ אָן דער טיר.

— ארײַן, האָט עמיצער פון די אַנוועזנדע געזאָגט.

ס'איז ארײַנגעקומען בערל דער קאָוואַל.

— גוטנ אָוונט.

— גוט יאָר האָבן מערערע קולות געענטפערט.

— כ'בין געקומען צו אײַך אין א נישט פּאסיקער שעה. איר וועט מיר מן הסתם מוחל זיין האָט בערל דער קאָוואַל געזאָגט, — כדי נישט ארײַנפאלן מיט דער שלעכטער בשורה — אז, ווי מען שמועסט אין שטעטל האָט מען געזען נישט ווייט פון דער באַן־סטאציע עם עס־מונדירן.

— וואָס רעדסטו? האָט דער זיידע זיך אָנגערופן און איז געוואָרן ווייס ווי קאַלעך.

— הלוואי וואָלט דאָס נישט אמת געווען. צום באַדויערן, ווײַזט עס אויס צו זיין אמת. דאָס האָט דערציילט אברהם בלעכער וואָס האָט דאָרט געדעקט א דאך.

ס'איז געוואָרן א טויט־שטילקייט אין שטוב.

— דער מלאך המות האָט אונדזער שטעטל אויך נישט אויס־געמיטן, האָט בעריש געזאָגט. לאָמיר שטול אהיימגיין.

די וואָס זענען אהיימגעגאנגען און די וואָס זענען געבליבן האָבן געקלערט פארשידנס. טרויעריקע בילדער איז פאר זיי פאָרגעקומען. איינער האָט נישט געוואָלט שטערן דעם צווייטן. אפשר דערטראכט זיך עמיצער וואָס ס'איז צום טון.

מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ זענען זיי אהיימגעקומען. יעדער האָט געקלערט וואָסערא זאכן זענען די נייטיקסטע וואָס מען וועט דארפן מיטנעמען.

אזא נאכט, וואָס די אײַנוווינער האָבן געהאט, מעג מען ווינטשן אַלע שונאים.

צומאָרגנס זענען עטלעכע אויפרופן אויפגעקלעבט געוואָרן אין שטעטל: „אַלע יידן זאָלן קומען צום פּאָליציי־אמט מיט געפּעק ביז 10 קילאָ פּער קאָפּ. דער וואָס וועט נישט אויספירן דעם באַפעל, וועט דערשאָסן ווערן אויפן אָרט“.

דעם אנדערן טאָג נאָכמיטאָג, איז דאָס שטעטל אויסגעליידיקט געוואָרן פון די יידן.

מען האָט זיי אריינגעשטופּט אין וואגאָנען און געשיקט אין דער ריכטונג ווארשע.

זיי קומען

באַלד נאָך וועטשערע, קומט אַריין דער שכן אריה.

— ס'איז קיינער דאָ נישטאָ? האָט ער שטיל געפרעגט.

— ניין, האָט אים זיידל געענטפערט.

— הערט זיך צו מיט קאָפּ! האָט ער ווי באַפעלעריש געזאָגט. מ'האָט שוין געזען דאָ עטלעכע פון די ס.ס.-לייט. איר ווייסט וואָס דאָס באַדייט!

אסתר, וואָס האָט אָפּגעשאַרט די ברעקלעך פונעם טישטעך, איז געבליבן שטיין מיטן פלעדערוויש אין דער האַנט. געקוקט אויפמערקזאַם אויף אריהן, געציילט זיינע ווערטער. איין וואָרט האָט באַהערשט איר מוח. „ס. ס.“. דאָס איז די שרעקלעכסטע היטלעריסטישע באַנדע. זי האָט שוין גענוג געליטן פון זייערע פאַרברעכנס.

— וואָס טו איך מיטן קינד? האָט זי געשעפטשעט. גלייך ווי זי זעט די מלאכי-חבלה, דרייען זיך אַרום איר און לאָקערן אויף איר איין איינציקן קינד, איר אויג אין קאָפּ.

זיידל, דער מאן אירער איז פארלוירן, ער שטייט און ברעכט די הענט: די חיה שטייט מיטן אָפענעם פיסק זיי אלע איינשלינגען. ער זעט, אז באלד וועט דעם קינדס ביינדעלער קנאקן צווישן אירע ציין. ער ווערט בלאס, וואָס פארא קראָען דרייען זיך פאר זיינע אויגן? קראָען מיט בלוטיקע שנאָבלען; גלאנצנדיקע שפיזן! ניין! ס'זענען האקנקרייצן, האקנקרייצן; אָן א שיעור. ער פארלירט דאָס באוּווסטזיין.

— גיבער א ביסל וואסער! שרייט אריה און רייבט אים די שלעפן, פאטשט אים אויפן פנים.

באלד, ענטפערט אסתר. געפינט נישט דאָס גלאָז, כאָטש עס שטייט איר פאר די אויגן אויפן טיש. אריה נעמט דאָס גלאָז, לויפט צו צום קראן, צאפט אָן און שפריצט אויף זיידלס געל-פנים. דער פארחלושטער קומט צו זיך צוביסלעך.

אויף אריהס פנים קרייצן זיך גרויל מיט פרייד. גרויל ווייל, איז דען געזען אמאָל עפעס גרוילעכערס ווי די איצטיקע תקופה? און פרייד. ווייל ער האָט געזען זיין פריינט קומט צו זיך.

— זיידל, וואָס טוט זיך מיט דיר! האָט אריה געזאָגט און אים געטרייסלט. מ'טאָר זיך נישט אזוי פארלירן.

נאָך א שטיקל צייט האָבן אלע דריי זיך כמו בארויקט און אריה, האָט געזאָגט: פאר אלעמען דארף מען דאָס קינד ארויספירן אין דאָרף אריין צו יאנען. ער איז מיינער אן אלטער באקאנטער און ער וועט יואליקן אויסבאהאלטן צווישן זיינע קינדער. ער וועט זיי זאָגן אז יואליק איז זייער שוועסטער-קינד, וואָס איז געקומען פון יענער זייט.

יאנס שטיבל שטייט אָן א זייט. ער איז א וווילער יאט. אים וועט געלונגען דאָס קינד אויסצובאהאלטן. בקיצור, מיר טאָרן קיין צייט פארלירן. פאק צונויף די נויטיקסטע זאכן פארן קינד און וואָס שנעלער. מיט אים אוועק אין דאָרף אריין.

די מוטער האָט גענומען א טאָרבע, זי אָנגעפילט מיט די נויטיקע זאכן. געוועקט דאָס קינד.

— קינד מיינס, האָט זי צום קינד געזאָגט. מיר דארפן זיך אָנטאָן, און גיין. דו וועסט באנייען די הייזלעך די ווארימע, כ'וועל דיך קינדעניו ארומוויקלען מיטן שאלעכל, דו זאָלסט זיך חלילה נישט פארקילן. דאָס מענטאלע, כאָטש ס'איז אביסל

אָפּגעריבן, וועט עס דיר אָבער אָפּהיטן די לונגען־לעבער די שוואַכע. פרעג מיך נישט פאַרוואָס, פאַרווען. גלייב מיר אַז איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס. מוזט אָבער פאַרגעסן אַז דו ביסט אַ ייִד. דאַרפסט דיין נאָמען בייטן. וועסט אָבער זיין צווישן ווילדע קינדערלעך. וועסט דיך דאַרט שפּילן, ביז ס׳וועט נעמען אַ סוף צום גיהנום.

זי האָט זיך אָנגעטאָן די ווינטערדיקע בגדים. זיך געזעגנט מיטן מאַן און מיט אריהן. גענומען די טאָרבע אויף די פּלייצעס, יואלקן ביי דער האַנט און זיך געלאָזט אַרויסגיין. זי דרייט זיך אויס, קוקט אויף די זאַכן, אויף די בילדער פון אירע עלטערן וואָס זענען געהאָנגען אויף די ווענט, אַ ליבע בענקשאַפט האָט זי אַרומגעכאַפּט. שטיל, זיך אָפּגעווישט די הייסע טרערן וואָס האָבן אָנגעהויבן רינען.

— גיב אַכטונג ווי דו גייסט, זאָלסט נישט בלאָנדזשען. מוזט זיין האַלב צען אַ זייגער אויפן לעצטן ראָג. דאָרט וואַרט אויף דיר דער פּויער ניקאָלאַ, וועסט אים דערקענען, ער גייט אָנגעטאָן מיט אַ ברוינעם פּעלץ, ער איז אַ גרויסער, אַ הויכער. די וואָגנס אַרויסגעדרייט, האָט צו איר אריה געזאָגט. זעצט אייך תיכף אויף אויפן שליטן!

דער מאַן אירער האָט געשוויגן, געווען פאַרנומען מיט זיינע געדאַנקען. עס זענען פאַר אים פאָרגעקומען די בילדער פון זיינע עלטערן וואָס זענען פאַרטיליקט געוואָרן דורך די עס. עס.

דער פראָסט האָט געגליט, געברענט. דער פּחד האָט אַלץ אַרומגענומען. זיי זענען אָנגעקומען.

דער פּויער האָט צערודערט דאָס שטרוי פונעם שליטן, זיי צוגעדעקט מיט אַ שאָפּענער־דעק. געגעבן אַ טרייב דאָס פערד און אַוועקגעפאָרן.

יואליק האָט געקוקט אויף דער מוטער. ער האָט געוווּסט, אַז ער טאָר נישט וויינען און טאָר נישט רעדן. זיין קוקן האָט איר דאָס האַרץ געבראָכן. זי האָט אָבער געשלונגען די טרערן, מיט צער צו אים געשמייכלט ביז זיי זענען אָנגעקומען אין דאָרף אַריין.

— לאָז מיך נישט איבער אַליין, האָט יואליק זיך געבעטן. כ׳וויל צוריק, כ׳וויל זיין מיט אייך צוזאַמען...

די מוטער האָט אים אָנגעהויבן גלעטן דאָס קעפל. אים געבעטן, געחלשט פאר אים, ער זאָל נישט אָנטון קיין יסורים זיינע עלטערן.

פאר אונדז האָט זי געזאָגט וועט דאָס זיין זייער שווער אויסצוהאלטן. נאָר דיין לעבן איז אונדז טייערער פון אלץ. זיי רויק. פאס דיך צו צום ארום. כ'וויים ס'וועט דיר פון אָנהייב זיין זייער שווער. מוזט אָבער דיך באהערשן קינד מיינס. זיי געהאָרכזאם. שטיל. ביי אונדז אינדערהיים איז דיין לעבן אין געפאר. דאָ וועלן דיך אויסבאהאלטן אונדזערע פריינט. מיר האָבן אז מיר וועלן זיך איינגיכן זען. זי האָט אים אָנגעהויבן האלדזן און קושן: זיי געזונט.

ביידע בליקן זענען געווען טיפער פונעם ים. די מאמע מיטן קינד האָבן אין זיי געזען דעם טיפן אָפּגרונט. יעדער פון זיי האָט אריין געקוקט אין דער שווארצער צוקונפט וואָס ווארט אויף זיי.

דער דרויסן איז מילדער געוואָרן. דער שניי האָט זיך געזיפּט שטיל, און אלץ איינגעהילט אין ווייסן, מיט ווייסע תכריכים איז אויך אָנגעטון דאָס פעלד, די הייזקעס, די ביימער. דאָ און דאָרט זעט מען אויף זיי שווארצע פלעקן, סימבאָלן פון טרויער, פון טויט.

אין שטאָט האָט די בריגאדע געמאכט א פרישן חורבן. אריה מיט זיידלען זענען אכתרן אקעגן געקומען, פארשטעלט ווי פויערים. מיט סאקוועס אויף די פּלייצעס אויפגעהאָנגען אויף העק — קום נאָך אונדז אין וואלד אריין! אין וואלד אריין!

נאָך דער ארבעט

איציק איז אהיימגעקומען פון דער ארבעט. אויף דער שוועל באגעגנט ער זיין פרוים שמײכל וואָס ער האָט שוין זייט חדשים נישט געזען אויף איר פנים.

— כ'האָב אויף דיר ארויסגעקוקט מיט טויזנט אויגן, האָט זי זיך געאײלט אים צו זאָגן. אפשר איז דיר שוין אויך באקאנט די בשורה וואָס האָט זיך פארשפרייט אין געטא אז די ברוינע חיה, דאָס „אומבאזיגבארע" היטלעריסטישע מיליטער האָט געהאט יענע מפלה ביי ראָסטאָוו. נישט אײנער האָט דאָ באגרוסט אײנעם דעם אנדערן מיט „ראש-טוב". ס'איז א גוטער אָנהויב. ס'איז שוין דער אָנהויב פונעם סוף, מיר וועלן אפשר דערלעבן צו זען די ענדגילטיקע מפלה פונעם פאשיזם.

— ענדגילטיקע מפלה זאָגסטו? מיך דערציטערט דאָס וואָרט „ענדגילטיק". עס גייט מיר נאָך כמעט נאָך יעדן שריט און טריט. די פראזע „די ענדגילטיקע לייזונג פון דער יידן פראגע". איך האָב אײך געהערט אין דער פאבריק וועגן דער מפלה אין ראָסטאָוו, לײדער, טײערינקע, פריידט זיך צו פרי.

ראָסטאָוו איז ווייט פון דאַנען הונדערטער און הונדערטער קילאָ־מעטער, און מיר זענען דאָ ארומגערינגלט פון די באַנדיטן. פון דאַרט ביז אהער האָבן זיי נאָך אזוי פיל מעכטיקע פּאָזי־ציעס און אן אומגעהויער וואָפן־מאַטעריאַל און אַ גאַר גרויסע אַרמיי אָן אָנגעגעסענע, אַ באַקליידטע און אַ באַשוכטע פון דעם רויב וואָס זיי האָבן אָנגעראַבעוועט אין די לענדער וואָס זיי האָבן פאַרכאַפּט.

— איציק, אז יעדער וועט קלערן ווי דו, קומט אונדז אַלע אויס, אז מיר זאָלן זיך אָנטון זעק מיט אַש אויף די קעפּ און וואַרטן אויף אונדזער אומקום. זע ווי אין די הויפן האָט די ידיעה דערפרייט דעם עולם. אָט זע, ווי די מוזיקאַנטן שפּילן רוסישע פאָלקס־מעלאָדיעס; מ׳זינגט און מען טאַנצט פאַר גרויס שמחה.

— הלוואי זאָל דאָס לאַנג געדויערן. כ׳וויל דיר דיין יום־טוב נישט פאַרשטערן. כ׳בעט דיר אָבער צו זיין מער פּראַקטי־שער און זאָלסט זיך נישט לאָזן פאַרוויגן מיט צו פריצייטיקע נצחונות.

זי האָט געטראַכט אַ ווײַלע, און כאָטש זי האָט אויך געפילט די גרויסע סכנה וואָס הויערט אויף אַלע געפאַנגענע, האָט זי אים נישט געוואָלט נאָכגעבן, מחמת זי האָט געוווּסט אַז ער איז בטבע אַ קלײנער אָפּטימיסט, איבערהויפּט זייט ער אַרבעט שווער און ביטער, אין אַן אַטמאָספער פון דערנידערונג, פּיין און שרעק.

דאָס פאָלק האָט אַ געזונטן חוש, און אַז עס פרייט זיך דאַרף מען זיך באַטייליקן אין דער שמחה אויף וויפל אונדזער געמיט דערלויבט אונדז. אָט האָב איך היינט צוגעגרייט אַ קאַרטאָפל־גריץ און אַ צימעס מײרען. זיי אזוי גוט און וואַש זיך אָפּ פונעם שווייס און פונעם שמוץ און לאָמיר זיך לאָזן וויל גיין.

איציק האָט געטון אַ בליק אויפן ניינעריקן קינד, וואָס האָט אים באַלד ארומגעכאַפּט די פיס און ער האָט מיט אַ געמאַכטן שמייכל געענטפערט, מילא! ער האָט אויפגעהויבן דאָס קינד, זיך געשפּילט אין זיינע בלויע אייגעלעך, געקושט דעם הויכן שטערן וואָס איז געווען באַצירט מיט שוואַרצע געקרייזלטע האָרעלעך.

— טאטע, איך וויל זאלסט מיר אויך קויפן א פידעלע, איך וויל אויך שפּילן.

דעם פאָטערס אויגן זענען אָנגעפולט געוואָרן מיט טרערן. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, און גייענדיק זיך וואַשן האָט ער געזאָגט:

— יאָ, יאָ, חיותל מיינס, כ'וועל דיר ברענגען א פידעלע, א קליינס און א שיינס, און דו וועסט שפּילן, שפּילן, שפּילן.

קיין טישזעך האָבן זיי שוין לאנג נישט געהאט.

פייגעלע האָט געבראכט צוויי ערדענע טעלער, פולע מיט קארטאָפל־גריץ פון וועלכע ס'האָט געיאָגט א פּארע.

אין טעלער האָט זי אנידערגעשטעלט פארן מאן און פון אנדערן האָט זי און דאָס קינד געגעסן צוזאַמען.

ער איז ווייטער געווען אין א שלעכטער שטימונג.

זי האָט פארשטאנען א ס'איז עפּעס נייעס פאָרגעקומען אין פאבריק. זי קען אים, דעם מאן אירן. ער איז נישט אזא מענטש וואָס וויל דווקא שאפן א טרויעריקע שטימונג. זי האָט אים אָבער נישט געוואָלט, שוין, פרעגן. זי האָט צייט. זאָל ער קודם עסן און טאקע זיך צולייגן אביסל אויסרוען און דערנאָך וועט זי שוין אלץ געוואָר ווערן.

איציק איז אָבער געווען זייער צערודערט, דאָס בילד ביים ארויסגאנג פונעם טויער האָט אים נישט געלאָזט רוען. ער האָט געזען די בלייכע פּנימער מיט די דערשראָקענע אויגן וואָס האָבן זיך ווי צוגעזופּ געהעפט מיט דעם ארויסגעהאָנגענעם צעטל אויף וועלכן ס'זענען געווען אויסגערעכנט די נעמען פון די וואָס דארפן מאָרגן קומען מיט העכסטנס פינעף קילאָ געפּעק אין דעם אויסזיילדונגסביוראָ. פון דאָרטן אין שוין דער וועג באַקאנט, ער ציט זיך דורך פעלדער טרוקענע, באַזוימט מיט נאַקעטע ביימער, וואָס האלטן אויסגעשטרעקט זייערע שווארצע ווילדע צווייגן וואָס ווילן זיך איינפרעסן אין דער בלויער זוני־קער לופט. נישט איינמאָל איז ער געפאָרן מיט די טראנספּאָרטן מאשינען־טיילן וואָס זענען ארויסגעשיקט געוואָרן פון דער פאבריק אין אן אנדערער, זיי אויסגעלאָדן און געזען די וואַגאָנען וואָס זענען געשטאַנען באזונדער, פארמאכטע, געהיטע פון געסטאפּאָ. דריי הונדערטער מענטשן, דארפן

זיך מאָרגן מעלדן. דריי הונדערט מענטשן וועלן מאָרגן ארויסגעטריבן ווערן פון דער שטאָט, עסקאָרטירט ווי די גרעסטע פאַרברעכער. ער זעט ווי מ'יאָגט זיי אריין אין די וואַגאָנען. דאָס זענען די שולדיקע, וואָס האָבן זיך פאַרזינדיקט, זיי האָבן נישט אויסגעארבעט די נאָרמע וואָס איז פאַרפיקסירט געוואָרן. ער דערמאַנט זיך ווען ער האָט אויך געארבעט אין די ווערקשטעלן. ס'קומען אים פאַר די שקלאַפן וואָס זענען געשטאַנען ביי די מאַשינען, ארבעטנדיק אין איין אָטעם, מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ. פאַר זייערע אויגן האָט געטאַנצט נאָר די פאָרגעשריבענע פּראָצענט־נאָרמע, פילנדיק די אויפזעערישע אויגן וואָס גלאָצן און שטעכן מיט די בליקן, ווי מיט שפּיזן. דער קאָנטראָלזייגער ציילט יעדן ריר פון די אויסגעשעפּטע גלידער. אים איז באַוווּסט דער אומענטשלעכער אָנשטרענג וואָס יעדער פון די געפאַנגענע האָט אויף זיך ארויפגעצוווּנגען נישט ארונטער בלייבן חס וחלילה. טאָמיר יאָ, האָט יעדער געוווּסט אז ס'וואַרט אויף אים גרויסע צרות און ליידן און צום סוף דער טויט.

דריי הונדערט מענטשן צום טויט פאַרמשפּט! ער האָט אַוועק געשאַרט דעם טעלער.

ער האָט זיך פונעם טיש אויפגעהויבן, געגאַנגען פון איין עק צימער צום צווייטן. די טריט זיינע זענען געווען פעסטע. דאָס פּנים אָנגעשטרענגט, די אויגן געברענט. ער האָט אַלץ גיכער געשפּאַנט הין און צוריק. די פרוי האָט שוין געוווּסט וואָס דאָס באַטייט. זי האָט אים גאָרנישט געפרעגט. האָט אראָפּגענומען די טעלער פונעם טיש. גענומען דאָס קינד אויף די הענט און געזאָגט: מיר וועלן אריינגיין צום שכן, דאָרט וועסט דו דיך שפּילן מיט יאַנען. זי האָט אים דערלאַנגט א דאַר שטיקל ברויט, מיט גיריקייט האָט דאָס קינד עס געכאַפּט, עס צוגעפירט צום מויל און געבליבן שטיין, געקוקט פאַרגאַפט צום פאָטער וואָס האָט זיך געבראָכן די הענט און געריסן זיך די האָר. די מוטער האָט עס גיך ארויסגעטראָגן. דאָס קינד האָט אָבער אויסגעדרייט דאָס קעפּל, געקוקט מיט דערשראָקענע אויגן. אָבער אין איין אויגנבליק איז די טיר פאַרמאַכט געוואָרן.

— געוואַלד! געוואַלד געשריגן. וואָס פאַר א צאָרן איז אויף אונדז אויסגעגאָסן געוואָרן. וויאַזוי קאָן מען דאָס דערלאָזן?

וואָס דאַרף מען טאָן? ווער קאָן העלפֿן? האָט איציק, מערערע מאָל איבערגעחזרט.

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און זי איז צוריק געקומען.

— וואָס איז ווידער געשען? האָט זי שטיל געפֿרעגט.

ער האָט נישט געענטפֿערט. זיך געריסן ביים קאָפּ, און געשפּאַנט אָן אויפֿהער.

— באַרויק דיך אַביסל, איציק, וועסט גאָרנישט נישט אויפֿטאָן מיט אָט דעם צוגאַנג צו די געשעענישן. כ'ווייס אַז דער וויטיק און די שאָק האָבן דיך באַהערשט. געפֿינסט נישט קיין אויסוועג. אויף אַזאַ אופֿן וועסטו אינגאַנצן איינגעבראָכן ווערן. וועמען וועט דאָס נוצן, קיינעם נישט אַ חוץ דעם שונא.

ער האָט נישט געהערט וואָס זי האָט אים געזאָגט. דער קאָפּ איז אים טעמפּ געוואָרן. פֿאַר די אויגן האָט אים אָנגעהויבן שווינדלען. די שוואַרצע זשוקלעך האָבן זיך אַלץ מער פֿאַרמערט. ס'איז אים געווען חושך ואפלה. זי האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט, אים צוגעפֿירט צום בעט אויף וועלכער ער איז אַנידערגעפֿאַלן, ווי אַ שטיק ליים.

זי איז געזעסן אויף דער לייסטע פֿונעם בעט, געהאַלטן זיין האַנט אין איר, געקוקט אויף זיין אויסגעדרייווערט פּנים פֿון וועלכע ס'האָט געראַנען דער שווייס. זי האָט געקוקט אויף דעם שטערן זיינעם וואָס איז לעצטנס דורכגעאַקערט מיט אומציילקע קנייטשן. זי האָט פֿאַרשטאַנען אַז אַ גרויסער בראָך איז פֿאָרגעקומען. ער האָט זיך גאָר אינגאַנצן פֿאַרלוירן? ס'איז נישט זיין שטייגער! וויפֿל האָבן זיי נישט איבערגעלעבט פֿאַרן געטאָ און בשעת דעם געטאָ. ער האָט זי שטענדיק דערמוטיקט, איר אויסגערעדט דאָס האַרץ ווען ס'זענען אָנגעקומען די שרעקלעכע ידיעות פֿון דער פּראָווינץ, וועגן די אויסראָטונגען, און אָט אַזוי זיך פֿאַרלוירן, דאָס קאָן זי נישט פֿאַרשטיין. אַ גרויל האָט זי אַרומגעכאַפּט ווען זי האָט זיך דערמאַנט אַז די שוואַכע זענען די ערשטע קאַנדידאַטן וואָס מען פֿירט זיי אַרויס פֿון געטאָ, וואוהין ווייסט מען נישט. ס'גייען אָבער אום קלאַנגען אַז קיין גוטס וואַרט נישט אויף זיי, מען זאָגט אַז ס'וואַרט אויף זיי דער אומקום... וואָס וועט זיין מיט אונדז, מיטן קינד וואָס וועט זיין?...

ווען עס וואָלט דאָ כאָטש געווען רפאל. וויפל מענטשן האָבן זי נישט מקנא געווען וואָס זי האָט אזא ברודער, א בר־דעת, א מזג־טוב. ווער ווייסט וואָס מיט אים איז געשען? שוין א חודש צייט זייט זי האָט פון אים קיין ידיעה נישט באַקומען, אינעם לעצטן בריוו האָט ער זיך געקלאָגט אז ער איז זייער פאַראומערט ווייל ער האָט קיין שום לעבנס־צייכן פון זיין גע־ראָטענער טאָכטער וואָס האָט ערשט געענדיקט דעם ליציי, לויט ווי ער האָט געשריבן איז זי טאמארא, געפאָרן אויף אָפּרו צו פריינט. ווער ווייסט וואָס מיט איר איז געשען? זע נאָר ווי די געדאנקען הויפן זיך אָן איינס אויפסאַנדערע? און וואָס פאַרא געדאַנקען? בלויז טרויעריקע! כמעט בלויז האָפענונגס־לאָזע! דאָס לעצטע וואָרט האָט פאַרנומען א גרוים אָרט אין דער מאסע געדאַנקען וואָס האָבן זי באַלאַגערט. מיטאמאָל האָט זי זיך דערמאָנט פונעם קינד, פונעם ליכטיקן און א ים מיט האָפענונג האָט זי אַרומגעכאַפּט. זי האָט פאַר זיך געזען די גאָלדענע יוגנט, די וועלדער, די פעלדער, די בלומען, די זומער אויפדערנאַכטן, די לבנה. דער אויסגעשטערנטער הימל וואָס האָבן איר און איר געליבטן געבראַכט אזויפיל גליק, אזויפיל גלויבן אין דער צוקונפט. און אָט ליגט ער דאָ ווי א שטיק ליים. אָט דער מענטש וואָס איז געזען פול מיט לעבן, מיט שעפערישע געדאַנקען, פול מיט גלויבן אין אַן אַלץ בעסער לעבן, א לעבן פון צדק און יושר. ניין! ס'איז נאָר א צייטווייליקער קריזיס ביי אים. איך קאָן מיר נישט פאָרשטעלן אז די גע־שעענישן ווי ווילד זיי זאָלן נישט זיין זאָלן האָבן אויף אים אזא צעשטערערישע ווירקונג. ער וועט זיך אויסרוען און וועט מן הסתם קומען צו זיך, האָט זי זיך געטרייסט.

איציק, האָט זיך צו ביסלעך זאַדרעכעט. ער האָט זיך געווישט די אויגן, ער האָט זיך אַרומגעקוקט און איז ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן.

זי איז צופרידן געווען, און איז געגאַנגען צו דער שכנה, זען וואָס דאָס קינד טוט.

— דאָס קינד איז היינט מער אויפגערעגטער ווי תמיד האָט די שכנה שיינדל געזאָגט צו דער טרויעריקער מוטער. ס'האָט נישט געהאָלפן מיין יאַנקעלעס אָנשטרענגונגען אים אַרויסברענ־גען פון דער ברוגזדיקער שטימונג.

— די צייטן, די שטוב־אומשטענדן האָבן א גרויסע ווירקונג אויך אויף די קליינע אומשולדיקע באשעפענישן. וואָס פארא צייטן מ׳ה האָבן דערלעבט, האָט זי געענדיקט מיט ביטערקייט. גענומען דאָס קינד, געדאנקט דער שכנה און איז אריין צוריק צו זיך אין צימער.

זי האָט אָנגעוואַרמט די קארטאָפל־גריץ, געגעבן דעם קינד, און נאָך דעם, האָט זי עס ארויסגעשיקט אין הויף:

— גיי, קינדעניו, שפיל דיך אביסל מיט די קינדער אין הויף!

דאָס קינד איז ארויסגעגאנגען.

נאָך א האלבע שעה, איז א׳ציק אויפגעשטאַנען.

נאָך א פּאָר מינוט איז זי צו אים צוגעגאנגען:

— ביסט היינט געווען אויסערגעוויינלעך אויפגערעגט. וואָס איז געשען, מיין ליבער?

— פרעג שוין נישט. דריי הונדערט מענטשן דארפן זיך מאָרגן מעלדן אין אויסזידלונגס־ביוראָ מיט 5 קילאָ געפּעק.

— ס׳איז דאָך נישט צום ערשטן מאָל, און היינט איז וואָס? וועלן זיי איבעטן ערגעץ אנדערש. וואָס איז דער חילוק? דאָ אָדער ערגעץ אנדערש? זיכער, האָט זי ווייטער געזאָגט, אז דאָ האָבן זיי זיך שוין צו געוווינט מיט די צרות, און דאָרטן ווייסט מען נישט וואָס עס וועט מיט זיי געשען. זי האָט זיך רעכנשאַפט געגעבן אז זי האָט געזאָגט „אז דאָרטן ווייסט מען נישט וואָס מיט זיי וועט געשען". און וועט אים ווידער אריינ־ברענגען אין דער שטימונג פון וועלכער ער האָט זיך אביסל באפרייט נאָכן שלאָף. זי האָט געפּרוווט צו פארבעסערן:

— ס׳קאָן זיין אז דאָרט אויף דעם נייעם ארבעטס־פּלאַץ זאָל אפשר פאר זיי בעסער זיין. וואָס שוע דאָ איז א גן־עדן?

— ווילסט מיר פארעדן די ציין? מיינסט אז כ׳בין א יונגעלע?

— ס׳איז גענוג ביטער אז מיר דארפן זיך איינס ס׳אנדערע אויסרעדן. מיינסט אז כ׳בין אזא שוטה. מיר טאָרן אָבער צו זיך נישט צולאָזן דעם יאוש! מיר מוזן פאר אלעמען קעמפן מיט אונדז גופא, כדי מיר זאָלן קאָנען ווייטער איבערקומען דאָס אלץ וואָס וואַרט אויף אונדז. מיר דארפן זיין שטארק.

שטאַרקער פון אייזן און בשום אופן נישט איינגעבראָכן ווערן האָט זי געזאָגט מיט ברען. פארגעס נישט אז מיר האָבן א קינד געבראכט אויף דער וועלט. איך רעד מיט דיר איצט אָפן. פריער האָב איך דיך געזען אין אזא פארצווייפלונג, אז ס'איז מיר אויסגעקומען צו לויפן אין דער וועלט אריין און אלץ איבערלאָזן אויף גאָטס־באראָט, וויאזוי קאָן מען זיך אזוי פארלירן? וואָסזשע ס'איז ביי דיר עפעס א נייעס, ס'זענען דיר נישט באוווסט די דרכים פון דער היטלעריסטישער חיה? ס'וועט אונדז נאָך אויסקומען נאָך ערגערס איבערצולעבן. כ'זאָג נישט אז ס'איז גרינג איבערצוטראָגן אזא ידיעה אז 300 מענטשן דארפן מאָרגן אוועקגיין ווער ווייסט וווהין? איבערהויפט ווען די מענטשן זענען נאָענטע, מ'האָט מיט זיי צוזאמען געארבעט אין דער זעלבער פאבריק, איז דער רושם פיל שטארקער ווי מען הערט, אז אין א ווייטער אָדער אין א שכנותדיקער שטאָט איז דאָס זעלבע געשען. דערמאָן דיך טייערנקער אין דיין אייגענער משפחה, אין מיין משפחה, ווי, צו אונדזערע יאָרן. האָבן מיר דען ווייניק איבערגעלעבט. אזא טויטשטימונג וואָס האָט דיך ארומגענומען, איז געפערלעכער פון אלץ, זי ברענגט א גיכן און זיכערן טויט! יאָ, מיר זענען אין א געפעכט מיטן טויט. דאָס איז די לאגע און צו איר מוז מען זיך צוגעוווינען, ביז ס'וועלן קומען אנדערע צייטן. זאָלסט נישט מיינען אז כ'בין פלוצים פרום געוואָרן און האָב אָנגעהויבן גלייבן אין נסים. ניין. כ'גלייב ווי כ'האָב געגלייבט מיין גאנץ לעבן, געגלייבט אז מיר לעבן נישט אליין אויף דער וועלט, כאָטש מיר זענען איזאָלירט אונטער די הויכע מויערן וואָס זענען געהיט מיט איפער פון דער היטלעריסטישער חיה מיט אירע מיטלויפער. זיי וויסן, און זאָלסט קיינמאָל נישט פארגעסן אז מיר זענען נישט אליין, ווי ס'זאָל דיר נישט אויסקומען קאָמיש מיין פעסטשטעלונג. אויף דער ארישער זייט האָבן מיר גוטע פריינט וואָס קעמפן, וואָס שטעלן איין זייער לעבן, זיי זאָלן אונדז קומען צו הילף. געדענקסטו דען נישט ווי פריער מיט א וואָך האָט וולאדיסלאוו אונדז געבראכט אהער, טאקע אין געטאָ אריין 2 קילאָ שמאלץ און דעם קינד צוקערלער? ווייסטו דען נישט אז וולאדיסלאוו שטעלט זיך איין דאָס לעבן

און באהאלטן אויס ייִדן, ווייסנדיק אַז עס דראָעט אים טויט=שטראָף. איז דאָס דען איין אײנציקער פאַל? אונדזער שבֿן חיים, גייט דען נישט יעדע וואָך צו דער אַרבעט און ברענגט נישט פון דאָרטן פאַרשיידענע פאַרבאָטענע מאַטעריאַלן. און דאָ אין געטאָ אַליין גייט עס דאָך אויך נישט אַזוי גלאַט אָפּ. מען גרייט זיך. מען גרייט זיך צום קאַמף. האָסטו דען נישט געלייענט די „מאָרגן=פרייהייט". דו מיינסט אַז נאָר דו ביסט דער אַלעסווייסער. אַז נאָר דו ווייסט וואָס ס'קומט פאָר אין די וואַגאָנען. „דאָס איז אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד". מ'ווייסט אַז היטלער האָט פאַר אונדז צוגעגרייט דעם טויט, אַז מ'פאַר=טיליקט אונדז ביסלעכווייז, אַז אַלץ גייט מיט דער דייטשער פונקטלעכקייט, אַז זיי נוצן אויס אונדזער כּמעט אומזיסטיקע אַרבעט פאַר זייער באַוואָפענונגס=מאַשין. אַלץ איז באַוווּסט. מיר זענען אין זייערע נעצן. מיר מוזן פּרוּוון אונדזערע כּוחות זיי צורייסן און ווען נישט, כאָטש פאַלן ווי ווירדיקע מענטשן.

מיר דאַכט זיך אַז עמיצער האָט געקלאַפּט אין דער טיר האָט ער געזאָגט. שווייג אַ מינוט, האָסט זיך צולאָזט אַביסל! זיי האָבן געשוויגן. דאָס קלאַפּן האָט זיך איבערגעחזרט.

— אַריין, האָט זי געזאָגט.

— אַ גוטן! וואָס טוט איר פייגעלע, און איר וואָס מאַכט? האָט זיך געווענדט וולאַדימיר, זייער נעוועזענער שכן צו איציקן.

— מ'טוט וואָס מען קאָן, האָט איציק געענטפערט.

— אָט האָב איך געבראַכט אַביסל וואָל איר זאָלט אויסאַר=בעטן אַ סוועטער. און איך אויך געבראַכט פיש=קאָנסערוון פאַר די פאָר העמדער וואָס איר האָט מיר אויפגענייט. דעם סוועטער דאַרף איך וואָס גיכער אַוועקשיקן מיין זון וואָס איז אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין צו די פּאַרטיזאַנער. כ'וואָלט דעם סוועטער וואָס גיכער באַדאַרפט האָבן, ס'דערנענטערן זיך די קעלטן. קאָנט איר מיר זאָגן ווען כ'זאָל נאָך אים קומען?

— די אַנדערע וואָך, האָט אים פייגעלע געענטפערט.

— כ'האָב געבראַכט אויך אַ פאָר זעקעלעך און וואַרעמע שיכעלעך פאַר אייער קליינינקער. ער פאַקט אויס און דערלאַנגט.

— דאָס איז שוין צו פיל, דאָס וועט באַטרעפן מער ווי דער לוין וואָס ס'וועט מיר קומען.

— ס'מאַכט נישט. איר וועט מיר שפּעטער עפּעס אַנדערש אויסאַרבעטן. בשעת ער האָט אויסגעפּאַקט האָט ער געזאָגט פּיי־נעלען אין דער שטיל אַז ער האָט אויך אַ בריוו צו איר. זי האָט דערלאַנגט די שיכעלעך איציקן און ווען ער האָט זיי באַקוקט פון אַלע זייטן, האָט זי אים שטיל געענטפערט, אַז ער וולאַדימיר, זאָל איר געבען דעם בריוו ווען זי וועט אים באַגלייטן אויף יענער זייט מיר.

דאָס קינד איז אַריינגעקומען פונעם הויף.

— ביסט שוין זיכער מיד פון אַזויפיל שפּילן, האָט די מו־טער צו אים געזאָגט. אָני, קום נאָר אַהער, לאָמיר דיר אָנ־מעסטן די שיכעלעך, וואָס דער פעטער וולאַדימיר האָט דיר געבראַכט. זעץ דיך אויפן בענקל. וולאַדימיר גייט צו, העלפט דעם קינד זיך אַרויפצוזעצן.

— זיי זענען אַביסל גרויס, נאָר ס'שאַדט נישט, פאַר אַ קינד איז בעסער אַזוי, קינדער וואַקסן.

— יאָ, וואַקסן... האָט איציק געזאָגט מיט ביטערקייט.

— עס וועט געזונט זיין און אויסוואַקסן, האָט וולאַדימיר שמייכלענדיק צום קינד געזאָגט.

— פאַר אייך איז עס עפּעס פּשוט און גראָד. אַ קינד דאַרף וואַקסן. פאַר אונדז אָבער איז דאָס אַ גרויסער פראַגע־צייכן, האָט איציק געענטפערט.

— ער איז ווידער פאַרביטערט. ביי זיי אין פאַבריק, האָט מען ווידער אַרויסגעשטעלט אַ צעטל מיט 300 נעמען וואָס דאַרפן מאָרגן פאַרלאָזן די שטאָט.

— און ווער ווייסט וואָס ס'וועט איבערמאָרגן, געשען. ס'קאָן זיין מ'זאָל מיך אויך אַריינשטעלן אין צעטל. ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, און איר רעדט פון וואַקסן...

אויף וועמען זאָל מיר לאָזן דאָס קינד?

וולאַדימיר האָט זיך ווי פאַרלוירן. נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. אויב איר ווילט, האָט ער געזאָגט נאָך אַ גרעסערער פּויזע, וועלן מיר נעמען דאָס קינד צו אונדז, און עס האַלטן ביז די סדום־צייט וועט אַדורך.

וואָס פאַלט אײַך איין. וויאַזוי קאָנט איר דאָס פּראַקטיש דורכפירן. איך צווייפל נישט אין אייער גוטן ווילן. אָבער ווי אַזוי ?

— ס׳האָט שוין אַזעלכעס פּאַסירט. ס׳איז נישט דער ערשטער פאַל האָט די מוטער געזאָגט. וואָס ס׳טוט זיך איצט אָפּ ביי מיר אין האַרץ קאָנט איר זיך אפילו נישט פאָרשטעלן, האָט זי קוים געשעפּטשעט. נאָך א ווײַלע: איך ווייס פון פאַלן ווען מ׳האָט איבערגעשמוגלט קינדער אויף דער אַרישער זייט. די זעלבע וואָס שמוגלען שפּייז, זענען אַזוי אָרגאַניזירט און אַזוי פאַרצווייגט אַז מ׳קאָן צו זיי האָבן צוטרוי האָט ווייטער געזאָגט די פרוי וואָס איז געזעסן פול מיט מרויער, און מיט מוט.

— איך בין גרייט אַלץ צו טאָן האָט שטיל וולאַדימיר געענטפערט.

— ווען וועלכן קינד האָט איר גערעדט, האָט זיך דאָס קינד אָנגערופן. אפשר מיינט איר מיך ?

— ס׳קאָן זיין, האָט די מאַמע מיט גרויס צערטלעכקייט געזאָגט. זי האָט עס געכאַפּט אויף די הענט, געקושט, די אייגעלעך, זיי יעדעס באַזונדער אויסגעקושט. דאָס קינד האָט זיך אָנגעקלאַמערט אָן דער מוטערס האַלדז, דערנאָך דאָס קעפּל אַראָפּגעלאָזט אויף איר לינקן אַקסל. און זי, האָט זיך מיט אים צוזאַמען, געוויגט, געזונגען: „ליולענקו מײַן פייגאַלע, ליולענקו מײַן קינד״.

ס׳האָט נישט געדויערט מער ווי עטלעכע מינוט און ס׳זענען אַריין אין שטוב א געשטאַפּאָ־אַגענט מיט א זשאַנדאַר:

— „הענדע האָך!״ האָט דער אַגענט אויסגעשריגן.

— צום זשאַנדאַר: „רייס אַראָפּ דאָס פּיאַווקעלע פונעם האַלדז!״

דאָס קינד האָט זיך ווי אָנגעקלעבט אָן דער מוטער.

— שנעלער!

דער זשאַנדאַר האָט עס אָנגעכאַפּט ביי א פיסל און מיט איין שלעפּ עס אַראָפּגעריסן פון דער מוטער. דערמיט געגעבן א שליידער צו דער וואַנט.

זי האָט זיך געוואָרפֿן צום קינד, וואָס איז געלעגן אויפֿן דיל, עס פֿאַרשטעלט מיט איר קערפּער, שרייענדיק: „רויבער! גזלנים!“ „דאָס קינד האָט איר מיר דערמאָרדעט“.

— נאָך נישט. פֿערפֿלוכטע יודין. באַלד וועסטו האָבן דאָס פֿאַרגעניגן אויך, האָט דער געסטאַפּאָוויץ געזאָגט.

— שיין אויפֿשטיין, שנעלער!

זי, האָט געכאַפּט דאָס קינד אויף די הענט, געוואָלט אויפֿשטיין. די פֿיס האָבן זי נישט געפֿאָלגט, זי האָט זיך געוואַקלט, עס געדרוקט צום האַרץ. געווישט מיט דער בלוזע דאָס בלוט וואָס האָט געראָנען פֿון דעם נעזעלע און פֿון דעם מײַלעכל.

— פֿײַער!

צוויי קוילן האָבן פֿאַרענדיקט דאָס לעבן פֿון דער מאַמע מיטן קינד. דאָס בלוט פֿון ביידע, פֿון דער מאַמען מיטן קינד האָט זיך פֿאַראייניקט דאָס מאָל, אויפֿן דיל.

זיי זענען געווען די גליקלעכסטע. זיי זענען געפֿאַלן ביי זיך אין דער היים.

מיט די אַנדערע צוויי האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אמתדיקע היטלעריסטישע גיהנום, אין די געשטאַפּאָ־קעלערס.

גערודער

אך! די ארומגערינגלטע מויער, האָט חיים געזיפֿצט. הינטער דער מויער האָבן זיי צונויפֿגעדרושעט איבער א האלבן מיליאָן מענטשן.

— קאָנסט אפֿשר די נייע קהל־פֿארזאָרגער אונדזערע? האָט י. פּ. געפֿרעגט.

— כ'האָב מיר נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן אפֿילו, אז ס'וועט די דייטשן געלונגען צו שאפֿן א קהלה. איז מעגלעך אז יידן זאָלן מיטארבעטן מיט דייטשן? אך קאָן דאָס נישט משיג זיין. און דאָך איז דאָס א ווירקלעכקייט, ווער פֿון די יידישע פּארטייען וועט איינגיין צו שטיין אין זייערע ד'אמות? דער געדאנק האָט מיך געמוטשעט גאנצע טעג און נעכט. נאָך א פּויזע זאָגט ער: ס'קומט מיר נישט אָן צו גלייבן, איז דאָס טאקע אמת?

— יאָ, צום גרויסן באדויערן איז דאָס אמת, האָט י. פּ. אים געענטפֿערט.

— נייע צייטן.

— יאָ, יאָ, נייע צייטן מיט פֿארעלטערטע מענטשן. און היינט וואָס וואונדערסטו זיך אזוי, זיי זענען די פֿאָרשטייער פֿון

דער גרויסער בורזשואזיע. זיי האָבן מיטגעארבעט מיטן אמאָליקן סאַנאַציע־רעזשים. ס׳איז נישט אזא גרויסער מזל.

— גיי שוין, גיי! ס׳איז נישט קיין פארגלייך.

— דו וועסט דיך אינגיכן איבערצייגן.

— מיט וואָס ביסטו אזוי זיכער אז איך וועל מיך אינגיכן איבערצייגן.

— פשוט און גראָד. פאר מיר איז דאָס קלאָר.

*

שפעטער מיט א יאָר, זיצן די פריערדיקע העלדן אויף א באנק אינעם זעלבן הויף. זיי רוען זיך אביסל אָפּ. ביידעס פיס זענען ארומגעוויקלט מיט שמאטעס. פון זייערע שיך איז שוין קיין זכר נישט געבליבן. אָפּגעמאָגערטע. טאקע בלויז הויט און ביין. מיט גרויסע פאראָבלטע אויגן. זייערע משפחות זענען שוין פון לאנג אוועק, אוועק מיטן רויך... ווען וועט קומען אונדזער ריי? קלערן זיי אין זיך. קיינער פון זיי וויל נישט ארויסריידן דאָס, וואָס ער טראכט. אין די אָפּגעלאָזטע קעפּ, באָמבלען זיך מחשבות פון דער נישט ווייטער פארגאנגענהייט. זיי דרימלען צו ביסלעך איין. נאָך א פּאָר מינוט וועקט זיך אויף איינער פון זיי, איינגעטלעך האָט אים אויפגעוועקט א שטארקער שטאָך אין דער פלייצע. וואָס זאָל דאָס זיין, א פארקילונג? ניין! ענטפערט ער זיך אין געדאנק. ס׳איז די ווייטיק, וואָס די קאָלבעס האָבן מיר געמאכט דאָרט אין דער פלייצע. יאָ, דאָס זענען די בשותפותדיקע קלעפּ, וואָס איך האָב באקומען פון דעם היטלעריסטישן זשאַנדארם, צוגעפּאַרט מיט די קאַנטשיקעס פונעם פוילישן פּאָליציסט און פון יידישן „אָרדנונגס־היטער" בשעת איך בין דורכגעגאנגען דעם געטאָ־טויער און פאר קעלט געציטערט. זיי האָבן געמיינט מי יהדע וואָס איך טראָג דאָרט מיט זיך. מ׳האָט מיך אויסגעטאָן ביז צום לייב. גאָרנישט געפונען. איך האָב געמיינט אז מען וועט מיר אראָפּרייסן די שמאטעס פון די פיס אויך. ס׳האָט מיר אָבער אָפּגעגליקט. זיי האָבן זיך געמיאוסט צו צורירן צו די שמאטעס. מחמת ס׳האָט פון זיי מיאוס געשמעקט. איך האָב דאָך געארבעט צווישן צואה. יאָ, מ׳האָט מיר אזא שטראָף געגעבן. ווייל איך בין לויט זייער מיינונג נישט געווען גענוג געהאָרכזאם.

כאָטש ער איז פול מיט ווייטיק, איז זיין געמיט נישט אינ־גאנצן געבראָכן. ער דערמאנט זיך אין דעם בריוו וואָס ער האָט באהאלטן צווישן די שמאטעס. ער האָט אים גוט איינגעוויקלט אין א שטיקל קיטשוק פון אן אלטן גאלאָש, כדי ער זאָל נישט צעשעדיקט ווערן. ס'דאכט זיך אים אז עס שטעכט אים שוין נישט. ער וועט זיך אביסל אָפּרוען. און איבערגעבן ווייטער דעם בריוו. דערפולן דעם חוב זיינעם.

דער חבר זיינער, וואָס האָט זיך אויפגעכאפּט פונעם דרימל, פרעגט אים: וואָס שמייכלסטו אזוי? אזוי גוט פילסטו דיך נאָך דעם וואָס האָסט אזויפיל אין לייב אריינגעכאפּט? די קלעפּ האָבן דיך אזוי אויפגעמונטערט? מיט דיר איז א וווּנ־דער! ווען דו זיצט דיר שטיל און קיינער טשעפּעט דיך נישט ביסטו דורכגענומען דורך און דורך מיט טרויער, און נאָך אזא צרה וואָס ביסט ערשט דורכגעגאנגען כאפּט דיך נאָך ארום א שמחה.

— פייערינקער, וואָס איז מיר דען געבליבן פונעם לעבן. כ'דארף דיר נישט זאָגן, דיר איז אלץ באקאנט. כ'וויל אָבער פונעם גאנצן הארץ ס'זאָל כאָטש איבערבלייבן א זכר פון אונדזער פּיין, וואָס אונדזערע אייגענע ברידער האָבן אונדז גורם געווען, זאָל דאָס בלייבן א זכר לעולם. זאָלן אונדזערע נאָכפאָלגער, אויב ס'וועט איבערבלייבן א שריד ופליט, וויסן וואָס מיר האָבן זיך אָנגעליטן. דאָס פּעקעלע וואָס איז בא־האלטן צווישן די שמאטעס איז נאָר אָ מוקצת שבמוקצת פון דעם וואָס ווערט אָנגעשריבן וועגן אונדזער ביטערן גורל. כ'וועל דיר נישט באהאלטן. דאָס זענען נאָטיצן פון אונדזער גרויסן חורבן, אין וועלכע ס'ווערט פארצייכנט אויף וויפל ס'איז מעגלעך וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין געטאָ און ארום אים.

מענטשן ארבעטן מיט מסירת־נפש, זיי וויסן אז טאָמער כאפּט מען זיי איז פאראן נאָר איין משפּט פאר זיי, דער טויט, דאָך פארשרייבן זיי, אפילו אין איין אָטעם, נאָר מען פאר־שרייבט. נישט נאָר איינמאָל האָב איך איבערגעפירט פארשיי־דענע בריוו, טאקע פון אויסעראָנדטלעכע וויכטיקייט. למשל: דאָקומענטן ווי אזוי צוגרייטן ווידערשטאנדן, נייעסן פון אוי־סערן געטאָ. פון דער אונטערערדישער אקטיוויטעט. דאָס מאָל פיל איך אז האָב אויסגעפירט א גרויסע שליחות. דאָס איז דער

סוד פון מיין שמחה. ווי געפעלט דיר, א שיינע שמחה, הא? באלד איז ער אריין אין זיין עצבות, האט דערשפירט די ווייטיקן. די פלייצע האט אים געבריט, דער מוח האט אים געברענט. דער חבר זיינער האט אים אנגענומען ביים ארעם, אים אריינגעפירט אין צימער, געלייגט אויפן הוילן שעניק, צוגעדעקט מיט א שמאטע, געגלעט, געקושט אים די אויגן וואס האבן געפייערט, דערלאנגט א ביסל וואסער און געזאגט, כ'גיי. אפשר וועל איך געפינען א דאקטער, ער זאל דיר פארלייכטערן די ווייטיקן, און איז ארויס.

ווען ער איז געבליבן אליין אין צימער, האט ער געפילט ווי דער קערפער זיינער ברענט. ווייזט אויס, אז ער האט זיך אויך שטארק פארקילט ווייל ער האט געארבעט אין דער נעץ. דער דייטש האט געיאגט, דער ווינט איז געווען א קאלטער, און ער איז געשטאנען אין זיינע שמאטעס, געהארעוועט אן א אויפהער, אהיימגעגאנגען איינגאנצן פארשוויצט. ס'האט מיט אים געווארפן, ס'האט זיך אים געדאכט אז דאס בעט פליט ביז צו דער סטעליע. באלד האט זיך אים אויסגעוויזן אז דאס בעט אנטרינט ערגעץ טיף אין אן אפגרונט. א פאר שעה איז ער געליגן. ווען די היץ האט זיך פון אים אפגעטון און ער האט געוואלט אראפ פונעם בעט, האט ער געפילט אז ער קאן נישט שטיין אויף די פיס.

פעלדמאן איז צוריק געקומען, ער האט קיין דאקטאר נישט געפונען.

— כ'האב געבראכט אביסל ציקאריע, האט פעלדמאן געזאגט. מיר האבן נאך עטלעכע קאזשעס ברויט באהאלטענע. אט וועל איך מאכן קאווע און וועסט עפעס טועם זיין. מיר מוזן דאך זיין געזונט, טאמער נישט, ווייסטו דאך, וואס דאס הייסט... „דאס הייסט אוישוויץ...“ ער האט אבער נישט געוואלט ארויסזאגן דעם מיין זיינעם. ער האט געוואלט שוינען דעם חבר, ער איז דאך א חלוש. און איך בין א גבור... מ'מוז האבן אויסדויער, צוטרוי צו זיך, צו אנדערע, ווי שוואך מען זאל נישט אויסזען און ווי פארצרהט מען זאל נישט זיין. מחשבות זענען אים באפאלן, און אים פארטראגן אין דער ווייטער און נאענטער פארגאנגענהייט. וועגן דער געגנווארט האט ער נישט געדארפט צופיל טראכטן, ער האט זי געהאט פאר די אויגן, זי

איז געווען שארף, מוראָדיק, און איבערהויפּט בלוטיק. ער איז זייער נייגעריק געווען צו וויסן וויאזוי די צוקונפט וועט אויסזען. יאָ, צוקונפט! פאָלג מיך א גאנג. דאָס איז יענער מהלך, דאָס איז דער אין־סוף, אָבער אויך דער מאָרגן, דער איבערמאָרגן, איבער א חודש, א יאָר, איבער א צוויי. הערט א געשיכטע! מיר ליגן ניין איילן אין ד׳ערד און קלערן וועגן צוקונפט וועגן אייביקייט, וועגן גערעכטיקייט. כ׳האָב נישט געדארפט זוכן א דאָקטער פאר דעם חבר וואָס ליגט שוין ווידער פול מיט שמערצן, אין ווייטיקן און איז ווידער איינגעדרימלט. באלד וועלן אים די ווייטיקן אויפוועקן. כ׳האָב געדארפט זוכן א דאָקטער פאר זיך און און פאר א סך אנדערע וואָס קלערן ווי איך, וואָס קלערן וועגן יושר, גערעכטיקייט, שלום. ווער ווייסט צו מיר זענען די קלאָרע צי פארקערטע, מענטשן! וואָס מענטשן? מ׳האלט אונדז דאָך ארגער ווי חיות און בהמות. פאר בהמות זאָרגט מען. פאר אונדז, וואָס? יאָ, מ׳זאָרגט, אונדז צו פארניכטן. אונדזער האָב און גוטס האָבן זיי געראבעוועט פון אונדזערע נאָענטע און טייערע האָט מען אונדז אָפּגעטיילט, וואָס זאָג איך אָפּגעטיילט? נישט אויף דערוויל, נאָר אויף שטענדיק. אייביק וועל איך שוין נישט זען מיינע פאָטער און מוטער, מיינע שוועסטער, מיינע ברידער, מיינע טייערע קינדערלעך וועלכע זענען אוועקגעשלעפּט געוואָרן אהין... כ׳וויל נישט קלערן וואהין. ווייל ס׳קומט מיר אויס איך זאָל מיר א מעשׂה אָנטאָן. אָבער אָט קלער איך ווייטער. ווילסט זיך שווייגן? ווילסט שוין אפילו נישט קלערן צו זיי, זיי נישט אזא שרעננער שופט קענען זיך אליין, זאָגט מיר ווי עמיצער אונטער. ס׳קומען מיר פאָרט פאָר אָט די אלע אומשולדיקע, וווּ זענען זיי? איז טאקע אמת דאָס אלץ וואָס מ׳זאָגט, דאס אלץ וואָס מען דערציילט וועגן די געוואלטאטן וואָס דו פאשיסטן האָבן אָפּגעטאָן? פארגוואלדיקטע מיידלעך וואָס האָבן אפילו די שול נאָך נישט געענדיקט, זיי דערנידעריקט, אויסגעהונגערט, אויף זייערע ברוסטן אויסגעברענט מיט ברענעדיקע אייזנס: „הורע“, „שלאכט־הורע“. און נאָך די קלענסטע אויסגעטראכטע פעלערן, זיי געמוטשעט צום טויט, נאקעטערהייט, פאר הונדערטער אנדערע זייערע גלייכן, ביז

דער אָטעם איז אויסגעגאנגען אונטער די קלעפּ וואָס זיי האָבן באַקומען, פון פאַרברעכערינס, וואָס זענען אַרויסגענומען גע־וואָרן פון די תפיסות ווו זיי האָבן געדאַרפט אָפּליגן זייער גאַנץ לעבן. ווער קאָן אויסרעכענען די אַלע מענטשן וואָס זענען! מענטשן פאָלגן נאָך מיט גרויס אינטערעס אַ גנבה, אַן עוולה, אַ פאַרברעכן, נאָר בנוגע איין איינציקן מענטש, מיט אַזויפיל מיטגעפיל, מיט אַזויפיל נשמה. מ'וויל זען דעם פאַרברעכער פאַרמשפּט, דעם אומשולדיקן באַפרייט, דאָס זעט מען אין דער ליטעראַטור, אין דער טאָגטעגלעכער פרעסע, טאָמער איז חלילה ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן אַ קינד אָדער סתם אַ מענטש איז פאַרשוווּנדן, קערן זיך איבער וועלטן, די גאַנצע אינלענדישע און אויסלענדישע פּאָליציי זוכן שפּורן, אויסגעפינען דעם קרבן און צו באַשטראָפן דעם פאַרברעכער, און דאָ אין אונדזער פאַל, פאַר מיליאָנען גנבות, פאַרברעכנס, פאַר די אין־סופיקע יסורים פון עלטערן פון קינדער, פון שוועסטער און ברידער, פאַר זיי איז נישט פאַרהאַן קיין שום מיטגעפיל? אַלץ איז רעכט? אַלץ איז גוט. „די זון שײַנט און דער שוחט שעכט!“

ער קוקט אויף די שמאַטעס פון זײַנע פיס, אויף דעם צע־שלאָגענעם חבר, און קלערט ווײַטער: מיר, וואָס מ'האָט פון אונדז אַרויסגעריסן דאָס געפיל פון מענטש, ווילן משפטן וועמען? די אַלמעכטיקע, די וואָס זענען באַלעבאַטים אויף אונדזער נאָך נישט אויסגעהויכט לעבן?

באַלד קומט ער צו זיך. ער ווערט ניכטער, ער וויל קלערן צו עפּעס ממשותדיק, צום טאָגטעגלעכן, ס'איז נישט קיין צײַט פון צופיל חקרנען זיך. ס'איז אַ צײַט פון מעשׂים, דעם מוח דאַרף מען נוצן כּל־זמן ער אַרבעט נאָך וועגן באַלדיקע הילף הן מאָראַלישע הן פּאָליטישע איבערהויפּט מאַטעריעלע. וויאַזוי קומט מען צו דערצו? פּשוט און קלאָר, ענטפערט ער זיך אַליין, מ'דאַרף אָנקניפּן פאַרבינדונגען מיט די באַקאַנטע, מיט די חברים פון יענער זײַט מויער, מיט דער אַרישער זײַט. ס'זענען דאָ אַ סך מוטיקע מענטשן צווישן זיי. מ'דאַרף זיך אָרגאַניזירן. איינער איז קיינער! אויב מיר וועלן אַרײַן אין יאוש, טוען מיר נישט עפּעס אַנדערש, ווי העלפן דעם שונא אונדז צו פאַר־טיליקן. און ער דערמאַנט זיך אין די יאָרן ווען ער האָט גע־

ארבעט אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. דעמאָלט איז אויך נישט געווען גרינג צו ארבעטן, אויף שריט און טריט האָט געווימלט דער שונא, פּראָוואָקאַטאָרן האָבן זיך ארייננעכאַפּט צווישן די אייגענע רייען און אָנגעמאכט א חורבן. נו, איז וואָס? האָבן די איבעריקע חברים זיך אָפּגעזאָגט פון דער ארבעט? פארקערט, די ארבעט איז נאָך מיט מער עקשנות געפירט געוואָרן. האָבן זיי דעמאָלט נישט געקעמפט מיטן הונגער, מיט דער נויט, מיט דער זשאנדאר, מיט אייגענע ברידער וואָס האָבן זיך בשוגג אָדער במזיד געשטעלט אויפן שונאס זייט? דער קאמף איז דער זעלבער, נאָר די פאָרם איז אן אנדערע. קיין מענטשלעכער מוח, האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן אז אזוינס קאָן געשען. אז א מאסע פון א האלבן מיליאָן מענטשן זאָלן זיך לאָזן פארשפארן אין דער מויער וואָס רינגלט אונדז ארום. און אָט די מויער איז נישט אונטער די הרי חושך נאָר אין סאמע מיט פון ווארשע. און דער ארום קוקט זיך צו, זאָגט גאָרנישט צו דער בושה פונעם צוואנציקסטען יאָרהונדערט.

כ'בין שוין ווידער אריין אין קלאָץ־קשיות. גלייך ווי נישט אלץ איז מיר באקאנט. כ'ווייס גאנץ גוט אז די נאַציס פירן זייער פּראָפּאגאנדע שוין זייט יאָרן איבעראל און זיי האָבן דאָ געהאט און האָבן זייערע קאָלאבאָראטאָרן, זייער פרעסע, ראַדיאָ און די אזויגערופענע „ראסן־וויסנשאפט" האָט פארכאַפּט די מוחות און פארסמט די געפילן פון א גרויסן טייל פון דער געזעלשאפט. אמת, ס'זענען פאראן אויך לייטישע, מוטיקע, באוווסטזיניקע מענטשן, וואָס האָבן זיך אקעגן געשטעלט און קעמפן אויך איצט קעגן דעם נאַציישן־שגעון. וויפל זענען נישט געפאלן אין געפעכט, זענען דען די תפיסות נישט פול מיט פּאָליטישע פארמשפּטע, אין די קאָנצענטראציע־לאגערן זענען דען נאָר יידן פאראן. ס'זענען דאָך הונדערטער לאגערן געשאפן געוואָרן, אויך אויפן שטח פון גערמאניע אליין און ווער שמועסט נאָך אין די פארכאַפּטע לענדער. ניין! דער קאמף אונדזערער איז נישט און וועט נישט זיין קיין איזאָלירטער, ער איז דער אלגעמיינער קאמף וואָס ווערט געפירט אין די אָקופּירטע לענדער ווי אויך אויף דער גאנצער וועלט.

ס'קומט אים ווידער פאָר דער פאַשיסטישער טעראָר. די ווילדקייט וואָס די פאַשיסטישע־חיות האָבן צוגעטראַכט, די אכזריות וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן לגבי דער אנטוואָפנטער באַפעלקערונג. ער ווערט בלייך. די כוחות לאָזן זיך אים כמעט אויס בשעת עס קומען אים פאָר די אַלערליי מינים טעראָר. ווו זענען מיר געווען? פאַרוואָס האָבן מיר זיך געלאָזט אַזוי פאַרפירן. זיי האָבן טאַקע געאַרבעט מיט גרויסע מאַטעריעלע מיטלען, זיי האָבן געהאַט די שטיצע פונעם אינערלעכן און אויסערלעכן קאַפּיטאַל, אָבער מיר, ווו זענען מיר געווען? מיר האָבן געוווסט וואָס פאַשיזם הייסט. מיר זענען געווען כמעט אומבאהאָלפענע, וועלכע איז געווען די סבה...?

ס'קלאַפּט עמיצער אין דער טיר.

— אריין.

— א גוטן, וואָס טוסטו יהודה? האָט מנחם געפרעגט.

— וואָס זאָל מען טון? אינדערוויל טראַכט איך.

— גאַנץ גוט, האָט מנחם געענטפערט.

סוף מעשה במחשבה תחלה, קודם דארף מען גוט טראַכטן כדי די טאַט זאָל ארויס גוט. גוט צוגעטראַכט. זאָג מיר בע־סער — האָט מנחם ווייטער גערעדט — צו וואָס טראַכטסטו? זיכער נישט וועגן עולם־הבא!

— כ'טראַכט גראָדע יאָ צו עולם־הבא, נאָר נישט דעם אָנ־גענעמענער נייערט צו דער צוקונפט אונדזערער. הא! ווי מיינסטו ,,מ'דאַרף א משוגענעם אויסטעקן און מיך אריינ־שרייבן״?

— ביסט גאָר קיין משוגענער נישט. הלוואי וואָלטן געווען א סך אַזעלכע משוגעים, וואָלטן מיר צו עפּעס צוגעקומען. לײדער זענען גאָר א סך מענטשן דעמאָראַליזירט און דערנידעריקט פון די אומאויפהערלעכע געמיינקייטן. די שרעק די פיין האָט זיך אין א טייל פון דער מאַסע אריינגעפרעסן. זי האָט ווי פאַרלוירן דאָס מענטשלעכע געשטאַלט. דער הונגער, די מגפות, די קעלט, איבערהויפּט די מלאכי־חבלה, דער דריילינג: דער געשטאַפּאָ, די פּוילישע גראַנאַטאָוע־פּאָליציי און די יידישע אָרדענונגס־היטער, האָבן אריינגעפירט אין א בהלה די אומבאַ־האָלפענע צעשפּליטערטע מאַסע. די דייטשישע מוסרים, די פרומע

קעץ, ארבעטן אויף אלע כלים, אז מ'דארף אָנעמען אלץ ווי א פורעניות, און מ'דארף ווארטן אויף א ישועה. אנדערע זאָגן אז מן־הסתם זענען מיר דאָס אלץ ווערט געווען. אז מ'איז נישט געגאנגען בדרך הישר. אז מ'האָט נישט אָפּגע־היט גאָנצע תורה, און זיך אויך אקעגן געשטעלט די אָנגענו־מענע געזעצן, אז א טייל זענען גאָר געווען מורדי במלכות, נישט געפעלן זיי דער דרך הטבע, דער דרך־ארץ וואָס איז אָנ־גענומען פון קדמונים. די ווייניקע וואָס ענטפערן זיי אָפּ, פילן אז זיי זענען אָנמעכטיק און ס'באַהערשט זיי די מורא.

— צו דעם פּראָבלעם האָב איך אויך געטראכט און טראכט ווייטער, האָט יהודה געזאָגט. אין זיינע פארשאָטנדיקע אויגן האָט זיך באַוויזן א פייערל. ער האָט אָנגעהויבן צו רע־ן מיט ברען. ער האָט געזען אז אז ס'זענען נאָך דאָ אנדערע וואָס קלערן ווי ער, און זיך אָנגעכאפּט ווי איינער וואָס טרענקט זיך, אָן א שטרוי. מחמת ער האָט געוווסט אז די פאשיסטישע מאכט איז אומגעהויער, און זיי, די איבערגעבליבענע זענען אָרעם, נאקעט און אויסגעמאָרדעוועט. ס'האלט זיך אין זיי קוים דאָס חיות. דאָך האָט ער געגלויבט אז דער פאשיזם מוז באקומען דעם טויט־קלאפּ און מוז סוף כל סוף אונטערגיין. יאָ, אונטער־גיין וועט ער! אָבער מיר? וואָס וועט פון אונדז ווערן? ווערן זאָל וואָס עס וויל זיך, נאָר גיין צו דער שחיטה ווי די לעמער, דאָס נישט! דאָס איז אומווירדיק פאר א מענטש, איבערהויפּט אזעלכער ווי איך, וואָס האָט יאָרן לאנג געקעמפט פאר א בעסער לעבן. און אפילו ווען דאָס לעבן וועט זיין א קורץ, ס'וועט זיך שנעלער ענדיקן, וועט דאָס זיין אלץ שענער מענטשלעכער, ווי דאָס ווייטערדיקע, דאָס נידעריקע, דאָס אומענטשלעכע וואָס מ'צווינגט ארויף אויף דיר יעדן טאָג. ניין! דאָס איז נישט קיין שטרוי, דאָס איז א כוח וואָס וועט וואקסן ווי דער שניי־קויל אויף די בערג און וועט פארשיטן אלץ וואָס דער פא־שיזם האָט געבראכט, ס'איז אבים? צו איבערגעטריבן, האָט ער זיך געטראכט, ס'איז אָבער קיין ברירה נישטאָ. מ'מוז פרווון, און אפשר וועלן פאָרט די אזויגערופענע פארבינדעטע זיך „מרחם" זיין און עפענען דעם צווייטן פראָנט און נישט לאָזן די די גאנצע שווערקייט פון קאמף נאָר א יף דער רויטער

ארמיי, וואָס דארף קעמפן מיט אזא מעכטיקע מלחמה־מאשין. ווי די פאשיסטישע, וואָס איז אויסגעכאָוועט געוואָרן פון די יונקערס, פון די טרוסטן און אימפעריאליסטישע מאָנאָפּאָלן. אָנגעגורט מיט בטחון רופט יהודה אוים:

— מיר מוזן אלץ מער פארפעסטיקן דעם אָרגאניזירטן כוח, מיר מוזן זיך און אנדערע איינשפאנען צו דעם שווערן וואָגן, מיר וועלן זיך מוטשען, מיר וועלן אָבער קעמפן און נישט זיך לאָזן פירן צו דער עקידה. מנחם טייערער, מיר זענען דאָך אלטע באקאנטע און נישט דערשראָקענע (יאָ, אומדערשראָקענע ווי אזוי קאָן מען זיין נישט דערשראָקן אין אזא צייט האָט ער זיך געטראכט). גיי דו ביסט יונגער פון מיר און זיך אוים א פארבינדונג מיט אונדזערע קרייזן.

— יהודה, צוליב דעם בין איך טאקע צו דיר געקומען. איך האָב טאקע דעם אויפטראג. הער זיך צו, נאָר מיט קאָפּ! די ערשטע התחיבות אונדזערע איז צו שאפן נייע הויז־קאָמי־טעטן, און אין די וואָס עקזיסטירן שוין, זאָל מען זען אז די פאָלקס־מענטשן זאָלן זיין אין דער אָנפירונג, נישט דערלאָזן אז די יודענראטינקעס, זאָלן דאָרטן ארייןשמוגלען מענטשן, וואָס זאָלן דורכפירן זייערע פאראָרדענונגען. צווייטנס, דארף מען זען אז די הויז־קאָמיטעטן זאָלן טאקע זיין א כלי־זין, אין די הענט פון די פאָלקס־מענטשן און זאָלן טאקע ברענגען ממשותדיקע הילף פאר די גאָר נויטבאדערפטיקע, די אלטע, די קראנקע. מ'זאָל ביי די רייכע ארויסרייסן פאר די פאר־שמאכטע, פאר די וואָס ליידן הונגער און קעלט. א באזונדערער קאמף דארף געפירט ווערן, מ'זאָל פאר די פליטים, די וואָס מען האָט געבראכט אהער פון דער פראָווינץ, זאָלן באקומען אן אָרט ווו דעם קאָפּ אנידער צו לייגן. עס דארף געפירט ווערן א קאמף אז די רייכע וואָס וווינען אין רחבותדיקע צימערן, זאָלן געצוווּנגען זיין זיי ארייננעמען. דאָס וועט נישט זיין אזוי גרינג, ווייל די „אָרדענונגס־היטער" די קאָרומפּירטע וועלן קומען צו הילף די רייכע, מ'דארף ארבעטן מיט טאקט, און צוביסלעך הייבן דעם מאָראל, זיי אָנווייזן מיט פיל טאקט די פאראָרדענונגען וואָס אונדזערע קרייזן וועלן פון צייט צו צייט,

דורך ספּעציעלע שליחים מודיע זײַן. װעגן הײנט װעט דאָס זײַן גענוג, האָט מנחם געענדיקט.

— אָט, דאָס הײסט אַז די אירדע הײבט זיך אָן צו פאַר־װירקלעכן, האָט יהודה מיט צופרידנקײט געזאָגט. זאָל זײַן א גוטער אָנהויב. איך װעל זיך שטעלן אין רשות פון אונדזערע קרײַזן מיט לב ונפש, גיט דאָס איבער װײַטער.

— כ׳מײן אַז שפּעטער מיט א װאָך װעל איך דאָ װידער זײַן און װעל האָבן עפּעס איבערצוגעבן און איבערצוגעמען פון אײַך. כ׳רעד שוין בלשון רבים, װײַל כ׳בין זיכער אַז דו װעסט נישט שטײן מיט פאַרלײגטע הענט און זיך נעמען באַלד צו דער אַרבעט.

צום װידערזען, יהודה, האַלט דעם קאָפּ הויך!

— גײ געזונט מנחם טײַערער. גיב אַכטונג מיט װעמען דו רעדסט. זאָלסט חלילה נישט אַרײַנפאַלן. זײ פּאַרזיכטיק, װײַל ס׳בושעװען קאַלאַבאַראַטאָרן. זײ זענען אויסגעװאַקסן װי די שװעמלעך נאָך א רעגן! יהודה האָט אים פעסט געדריקט די האַנט. גײ בשלום.

*

אַרײַנקומענדיק אין צימער װוּ זײַן חבר איז געלעגן, האָט ער באַמערקט אויפן טיש א פּעקל.

— װער האָט דאָס פּעקל געבראַכט? האָט ער געפרעגט. אין טאַקע באַלד עס באַטראַכט פון אַלע זײַטן. זע נאָר, האָט ער מיט פרײד געזאָגט, עפּעס זײער א קענטלעכער נאָמען: יהושע מאַנאַזײניק, הער דו, װי כ׳קאָן מיך נישט דערמאַנען װער דאָס איז.

— דאָס איז מײַן פּלימעניק פון װעלכן כ׳האָב דיר דער־צײלט אַז די מוטער זײַנע, ד. ה. מײַן שװעסטער, האָט אײַנגע־לײנט װעלטן ער זאָל נישט דערװעגן איבערגײן די גרענעץ פון סאָװעטנפאַרבאַנד. ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. דער יאָט איז אַריבער און איצט אונדז געשיקט דאָס פּעקל. נעם און פּאַק עס אויף און לאָמיר זען װאָס דאָרט טוט זיך. יהודה האָט מיטן קניפּעקל אויפגעשניטן די שטריקלעך, צעפּאַקט, און געזאָגט:

— אָט, ווורשט, צוקער, טיי, קאווע, זייף, מאכאָרקע. ער האָט מן־הסתם פארגעסן אז מיר דאָ רייכערן נישט קיין מאכאָרקע. ער צענעמט ווייטער דאָס פעקל, דערזעט א שאכטל, מאכט עס אויף. ציגארן. אָט דאָס איז אן עסק, א מחיה. לאָמיר טאקע פארזוכן. ס'האָט קיין ווייל נישט געדויערט און דער ציגאר שפאצירט אין אָנגעצונדענער אויף יהודהס ליפן, פון איין ווינקל צום אנדערן. צו וואָס טויג די מאכאָרקע?

— פארלאָז דיך אויף אים. דער יאט ווייסט וואָס ער טוט. ער האָט די מאכאָרקע נישט געשיקט אזוי סתם אין דער וועלט אריין.

— נו, היינט וועט אונדז שוין וויל גיין. דיר וועל איך באלד מאכן א קאווע, א שווארצע, איך וועל פאזיכן פונעם ווורשט, מאכן טיי, און ס'וועט היינט פאר אונדז זיין א שטיקל יום־טוב. כ'פיל מיך היינט אביסל לעבעדיקער, האָפערדיקער, זאָלסט נישט מיינען אז דאָס פעקל אליין האָט אויף מיר געווירקט. ניין. ס'איז גאָר עפעס אנדערש. נישט לאנג איז אוועק פון מיר מיין גוטער פריינט מיט וועלכן איך האָב געארבעט יאָרן צוזאמען. כ'האָב געמיינט אז ס'איז פון אים קיין סימן נישט געבליבן. און אָט איז ער דערשינען פאר מיינע אויגן, אין אָפגעוואשענער, פשוט, אָבער קאָרעקט אָנגעטאָן. כ'האָב מיך צו אים צוגעקוקט, כ'האָב אים אָבער גאָרנישט געזאָגט. איך קען אים נאָך פון דער טורמע, וו מיר זענען ביידע געווען, צוזאמען מיט א סך אנדערע. אויך דאָרט האָט ער זיך נישט פארלוירן. ער האָט זיך אָפט געוואשן, געהאלטן ריין זיין געלעגער, אלץ האָט ביי אים געשפיגלט. און איצט איז ער געקומען מיר איבערגעשלאָגן די געדאנקען, וואָס אט זענען זיי געווען לעבעדיקע, פריילעכע, און אָט האָט זיי באהערשט דער אומעט, דער יאוש.

ער, מנחם, פארמאָגט אין זיך עפעס אזוינס וואָס פארכאפט דיך. אין דער שווערסטער לאגע, פארלירט ער זיך נישט. א בר־דעת איז ער, פול מיט לעבנסלוסט. שטעלט אין סכנה זיין לעבן פאר טובת־הכלל. ער איז איבערגעצייגט אז די גערעכטיקייט וועט זיגן. אָבער מיט א תנאי, מ'זאָל נישט שטיין מיט פארלייגטע הענט, ווען ארום ברענט. אין דעם חושך וו מיר

געפינען זיך, האָט ער מיר ווי אריינגעבלאָזן א נייע נשמה. ער האָט מיר פארטרויט אז ארום אונדז שלאָפט מען נישט, אז אויף דער ארישער זייט זענען נאָך פארהאנען מענטשן, וואָס קעמפן דאָרט מיט פארשיידענע מיטלען קעגן דער פאשיסטישער חיה, אז מ׳זוכט צו פארשטארקן די פארבינדונגען צווישן יענער זייט און דער זייט. איך האָב געפילט אז מיר זענען נישט אליין. ער האָט פון מיר פארלאנגט אז מיר דאָ זאָלן שאפן הויז־קאָמיטעטן, דערמוטיקן, קעמפן. הערסט, קעמפן! ער וועט איינגיכן ווידער אהערקומען זען וואָס מיר האָבן געטון, און צוזאמען צוטראכטן וועגן דער ווייטערדיקער ארבעט. דו דארפסט קודם כל געזונט ווערן און דערנאָך, דערנאָך וועלן מיר אריין אין דער ארבעט, וואָס וועט אונדז ארויספירן צו פרייהייט, צו גערעכטיקייט. איצט זאָלסטו קיין פאריבל נישט האָבן וואָס איך גיי אוועק. ״כ׳גיי מאכן נפשות״ דאָס הייסט איבערצייגן עטלעכע באקאנטע אז מיר מוזן אָנהייבן א שטילע קאמפאניע וועגן די הויז־קאָמיטעטן. דאָס וועט זיין נאָר אן אָנהייב.

ניי געזונט, און זיי מצליח.

ארויסקומענדיק אין הויף, האָט חיים געזען ווי עטלעכע יאטן טראָגן זיך מיט פעקלעך. פאר זיי, אויף כמעט יעדע צען מעטער ווייט, זענען געשטאנען יונגע און עלטערע וואָס האָבן ווי געמאכט א שמירה, זיי זאָלן מודיע זיין טאָמער באווייזט זיך עפעס א שפיצל אָדער א פאָליציסט. דאָ איז אָנגעגאנגען דער שפייז־שמוגל וואָס איז אָרגאניזירט געוואָרן מיט דער הילף פון די פאָליאקן פון דער ארישער זייט.

פאר אים איז דאָס נישט געווען קיין נייעס. ס׳איז אים אָבער דורכגעפלויגן דער געדאנק: ״געוועהר וואָלט מען דען נישט געקאָנט אהער אריינברענגען?״ און באלד איז געבוירן געוואָרן א נייער געדאנק: אָרגאניזירן שיס־באטאליאָנען, אינסטרוקטאָרן, בונקערס, סנאריאדן, וואָס פארא פרעכטיקער געדאנק. א גרויסער, אָבער דאָך א מעגלעכער. וויאזוי רעאליזירט מען אים? כ׳בין צו ווייט אוועק, צי האָט שוין דאָ געשלאָגן די שעה? ווער ווייסט?

— וואָס זענט איר אזוי פארקלערט רעב חיים, האָט אים איבערגעשלאָגן פייגאלע, די געוועזענע סטודענקע, וואָס האָט אים געקענט זייט עטלעכע יאָר.

— א דאגה צו וואָס צו קלערן? וואָס חידושט דו זיך אזוי?

— איר זענט גערעכט. אָבער פון קלערן אליין קומט מען נישט צו גאָט. איר זענט דאָך אמאָל אזוי אקטיוו געווען אין די פּראָפעסיאָנעלע פאריינען און דאָ זעט מען אייך נישט אין ערגעץ, איר זאָלט זאָגן כאָטש א וואָרט, כ'מיין א טרייסט-וואָרט, און טאָקע א מאָביליזירנדיק וואָרט. כ'קוק אויף אייך, זאָגט זי ווייטער: אין תוך פארשטיי איך אייך, איר זענט פארמאטערט פון דער ארבעט, פארעלטערט געוואָרן פאר דער צייט. מיר אָבער האָבן געלערנט, דאכט זיך טאָקע פון אייך אויך, אז „אין די שווערסטע אומשטענדן טאָר מען נישט פארלירן דעם גלויבן אז די גערעכטיקייט מוז זיגן" און דער עיקר, נישט שטיין מיט פארלייגטע הענט. מעשים פארלאנגט זיך. קומט אריין, וועל איך אויך ווייזן אויפרופן, העקטאָגראפירטע ביולעטינען. די קאָמוניסטישע און די פּראָגרעסיווע יוגנט שלאָפט נישט. די היטלעריסטן האָבן צו זינגען און צו זאָגן.

— לאָמיר טאָקע זען, האָט אן אויפגעלעבטער חיים געזאָגט, און געקוקט מיט הנאה אויף דעם ענערגישן קעמפערישן מיידל. ער האָט געזען ווי זיין אמאָליקע ארבעט האָט געבראכט פּרות.

זי האָט זיך ארומגעקוקט, געוואָלט זען צי עמיצער, א פארדעכטיקטער איז נישטאָ אין דער נאָענט, און האָט אים אריינגעפירט צו זיך אין בונקער.

— אָט האָב איך נאָך פון די ערשטע נומערן פונעם העקטאָגראפירטן אָרגאן פונעם „ספארטאקוס" אויף פויליש א. נ. „סטאשלי" (פיילן) און אויך אויף יידיש אונטערן נאָמען „באגינען" און אָט האָט איר אויך אויפרופן קעגן דעם אָקופאנט.

— לויט ווי איך זע ארבעטסטו אין דער „ספארטאקוס"-אָרגאניזאציע, זאָג מיר כ'בעט דיך, וועלכע זענען אירע איצטיקע אויפגאבן?

— ביז איצט נישט לאנג האָבן מיר זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסט בילדונגסטעטיקייט. איצטער זענען מיר אריבער צו

אקטיווער אנטיפאשיסטישער אגיטאציע. אָט זענען די אויפרופן אונדזערע וואָס וועלן אויפגעקלעבט ווערן אויף די ווענט אין געטאָ און אויף דער ארישער זייט: „נידער מיטן אימפעריא־ליזם". „נידער מיטן פאשיזם". „דער דייטשער פאשיזם באַטייט די פארניכטונג פון דער מענטשהייט". „דער ראטנפארבאנד פארטיידיקט דעם שלום און די גערעכטיקייט". אונדזער הויפּט־אויפגאבע איצט, איז צו שאפן א נעאייניקטן פראָנט פון דער יוגנט. מיר גרייטן זיך איצט צוגרייטן א קאמפאניע, אָפּצורייסן די היטלעריסטישע אנטיסעמיטישע פלאקאטן. מיר גרייטן צו יוגנט פאר די צוקונפטיקע שלאכטן מיטן בלוטיקן שונא, הן דאָ און געטאָ און הן פאר די פארטיזאנער אין וואלד.

— גרויס און מעכטיק זענען אייערע צילן, געבענטשט זאָלן זיין אייערע טריט אומעטום ווו איר וועט גיין און שטיין. מיט אזא יוגנט איז אונדזער זיג פארזיכערט. שווער איז דער קאמף, נאָך שווערער איז איבערצוטראָגן די פאשיסטישע באליידיקונ־גען, די פייניקונגען, דעם יאוש וואָס דרינגט אריין אין דער מאסע.

וואָס פארא צייטן מיר לעבן איבער, האָט חיים מיט א ציטערדיק קול געזאָגט — אזא יוגנט, אן איבערגעגעבענע, א מסירת־נפשדיקע, זאָל זיין געצוווּנגען זיך און אנדערע צו שיצן דאָס לעבן, כמעט מיט ליידיקע הענט, קעגן אזא מעכטיקן שונא, וואָס גרייט זיך זייט צוויי צענדליק יאָר, פארטיליקן די מענטשהייט. אָט דאָס פארשאָלטענע באשעפעניש איז באוואפנט ביז צו די ציין, די פעלקערמערדישע פאשיסטישע אידעאָלאָגיע האָט דורך טעראָר און מאָרד אויסגעצוווּנגען אזעלכע אכזריותן וואָס קיין שום אומה ולשון פארמאָגט נישט קיין ווערטער זיי צו קאָנען אויסדריקן. איך באוואונדער איך, יוגנט! צווישן די עלטערע בין איך אויך א בונטאר, אָבער ווען כ׳זע אייערע פרעציזע צילן, זע איך מיט וויפל מיר עלטערע זענען איינגע־זונקען אין מורא און שרעק, מיר זענען אוים ווי א מוראשזע לגבי אן עלעפאנט. אזא יוגנט קאָן נישט פארלוירן זיין, אפילו דעמלט ווען א גרויסער טייל וועט פאלן, די איבערגעבליבענע וועלן שוין אויף זיך נעמען, אז אזוינס זאָל זיך שוין מער נישט

איבערחזרן. די געפאַלענע וועלן זיין א סימבאָל פון העראָיזם, פון אומשטערבלעכער גבורה.

גנבים, גזלנים, פארברעכער, האָבן געשאפן אן אידעאָלאָגיע אויסצוואָרצלען, באראבעווען, שיסן, שחטן, ברענען און בראָטן, פארגיפטן א גאנץ פאָלק קינד און קייט, אלט און יונג אָן א א פארוואָס, אָן א פארווען. און דאָ שטייען די הערשער פון א גאנצער וועלט, קוקן און טוען גאָרנישט. מ׳לאָזט אומקומען אויף דעם היטלער־מזבח א שוצלאָז פאָלק. „אין קול ואין עונה" מ׳הערט נישט, מען זעט נישט. מיליאָנען מענטשן מוטשעט מען, מען הונגערט אוים, מ׳ראבעוועט, מ׳טרייבט אויף די שווערסטע ארבעטן. מ׳יאָגט זיי פון טויזנטער קילאָמעטער ווייט פון זייערע היימען צום אומקום, צום גיהנום. וויאזוי קענען רוען די מענטשן פון יענער זייט ים, וואָס וואַרטן זיי? ווייסן זיי דען נישט וואָס דאָ קומט פאָר? זיי ווייסן גאנץ גוט. היטלער, הימלער, ראָזענבערג און אנדערע פארברעכער האָבן נישט איינמאָל עפנטלעך דערקלערט אז פון די 11 מיליאָן אייראָפּעאישע יידן וועט קיין שריד ופליט נישט בלייבן. וואָס שווייגן זיי? זיי וואַרטן אפשר אויף „דער ענדגילטיקער לייזונג פון דער יידישער פראגע", לויט דער פעלקערמערדישער היטלעריסטישער „אידעאָלאָגיע"? כ׳האָב מורא אז יאָ. וואָסזשע איז צום טון? זיך לאָזן קוילען, מאָרדן? ווי די לעמער?

ניין! ניין!

מיר מוזן זיך אליין פארטיידיקן, כאָטש מיר ווייסן אז ס׳איז א ברכה לבטלה. מיר מוזן אָבער שיצן דעם באגריף „מענטש". פון היינט און ווייטער וועל איך קיין איין מינוט מער נישט פארלירן און אלץ טוען, אין די געפערלעכסטע אומשטענדן, אלץ וואָס די אָרגאניזאציע וועט הייסן. זיך אקעגנשטעלן דער פאשיסטישער חיה. זי יאָגן ביז אין איר נאָרע אריין און דאָרטן זי פארניכטן. אָט, מיין פאנטאזיע האָט זיך ווידער צעפלאקערט. כ׳וויל זיך שוין מער נישט רעכענען מיט קאָנקרעטע ענינים, דהיינו! „אז אונדזער בראָך און טויט איז כמעט אומפארמיידלעך און אז אומזיסט איז אפשר אונדזער קאמף". אין מיר איז אָבער פאראן אזעלכס, וואָס כ׳קען דאָס נישט

אָנרופן, עפּעס טליעט אין מיר. דער גלייבן אז סוף־כּל־סוף וועט דער יושר זיגן, איז נישט געבליבן פאַרלאָשן געוואָרן. איך וועל אָבער בלייבן, אין דער אויסגעבענקטער וועלט פון צדק און יושר.

— פייגעלע, האָט ער געזאָגט, זאָג דיין פאַרבינדונג אז מ׳זאָל צו מיר שיקן עמיצן ער זאָל זיך מער באַקענען מיט דער אָרגאַניזאַציע.

כן יאבדו

אין דער קעלט ליגן: בערל, זיין פרוי, זייערע קינדער אפרים און דבורהלע. אפרים איז פיפצן יאָר אלט, זיין שוועסטער, עלטער מיט צוויי יאָר. די מוטער האָט זיך אויפגעכאפט פון איר שלאָף. ס'איז פינצטער. שטיל. עפעס הערט זיך. גלייך ווי עס רוזעט עפעס נישט ווייט. מיט אָנגעשטרענגטע אויגן קוקט זי צום דעם ווינקל וואָס האָט איר געהער צערייצט. דינע ליכט־פאסעקלעך האָבן קוים, קוים באלויכטן דעם דיל. זי ברעכט די הענט. נאָך א ווײלע איז זי מיט דער רעכטער אריין אין אירע אייגענע האָר, די צעפּאטלטע און זיי ווי געריסן. די אויגן האָבן אין דער פינצטער געגלאָצט צום ווינקל. „ווו איז זי? אין דער היים? אין אמבאר? ערגעץ אין א דאָרף, אין א פּויערישע כאטע? אפשר שוין אין געטאָ?“ זי קאָן זיך נישט דערקלערן. אין דער היים בין איך זיכער נישט, האָט זי גע־קלערט. דאָרט האָט געברענט א קאנעצל א גאנצע נאכט. דאָס איז שוין ביי איר אזא מנהג געווען, זייט יאָרן, באלד נאָכן געבוירן ווערן פון איר ייִנגערן קינד אפרימל, האָט זי געבעטן

איר מאַן ער זאָל דאָס קאָנעצל לאָזן ברענגען, כדי זי זאָל באַנאַכט ווען דאָס קינד שלאָפֿט, זען צי דאָס קינד איז נישט אויפֿגעדעקט. זי האָט איבערהויפּט געהאַט אַ ווילדע הנאה צו קוקן אויף זיין פּנימל. דאָס שמייכעלע זיינס בשעת דעם שלאָפֿן האָט זי פֿאַרשיכורט. אַ קרום מינעלע זיינס, האָט זי געמאַכט טרויעריק. ניין! זי איז נישט אין דער היים. זי קוקט אויף אים, אויף אַפֿרימעלן. ער איז שוין קיין עין־הרע אַ גרויסער, ער לערנט אַזוי גוט, איז געווען דער צווייטער אין גימנאַזיע. וויפֿל האָט זי זיך נישט אָנגעמוטשעט ביז איצט, פֿון פּאַקן און מאַזלען שמועסט מען נישט. די געשיכטע מיט זיינע לונגען האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן אין איר. ווען זי האָט זיך געפּאָרעט צווישן דעם מאַנס פּאַפּירן זוכנדיק דאָרט דעם קינדס געבורטשיין, האָט זי געפֿונען אַ פּאַפּירל אויף וועלכן ס'זענען געווען פֿאַרצייכנט אַ פּאָר לונגעלעד און אויף איינעם, אויף דעם רעכטן האָט זי דערזען עפּעס פֿאַרשאָטנטס, זי האָט זיך באַלד דערמאַנט אָן די רייד וואָס איר שכנטע, די קראַנקן־שוועסטער חנה, פֿלעגט זאָגן אַז: „אַ פֿאַרשאָטנטער טייל אויף אַ לונג איז אַ שלעכטער סימן". זי קוקט אויף דער ראַדיאָגראַפֿיע. לייענט אַפֿרים רויטמאַן. אַ דונער האָט זי געטראָפֿן. וואָס האָט זי נישט אָנגעווענדט זי זאָל אָפּראַטעווען דאָס קינד. גאָט האָט געהאָלפֿן און דאָס קינד איז געזונט געוואָרן. ס'טוט זיך נישט ווי ס'רעדט זיך. מ'איז געגאַנגען צו די בעסטע פּראָפֿעסאָרן. אוועק געגעבן דעם לעצטן גראָשן, זיך אָנגעליגן ביי דער זון און ביי דער לבנה. געשיקט דאָס קינד אויף לופֿט אין די בערג, איין זומער, דעם צווייטן, זי אַליין איז מיט אים געפֿאָרן, געהיט אַז אַ בייז ווינטל זאָל נישט פֿאַלן אויף אים. אים געהאָדעוועט מיט מילך, מיט אייער, מיט מעדיקאַמענטן. ס'קומט איר אויפֿן געדאַנק ווי זי האָט שוין נישט געהאַט ווו צו לייען און באָרגן האָט דער ברודער אירער, איר אַרויסגעהאָלפֿן, איר געגעבן געלט זי זאָל פֿאָרן ראַטעווען דאָס קינד. ווו זאָל ער זיין דער ברודער אירער מיט זיין משפּחה? זייט מען האָט זיי אַרויסגעיאָגט פֿון שטוב האָט זי נישט קיין שום ידיעה פֿון אים.

אין דרויסן האָט אָנגעהויבן טאָגן. זי קוקט אויפֿן טעכטערל. וואָס פֿאַר אַ ליכטיקע אויגן זי האָט געהאַט. די לעצטע צייט

איז זי אראָפּגעפֿאַלן פּונעם פּנים נאָך די אויגן אירע פּינקלען גלאַנצן, וואָס וועט פון זיי ווערן? א שטשור איז אדורך, זי האָט געגעבן א געשריי. די גאנצע משפּחה האָט זיך אויפֿגעוועקט.

געוואַלד! ווו זענען מיר? האָט זי געשריגן.

— שריי נישט, מאך נישט אָן קיין גערודער. ווייסט נישט אז מ׳האָט אונדז פאַרטריבן און מיר ליגן דאָ אויף נאַכטלעגער ביי יאַשונסקין. ער האָט אונדז נישט געקאָנט אריינגעמען צו זיך אין שטוב ווייל אין שבנות וווינט אן ס.ס.־מאַן. ער האָט אונדז אויסגעהאַלטן אין זיין אַמבאַר וואָס איז ווייט פונעם הויז פון זיינעם. אָבער אפילו דאָ טאָר מען נישט הערן קיין געשרייען.

— ביסט גערעכט, טייערינקער! און זי האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און שטיל געוויינט.

אויף דער ערד ליגן א וואַנט איז געשטאַנען א קאַן מיט וואַסער. אינציקווייז זענען זיי צוגעגאַנגען. איינער האָט דעם צווייטן אויפגעגאָסן צו ביסלעך וואַסער אויף די הענט. זיי האָבן זיך כמו געוואַשן, א האַנטוך האָט די מוטער ארויסגעשלעפּט פון איר קלומעקל און עס געגעבן דעם מאַן אירן. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט, און ס׳האָבן זיך געהערט טריט. אלע זענען ווי פאַרשטאַרט געוואָרן.

— דאָס בין איך, יאַשונסקי. עפנט!

— יאָ, דאָס איז יאַשונסקיס קול, האָט זיך געווענדט דער פאָטער צו זיין זון אפרים. ריגל אויף דעם טויער.

— גוט מאָרגן, האָט יאַשונסקי געזאָגט; אנידערגעשטעלט א קריג מיט מילך פון וועלכער ס׳איז געגאַנגען א פּאַרע. ער האָט אויך אנידערגעלייגט א בינטל און געזאָגט:

— טרינקט אויס. נעמט דאָס בינטל מיט ברויט און גייט ווייטער.

— די סטעזשקע פירט אין וואַלד אריין. נאָך א האַלבע שעה וועט איר דאָרט זיין. האָט קיין פאַראיבל נישט. דאָ קאָנט איר מער נישט בלייבן. ס׳איז א סכּנה פאַר אייך און פאַר מיר.

— אָן טענות, האָט דער ראש־המשפּחה געזאָגט. מען דאַרף שוין נעמען די פּעקלעך אויף די פּלייצעס און גיין.

אַלע האָבן אויסגעפירט דעם באַפעל. איינציקווייז האָבן זיי פארלאָזט דעם אמבאר.

— ווען איר וועט אָנקומען אין וואלד נאָך א פינעף—זעקס הונדערט שריט, וועט איר זען א קליין כאַטקעלע, מיט א בלויער טיר; איר וועט אָנקלאַפּן און זאָגן אז וויאטשיסלאוו האָט אייך געשיקט. מען וועט אייך באלד עפענען. דאָרטן וועט איר זען, וואָס איר האָט ווייטער צו טון. זייט געזונט. אפשר וועלן מיר זיך נאָך אמאָל זען. יאָ, האָט ער צוגעגעבן, זאָגט זיי דאָרט, אז אויב איך וועל נישט קומען ביז צען אזייגער איז א סימן, אז ס'איז נישט אין אָרדענונג.

יאַשונסקי האָט פארינגלט די טיר און זיך גענומען אסאָרטירן די קארטאָפל ארויסוואַרפנדיק די פארפוילטע און די איבעריקע אריינגעלייגט אין זעק, און געקלערט אין זיך: „עטלעכע זעק דארף איך אויסבאהאלטן אפילו פון מיין ווייב. זיי, די פארטיזאנער וועלן מן-הסתם קומען הונגעריק ווי די הייזעריקן. מ'דארף פאר זיי אויך זאָרגן". ער האָט אראָפּגעלאָזט עטלעכע זעק קארטאָפל אין דעם פארשטעלטן קעלער. איז ארויס פונעם אמבאר און זיך געלאָזט אהיימגיין.

ניט ווייט פון זיין הויז, האָט אים באגעגנט דער „גוטער" שכן זייער, דער קאָלאָבאָראנט מ'אטשיסלאוו.

— זייט ווען פארקויפסטו הייסע מילער?

— כ'האָב זי אויפגעזאָטן וויל כ'האָב מורא געהאט זי זאָל נישט זויער ווערן. נעכטן האָבן מיר די קונים פאַרגעוואָרפן אז די מילך איז געריגען געוואָרן.

— פארוואָסזשע האָסטו זי געפירט אין אמבאר אריין, און פון דאָרטן זיך אומגעקערט מיטן ליידיקן קריגל?

— הער נאָר, דו! מיינסט אז איך מוז דיר חשבון אָפּגעבן וואָס איך טו מיט דער מילך. כ'טו וואָס איך וויל. ס'איז נישט דיין עסק.

— מאָל דיר אוים אז ס'איז יאָ מיין עסק. מיינסט אז כ'האָב נישט געזען אז פון דיין אמבאר זענען ארויסגעגאנגען א פּאָר פארשוויגען? דו ווייסט מיט וואָס דאָס שמעקט? וואוהין זענען זיי געגאנגען? האָב רחמנות אויף דיין הויזגעזינד.

ווען מיר וואָלט נישט געווען קיין שכנים וואָלט איך דיר גאָרנישט געזאָגט און וואָלט באַלד דערפולט מיין חוב.

יאשונסקי האָט געזען א ס'האַלט מיט אים שמאָל, האָט ער געטון א טראכט, אז מיט דעם באנדיט מוז מען זיך אָפּרעבענען אזוי ווי עס באדארף צו זיין. ס'איז אים איינגעפאלן א געדאנק:

— הער אויס! האָט ער צום שכן זיינעם געזאָגט: וואָס מיינסטו וואָס? אז כ'בין אזא שוטה און וועל מיר איינשטעלן דאָס לעבן פאר פרעמדע? מיינסט אז כ'וועל שטעלן אין א סכנה מיין משפחה פאר אזעלכע וואָס זייער גורל איז שוין געשטעמפּלט. איך האָב געוווסט אז זיי האָבן גאָלדשטיקלעך ,,חזרימלעך'', האָב איך זיי געשיקט צו מיינע גוטע פריינט און דאָרט וועלן זיי שוין אַלץ איבערלאָזן. זיי וועלן זיין צופרידן זיי זאָגן ארויס פון דאָרטן לעבעדיקע. כ'וואָלט זיי, תיכף איבערגעגעבן דער מאכט, אָבער ביי אונדז אין דאָרף פּאסט מיר נישט, דו ווייסט דאָך, אז דאָ האלט מען מיך פאר א דערמאָקראַץ, און כדי מ'זאָל נישט וויסן פון וואַנען ס'שטאמט זייער דורכפאל איז בעסער און קלוגער אז זיי זאָלן נישט איבערגעגומען ווערן פון די היגע דאָרפישע זשאנדארמען, נאָר פון דער געשטאפּאָ פונעם נאָענטן שטעטל. אזוי, אז כ'קלויב זיך אריינפאָרן צום געשטאפּאָ און פטרן אן עסק. פאר די הייסע מילעך וועלן זיי באצאָלן מיט רענדלעך... און כדי צו ווייזן אז ער איז גאָר פארנומען דורכצופירן דעם געדאנק, פרעגט ער דעם שכן זיינעם:

— ווען גייט היינט א צוג קיין ב.?

— היינט גייט אָפּ דער צוג קיין ב. ערשטן זיבן אויפדערנאכט.

— אויב אזוי, האָט דאָך קיין זין נישט היינט אהין צו פאָרן. באנאכט איז דאָך פארמאכט דער אמט. אויב דו ווילסט און געפינסט פאר נויטיק, אז מ'דארף וואָס שנעלער אקציאָנירן, זוך אויס א געלעגנהייט און פאָר דו פריער מודיע זיין דאָרטן ווו מ'דארף און זיי וועלן באשליסן וואָס צו טון.

— ס'האָט מיר וואסיל געזאָגט אז ער וועט היינט פאָרן אין שטאָט, אויב ער פאָרט, פאָר איך מיט. נאָר טאָמער ווילסטו

מיט פירן אין באָד אריין, זאָלסטן וויסן אז דו וועסט דאָס באַצאָלן מיטן קאָפּ, האָט דער טונקעלער פּאַרשוין געענדיקט.

ער האָט זיך געלאָזט פאָרן מיט וואסילן אין שטאָט אריין נאָך אין דעם זעלבן טאָג. באנאכט איז ער צוריקגעקומען צו פיס ווייל די אקס האָט געפּלאצט אין מיטן וועג. יאשונסקי האָט באלד זיך ארויסגעכאפּט אין וואלד אריין. ער האָט דערציילט דעם עלטסטן פון די פּארטיזאנען אלץ וואָס האָט פּאסירט. איבערגעגעבן דעם טרוק מיט וועלכן ער האָט זיך באנוצט און האָט פארלאנגט אז מ'זאָל נאָך היינטיקער נאכט זיך אָפּרעכענען מיט דעם קאָלאבאָראנט. און פאר מיר איז נישטאָ קיין אנדערער וועג ווי זיך איינגלידערן אין אייער אָרגאניזאציע. אויב איר זענט מסכים שטעל איך מיך צו אייער פארפיגונג און בין גרייט אויספירן יעדן באפעל. דער עלטסטער און נאָך אנדערע צוויי זענען ארויס צווישן די ביימער און דיסקוטירט די פּראָבלעמען און באשלאָסן דעם קאָלאבאָראציאָניסט אָפּרייניקן נאָך היינטיקע נאכט און יאשונסקין האָבן זיי געענטפערט אז ער ווערט צייטווייליק קאָאָפּטירט אין דער אָרגאניזאציע, און אויב עס וועט זיך ארויסווייזן ווייטער אז ער איז ראוי, וועט מען אים דעפיניטיווירן.

עס איז געווען א טונקעלע נאכט. די בלעטער פון די ביימער האָבן זיך געשושקעט. א טייל האָבן געציטערט. אין דער בלויער כאטע האָבן די פארפאָלגטע מיטגלידער פון דער געראַטעוועטער משפחה, דערציילט די אָנוועזנדע פּארטיזאנער, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעליטן ביז זיי זענען אהער אָנגעקומען. די צוהערער האָבן אויסגעשטעלט מויל און אויערן. זיך צוגעהערט מיט פּארטיזאנישער אויפמערקזאמקייט וועגן די ווילדקייטן פון דער פאשיסטישער חיה. דאָס האָט זיי אויפסניי איבערצייגט אז זייער קאמף איז א גערעכטער, אז זיי זענען אויך א קליינער טייל פון דער גרויסער ארמיי, וואָס האָט באשלאָסן א סוף צו מאכן צו דער נאצישער פּעסט. נאָך א לענגערן שמועס, האָט דער עלטסטער באפולמעכטיקט צוויי פּארטיזאנער זיי זאָלן לויט די אָנווייזונגען פון יאשונסקין אויספירן דעם באשלוס צו ענדיקן מיט דעם קאָלאבאָראנט:

— מיר וועלן אויספירן דעם באשלוס פינקטלעך צו דער צייט אזוי ווי מיר האָבן היינט פינקטלעך אויסגעפירט די באַפעלן פון אונדזער אָנפירשאַפט, האָבן די צוויי פּאַרטיזאַנער געענטפערט.

יאַשונסקי האָט זיי געגנוי אויסגעמאָלט דעם וועג וואָס פירט אין דאָרף אריין, און דאָס הייזל. איך האָב דעם הונט פון דער קייט פריי־געלאָזט, האָט ער צוגעגעבן, ווייל כ׳האָב מיר פאָרגעשטעלט וואָס ס׳וועט געשען.

ווייט איינער פון אנדערן זענען זיי געגאנגען.

דערגענטערדיקן זיך צום הייזל זענען זיי אריין דורכן הויף. דער קאָלאַבאָראַנט איז זיך געלונגען אין בעט, און געמאַכט קאָמבינאַציעס, ווען ער זאָל מאָרגן אויסגעבען דער געשטאַפּאָ. ער האָט זיך חשבון געגעבן אז יאַשונסקי האָט אים געפירט און באַד אריין. ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן אז אָט באלד וועט ער באַצאָלן מיטן קאָפּ פאר דער מיאוסער קאָלאַבאָראַציע מיטן שונא. ער האָט געקלערט צו רעגדלעך, צום ווין וואָס ער האָט געזשליאָקעט צוזאמען מיט דער זונה עלווירא. ער וואַרט שוין אויפן מאָרגענדיקן טאָג ער זאָל דאָס איבערחזרן. ער דערהערט טריט אין קיכל. ווער זאָל דאָס זיין! אזוי שפּעט אין דער נאַכט.

— די הענט אין דער הייך! האָט ער געהערט. און צוויי רעוואָלווערן האָבן אויף אים געצילט.

ס׳האָט קיין רגע נישט געדויערט און די געהירן פונעם אויסוואורף זענען דורכגעלעכערט געוואָרן.

דערוואכונג

ס'איז צווישן טאָג און נאכט. בערל זיצט און לייענט די „מאָרגן־פרייהייט". איז פארטיפט אין איר „וואָס פארא אי־בערגעבענע חברים — פליט אים דורך אין גערדאנק — אין אזעלכע אומענטשלעכע אומשטענדן און יונגעלייט לאָזן זיך נישט. דרוקן און פארשפרייטן א קאָמוניסטישע צייטונג". ס'הערט זיך א קלאפ אין דער טיר. בערל קנאָדערט צונויף די צייטונג, ווארפט זי געשווינד אריין אין בלעכענעם אייוועלע. דאָס קלאפן אין דער טיר הערט זיך ווידער. ער קוקט אריין אין אייוועלע. די צייטונג איז פארברענט. ער פארשארט דאָס אש. דערנענטערט זיך צו דער טיר. ווער איז? פרעגט ער. פון יענער זייט הערט זיך עפעס א קענטלעך קול. זאָל דאָס זיין שלום?

— מאך אויף גיכער! איך בין עס, שלום. בערל האָט זיך בארואיקט און אויפגעריגלט די טיר. ביידע חברים האָבן זיך ארומגענומען. נאָך עטלעכע סעקונדעס האָבן זיי געקוקט איינער אויפן אנדערן האלטנדיק זיך ביי די הענט.

— וואָס שווייגן מיר? האָט שלום געפרעגט?

— צומאָל איז שווייגן גאָלד, און רעדן זילבער, האָט אים בערל, מיט א ביטערן שמייכל געענטפערט. איך האָב מיך צוגעוווינט, שווייגן. ס'איז נישט קיין חדוש. וואָס מ'האָט איבערגעלעבט, און זיך אָנגעזען. ס'איז א ווונדער ווי אזוי מ'לעבט נאָך. כ'פרעג דיך נישט וואָס דו טוסט. דיין אויסזע, דערציילט כמעט אלץ.

— שווייגן איז טאקע גאָלד, מעשׂים זענען אָבער אין איצטיקן מאָמענט טייערער פון אלע אוצרות פון דער וועלט.

— זעץ דיך שלום, זעסט אוים מיד און אויסגעשעפּט. בערל ווייזט אים דאָס בעטל וואָס איז געווען פארדעקט מיט שמאטעס.

ביידע האָבן זיך אנידערגעזעצט.

מעשׂים, מעשׂים. מיט דעם געדאנק טראָג איך מיך אויך ארום, גאנצע טעג. באנאכט חלומט זיך מיר נאָך קאמף, קאמף מיט די וואָס טראָגן א טויטן־קאָפּ אויף די קאסקעטן, מיט די גראנאטאָווע, מיט דער יידן־ראט־פּאָליציי.

אָבער ווען כ'שטיי אויף אין דער פרי, ווער איך ווידער איינגעגלידערט אין דער שקלאפן־קאָלאָנע, בין א גאָרנישט, שפּאן צוזאמען מיט די וואָס זייערע טעג זענען געציילטע, כ'גיי מיט די וואָס זייער חיות האלט זיך קוים אין זיי, און מיט אנדערע וואָס זענען ערשט אָנגעקומען אין געטא, די לעצטע זענען נישט אזוי אויסגעשעפּט, מען זעט נאָך אין זייער פּנים א פארב, אין די אויגן, האָפענונג. זיי זענען רירעוודיק. איך קוק אויף זיי און טראכט, ווי לאנג וועלן זיי אויסהאלטן? ביי אונדז זענען אויך געווען אזעלכע געזונטע... און איצט?

א גרויסער טייל איז געפאלן ביי דער ארבעט. געפאלן זענען זיי טאָג־טעגלעך, און מיר פלעגן זיי ארויסטראָגן טויטערהייט זיי געבראכט צום פארנאכטיקן אפּעל. די צאָל האָט געמוזט שטימען. די מוזלמענער האָבן זיך אמייסטן געשטופּט, זיי זאָלן טראָגן די געפאלענע, כדי אויף אזא אופן ארויסווייזן זייער גבורה. האָט אָבער נישט איינמאָל פּאסירט, אז דער מוזלמאן צוזאמען מיטן טויטן קערפּער וועלכן ער האָט געהאָלפן טראָגן איז געפאלן און מ'האָט געמוזט אים אויך ברענגען צוטראָגן צום אפּעל און אים אוועקלייגן פאר די פיס, פאָרנט.

מיט וועמען זאָלן מיר צוטרעטן צו מעשים, מיט די ווילד־לאָזע מענטשן, מיט די האלב־טויטע? ביי די גיי־צוגעקומענע איז שווער צו דערגיין, וואָס ס'טוט זיך אין זיי, זיי זענען אונדז אומבאַקאַנטע, און מ'קאָן אריין אין א צרה, ווער ווייסט וויפל שפּיצלען די פּאָליציי האָט צווישן זיי אריינגעשמוגלט?

— אין פלוג, ווייזט אויס אז דו ביסט אינגאנצן גערעכט. זיי זיכער אז מיר וועלן אנאליזירן דעם ענין, קאלטבלוטיק מיט ישוב־הדעת, האָט שלום געענטפערט.

— אדרבה, איך בין גרייט צו דיסקוטירן דעם ענין, אים ארומרעדן. כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, איך אליין קאָן מיך נישט צוזאמענקלייבן, כ'בין נישט בכוח מיר פאָרצושטעלן, וויאזוי ווו און מיט וועמען עפּעס אָנהייבן טון.

— אין א געוויסער מאָס ביסטו גערעכט. אייגער איז קיינער. אָט דערפאר בין איך צו דיר געקומען. כ'בין נישט געקומען פון אייגענער איניציאַטיוו. די אָרגאַניזאציע האָט מיך געשיקט.

— „די אָרגאַניזאציע?" האָט בערל זיך געחידושט. די אָר־גאַניזאציע האָט דיך געשיקט צו מיר! אויב אזוי וועלן מיר אין גיכן זען סמנים פון דערוואכונג, פון אויפלעבן און די ראמען פון אונדזער לאַגער אויך. אָט אידער ביסט אריינגעקומען האָב איך געלייענט „די מאָרגן־פרייהייט", כ'האָב נישט באוויזן זי דורכצולייענען, מ'האָט פריער מיט דריי טעג מיין שכן פארנומען. געפירט אים דער געשטאַפּאָ. פון אים האָב איך באקומען די צייטונג. ווען כ'האָב געהערט קלאַפּן, האָב איך דעם זשורנאל באלד פארברענט. געוואלד! ווי די באנדיטן זענען וואך. ווער ווייסט וואָס ס'איז געשען מיטן שכן מיינעם. ס'טוט מיר באנג נאָך דעם זשורנאל.

— ווערסט באקומען אן אנדערן האָט אים שלום געטרייסט.

איצט לאָמיר רעדן וועגן ממשותדיקס. זאָלסט מיר מוחל זיין וואָס איך גיי איבער אזוי שנעל צום עיקר. דאָס איז דערפאר וואָס איך איל זיך. כ'דארף נאָך היינט זיין אויף מערער פּלע־צער, איין אָרט איז ווייט פונעם אנדערן, אזוי אז כ'בעט דיך זאָלסט באהאלטן די מאטריצן, וועלכע כ'גיב דיר איבער. גיב אכטונג, זיי פאָרזיכטיק! מאָרגן וועל איך ווידער דאָ זיין, און

דער זעלבער שעה און איר וועלן פאָרזעצן דעם שמועס וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן.

איצט זיי מיר געזונט. איך גיי.

— גיי געזונט.

ווען בערל איז אליין געבליבן, האָט ער גענומען דאָס פעקל מיט מאטריצן און עס באלד ארייַנגעלייגט צווישן דעם שטרוי פונעם שטרוי־זאק.

און טאָמער וועלן קומען די תלינים און זוכן? האָט ער געטראכט. וואָס פאר א טאָמער, זיי וועלן זיכער קומען. דאָ איז קיין באהעלטעניש. ווו־זשע לייגט מען זיי? איך וועל זיי באהאלטן אינעם בלומען־קאסטן וואָס שטייט אינדרויסן. זיי ארייַנלייגן טיף, באלד ביים דנאָ. אהין וועט זיי נישט אייַנפאלן צו זוכן. וואָסערא וויכטיק מאטעריאל דאָס איז! אינדערוויַל איז דאָס טייערער ווי געווער. יאָ, מיט די מאטריצן וועט מען זיך ווייטער באנוצן. ס'וועט דערשייַנען דער זשורנאל וואָס וועט הייבן דעם מוט פון די אנטווישטע. אך! איז דאָס א מאטעריאל. כ'האָב קוים געלעזן דאָס הויפט־ארטיקל. וויפל קוראזש, וויפל אָפּפערוויליקייט ווייַזן ארויס די שרייבער פון יענע הייליקע שורות. שורות וואָס רעדן צום הארץ, צו דער נשמה. כדאי זיך אייַנשטעלן דאָס לעבן און צוהעלפן די חברים אין זייער קאָלאָסאַלער ארבעט!

בערל גייט צו צום פעקל, ער רירט עס קוים אָן, ער וויל זייַן זיכער צי ס'איז טאקע דאָ. ער האָט געוואָרט ס'זאָל גוט טונקל ווערן. ער צעגראָבט די ערד פונם קאסטן מיט בלומען. אבטונג געגעבן צי עמיצער זעט אים נישט. ס'איז געווען א טונקלער אָוונט. ער האָט קיינעם נישט געזען. מיט פרייד האָט ער ארויסגענומען דאָס פעקל. עס געטראָגן ווי אן אבן־טוב. ער האָט געשוויגד עס ארייַנגעלייגט אין א קענדל, דערויף א שטערצל, ארויסגעגאנגען, זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטן. זיך צוגעלאָזט צום בלומען־קאסטן און ארייַנגעלייגט די מאטריצן.

בשעת ער איז צוריקגעגאנגען, האָט ער נעקלערט: מאטריצן זענען ווי זאָמען, וואָס גיבן פרות, אויב מען באנוצט זיך מיט זיי, ווי ס'געהער צו זייַן. ד. ה. ווען ס'דערשייַנען: אויפרופן, לידער, קאמפס־לידער, מאניפעסטן וואָס רופן צו אויפשטאנד.

הער נאָר ווי די פאַנטאַזיע פירט מיך אַוועק, איצט חלום איך דאָך נישט. איך בין וואַך.

ווי גרויס איז די ווירקונג פון אַ צייטונג אפילו נישט אינגאַנצן אַ דורכגעלייענטע! נאָך גרעסער איז די ווירקונג פון אַ לעבעדיקן מענטש, וואָס אַקטיווירט און וואָס שטעלט זיך איין זיין לעבן לטובת הכלל. כ׳בין שוין ווידער פאַרקראָכן. וואָס האָב איך געטראַכט, ער שטעלט זיך איין דאָס לעבן? זיין לעבן און דאָס לעבן פון פיל מיליאָנען איז דאָך הפקר, אַלע ווייסן, יעדער באַזונדער ווייסט, אַז אינגיכן וועט קומען דער סוף. דער סוף? וועמענס סוף? אונדזער סוף, זייער סוף?

אָט, די, וואָס האָבן נישט אויפגעגעבן דעם קאַמף קעגן שונא, זענען זיכער אַז דער סוף וועט זיין זייערער, די תליינים, די וועלט-אונטערצינדערס. די גרויסע מאַסע אָבער, וואָס זעט און פילט אויפן אייגענעם לייב די עשר מכות, זעט נישט קיין אויסוועג, זעט ווי דער גיהנום פאַרטיפט זיך, זי זעט זיך אין סאַמע אָפּגרונט. וועט געלונגען צו קערעווען אָט די נאָך לעבעדיקע אויסגעטריקנטע ביינער קעגן דעם שונא? ווי אַזוי? וועט מען קאָנען אָנקנופּן אַ כסדרדיקע פאַרבינדונג מיט דער אויסערלעכער וועלט. כ׳דערמאַן זיך זייער גוט וואָס כ׳האָב געלייענט טאָקע אין דער "מאָרגן-פרייהייט", אַז דער הויפּט-מאָטיוו וואָס מ׳האָט אונדז פאַרשפּאַרט אין געטאָ, איז געווען, מ׳זאָל אָפּרייסן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט פונעם פּוילישן, אָפּרייסן פונעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט און אויף אַזאַ אופן אים קאָנען לייכטער פאַרניכטן. אויב ס׳וועט אָבער נישט געלונגען דעם פּוילישן פּראָלעטאַריאַט זיך מיט אונדז צו פאַרבינדן, איז אונדזער סוף אַ זיכערער. יאָ. שלום האָט מיר געזאָגט אַז די אָרגאַניזאַציע האָט אים צו מיר געשיקט. דאָס איז דאָך אַ סימן אַז ס׳איז שוין געשאַפן געוואָרן אַ פאַרבינדונג. פאַר וואָס-זשע האָט ער מיר מער נישט געזאָגט? אפשר האָט מען נישט באַדאַרפט. וואָס פאַרא מענטש בין איך? כ׳דערקען מיך שוין נישט. אַמאָל — און דער אַמאָל איז נישט אַזוי וויט — בין איך געווען אַ דיסציפּלינירטער סאָלדאַט, כ׳האָב נישט נאָכגעקלערט קיין ווילע אפילו, ווען מען האָט מיר געגעבן אַן אויפגאַבע, האָב איך נאָר געקלערט, וואָס גיכער זי דורכצופירן.

און האָב זי טאקע אויסגעפירט. און איצט בין איך געוואָרן מלא־ספקות. ווו וועט דאָס מיך פארפירן? ער, שלום, האָט געזאָגט אז „איינער איז קיינער". זייער ריכטיק. זאָל איך זוכן צונויף פירן מענטשן וואָס ווייזן מיר אויס ערלעכע און צונויפ־שטעלן ביי אונדז אויף דער ארבעט א גרופע וואָס זאָל גרייט זיין ווען ס'וועט קומען דער רוף?

דאָך האָבן א סך ארבעטער און עלטערע מענטשן אויסבאהאלטן אונדזערע פריינט אויף דער ארישער זייט איינשטעלנדיק זיך דאָס לעבן. ס'זענען דאָך פארעפנטלעכט געוואָרן מעלדונגען, אז ווער ס'וועט אויסבאהאלטן יידן, וועט פאראורטיילט ווערן צום טויט! דאָס איז דאָך העראָיזם, אין ברייטסטן זין פונעם וואָרט. איי, דער פוילישער גענעראַל, האָט אָפּגעזאָגט צו געבן וואָפן די ארבעטער, וואָס האָבן פארלאנגט געווער כדי צו פאר־טיידיקן ווארשע, ענטפערנדיק: „וואָס ווילן מיר טאָן אז זיי וועלן דאָס געווער נישט אָפּגעבן?". די געדאנקען ווילן מיך ווייטער אוועקפירן פונעם אמתדיקן וועג. דאָס איז דאָך געווען א פילסודסקי־גענעראַל, וואָס האָט מען פון אים געקאָנט מער דערווארטן?

בערל, האָט זיך אזוי געשלאָגן מיט די געדאנקען, ביז ער איז פאַרוואָלינקע אנדרימלט געוואָרן. א חלום האָט אים פארכאפט. א קאָשמאר האָט אים באַזונט. ער האָט זיך געוואָרפן אויפן פארפוילטן און געלאטעטן שטרוי־זאק און זיך אזוי געמאטערט אין דער גראָער נאכט.

דעם אנדערן טאג ארום איז ווידער שלום געקומען צו גאסט.

בערל, האָט געקוקט אויף אים מיט נייגיר און אשר טאקע מיט קנאה. ער, שלום איז א וויכטיקער מענטש, טוט עפּעס, און איך וואָס? איך ווער אלץ מער פארפלאָנטעט. שלום, אָבער, האָט אים נישט לאנג געלאָזט קלערן.

— היינט וועסטו זיין מיינער. מיר וועלן אָנהייבן א וויכטיקע און זייער א סודותפולע ארבעט.

— אין וואָס וועט באשטיין די ארבעט? האָט בערל געפרעגט.

— קום מיט מיר.

— ווו אהין?

— וועסט שוין זען.

אינדרויסן איז געווען נאַס,ביידע זענען געגאַנגען, נישט גערעדט קיין וואָרט. אין דער שטילקייט האָבן זיי געהערט און געפילט דאָס קאַלטע וואַסער וואָס איז אריין אין זייערע שיך.

נאָכדעם זיי ווי זענען אָנגעקומען אין א קרום געסל, איז שלום געגאַנגען פאָראויס, און שטיל געזאָגט צו בערלען;

— גיי מיר נאָך. רעד נישט ארויס קיין וואָרט.

הינטער א גרויסער, ליידיקער הינגער-שטייג וואָס איז געשטאַנען לעבן א שטאַל, האָט שלום זיך דורכגעשטופּט דורך א פאַרמאַסקירט טירל. זיך אראָפּגעלאָזט אין א זעמליקל, נאָך אים איז אראָפּ אויך בערל. באַלד איז עמיצער געקומען און האָט צוגעדעקט דעם אריינגאַנג מיט אַלטע ברעטער, ארויפגעוואָרפן פעדדישע צואָה וואָס איז געווען אָנגעלייגט לעבן דעם שטאַל. און איז אוועק.

פונעם קעלערל זענען זיי אריין אין א שמאָלן קאַנאַל וואָס האָט געפירט אין א בונקער. די גאַנצע צייט האָט שלום געהאַלטן א לאַמטערנדל, וואָס האָט זיך אָנגעצינדן און אויסגעלאָשן.

— דו וועסט דאָ בלייבן, ביז איך קום צוריק, האָט שלום געזאָגט צו בערלען.

— וויפל זאָל איך דאָ בלייבן?

העכסטנס א האַלבע שעה, האָט אים שלום געענטפערט. בערל האָט אים נאָכגעקוקט און געזען ווי ער גייט אריין אין א טיר אויף רעכטס.

אין צווישן האָט בערל זיך ארומגעקוקט, געזען ווי איינער שטייט לעבן א באָסטאָן-מאַשין און דרוקט אָפּ מאַניפעסטן. דערנעבן זענען געלעגן עטלעכע נומערן פון דער צייטונג „מאָרגן-פרייהייט“. ער האָט זיך געווענדט צום דרוקער, און געפרעגט:

— איז דערלויבט אריינצוקוקן אין דער צייטונג ביז וואַנען דער חבר וועט צוריק קומען?

— זעלבסטפאַרשטענדלעך. חברים וואָס קומען אהער אריין קאָנען אָן שום צווייפל אין זיי אריינקוקן.

— א שיינעם דאַנק.

און בערל, האָט זיך גענומען בלעטערן. קוקט אויפן דאַטום „דער 28 יאַנואַר 1942“.

לייענט:

„צוזאמען מיט דער פּארטיי פונעם גרויסן לענין, צוזאמען מיט דער רעוואָלוציאָנערער ארבעטערשאפט פון קארל ליבקנעכט און ראָזא לוקסעמבורגס אָרגאניזאציע וועלן מיר שאפן די וואָפן, וועלן מיר הייבן די פויסטן און טראָגן דאָס געווער וואָס וועט אונדזער קאמף פארלייכטערן, וואָס וועט פארזיכערן אונדזער רעוואָלוציאָנערן זיג.

צוזאמען מיט דער רויטער ארמיי, וואָס קעמפט מיט אזא העראָישער קראפט כדי איינצוהאלטן דאָס אלץ וואָס לענין און זיינע נאָכפאָלגער האָבן מיט אזויפיל מסירת-נפש און העלדנטום אויפגעבויט — צוזאמען מיטן גאנצן פּראָלעטאריאט — וועט אויך דער יידישער ארבעטער-קלאס פירן דעם קאמף — דעם קאמף וואָס וועט אונדז ברענגען פרייהייט און די פארניכטונג פון דעם בעסטיאלישן היטלעריזם".

בערל לייענט ווייטער:

„שטאָלצע, קאמפס-מוזיקע, מיט די רויטע פענער און געבײלטע פויסטן, וועלן מיר נישט אָפּשטיין אין קאמף פאר א פוילן, וו עס וועט מער קיין אונטערדריקונג, קיין פארשקלאפונג און אונטעריאָכונג פון פרעמדע פעלקער און נאציעס נישט זיין".

„זאָל לעבן דאָס ווערק פון לענינען, ליבקנעכט און לוקסעמבורג".

„זאָל לעבן דער ראטנפארבאנד און די באָלשעוויסטישע פּארטיי".

נאָך א האלבער שעה, איז שלום מיט א חבר אריינגעקומען.

— דאָס איז דער חבר בערל, האָט שלום געזאָגט. ער וועט אונדז זייער נוצלעך זיין אין אונדזער ארבעט.

בערל האָט געקוקט אויף שלומען, אויפן חבר. ס'הארץ האָט אים אָנגעהויבן שטארקער צו קלאפן. זיין פּנים איז אויפגעלעבט געוואָרן, ער האָט דערפילט אין זיך א באפרידיקונג, ווי דעמלט אין די גוטע יאָרן, ווען ער האָט געדארפט גיין אויספירן וויכטיקע אויפגאבן וואָס זענען אים אָנפארטרויט געוואָרן.

— האָסט געהערט וואָס ס'איז געשען אין נאָוואָגרודעק? האָט דער חבר פּנחס, שלומען געפרעגט.

— ניין.

— אין נאָוואָגרודעק האָבן זיך די יידן אָרגאניזירט, און אטאקירט די הענקער. איבער 200 האָראפּאשניקעס, מיט געווער אין די הענט, זענען געגאנגען צו דעם נישט גלייכן קאמף

מיט די היטלעריסטן, באוואָפנטע ביז צו די ציין מיט מאשינגעווער און גראנאטן.

— און מיט וואָס האָט זיך עס פארענדיקט?

— 20 דייטשע זשאנדארן זענען געפאַלן.

— און פון די האַראָפּאַשניקעס?

— אַלע. זיי האָבן זיך נישט געלאָזט פירן צו דער עקדה. באַוואָגרודעק וועט פארבלייבן און דער געשיכטע פון אויפשטאנד „א סימבאָל פון כבוד און דרך־ארץ פארן לעבן וואָס דערלאָזט נישט דעם געדאנק פון יאוש און רעזיגנאציע".

— איך האָב געהערט אז אויך אין אנדערע שטעטלעך זענען פאָרגעקומען אויפשטאנדן. זאָל עס זיין אמת?

— ס'איז אמת. אין די שטעטלעך ניעסוויץ און קלעצק וואָס געפונען זיך אין מערב־ווייסרוסלאנד.

— יענע, זענען נאָך נישט געווען אזוי אויסגעמוטשעט ווי מיר. די פייניקונגען, דער הונגער, די מגפות האָבן זיי נישט דעמאָראליזירט. יענע געגנטן זענען ערשט נישט לאנג פארכאפט געוואָרן פון די רוצחים, די היטלעריסטן, האָט בערל באַמערקט.

— זעלבסטפארשטענדליך איז נישט צו פארגלייכן אונדזערע אומגליקן מיט זייערע. ביי אונדז בושעוועט דער טויט שוין דאָס דריטע יאָר, האָט פנחס געזאָגט. נאָך א ווײַלע האָט ער פאָרגעזעצט.

— אָט די וויכטיקע נייעסן זענען די סיבה פון אונדזער איצטיקן צוזאמענטרעף. מיר דארפן ווי אמגיכסטן אָפּדרוקן אן אויפרוף און אים פארשפרייטן צווישן דעם עולם. מודיע זיין וועגן די וויכטיקע געשעענישן. לעצטנס זענען אויך געקומען ידיעות פון דער ווילנער געטאָ. דאָרט איז געלונגען צו שאַפן א פאַראייניקטע יידישע פּאַרטיזאנישע אָרגאַניזאציע וואָס ווערט אָנגעפירט פונעם באַוווּסטן קאָמוניסט איציק וויטענבערג. ס'זענען דאָרט ארויסגעלאָזט געוואָרן אויפרופן אין וועלכע די הויפּט־לאָזונגען זענען געווען: „אָרגאַניזירט אייך! באוואָפנט אייך. צו זעלבסט־שוץ!"

מיר דאַרפֿן אויך אַזעלכע אויפֿרופֿן אַרויסלאָזן און צוגעבן אויך די לאָזונג: „נאָװאָגרודעק רופֿט“. ער נעמט אַרויס אַ בויגן פּאַפּיר און גיט עס איבער שלומען. דאָס דאַרף פּאַרטיק װערן נאָך היינט אומבאַדינגט. מיר װעט איר אַנטשולדיקן װאָס כ׳בין אַזוי קורץ, כ׳איל זיך. כ׳װעל נאָך היינט צוריקקומען.

בערל קוקט זיך אַרום. דער בונקער איז געװען שלעכט באַלויכטן.

— װי אַזוי װעט מען דאָ קאָנען אַרבעטן, מ׳זעט דען דאָ די אותיות? כ׳האָב מיר אַרויסגענומען די אויגן ביים לייענען די צייטשריפֿטן.

— זאָרג נישט בערל, האָט אים שלום געענטפֿערט.

— הלװאי, האָט בערל געענטפֿערט.

שלום האָט אָפּגערוקט דאָס טישל אָן אַ זייט, געעפֿנט דאָס מאַסקירטע טירל, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַלע פֿיר און געזאָגט צו בערלען: קריך נאָך מיר! פֿון דער קעשענע האָט ער אַרויסגענומען אַן עלעקטריש לעמפּל, עס אַרויפֿגעהאַנגען אויפֿן האַלדז און זיך גערוקט פֿאָראויס דורך דער אויסגעגראָבענער ערד. בערל האָט אים נאָכגעטאָן.

נאָך עטלעכע מינוט האָבן זיי זיך צוגעראַטשקעװעט צום אונטערשטן בונקער.

— מיר זענען שוין ביים אַריינגאַנג פֿון דער דרוקעריי, האָט שלום געזאָגט.

שלום האָט עטלעכע קלאַפּ געטאָן אָנעם אייזערנעם טירל און געזאָגט: „שלום צו אייך“. דאָס איז געװען דער פּאַראָל. באַלד האָט זיך געהערט װי דאָס טירל איז אויפֿגעריסן געװאָרן. ביידע זענען אַריין. זיך אָפּגערייניקט די קליידער. בערל האָט דערזען אַ קאַסטן מיט אותיות צו װעלכן ס׳האָט זיך באַלד דערנענטערט דער חבר װאָס האָט זיי געעפֿנט.

— חבר לייבוש, האָט זיך אָנגערופֿן שלום, נאָכדעם װאָס ער האָט אים באַגריסט, באַקענט זיך מיטן חבר בערל. ער װעט אַרבעטן אין צװייטן שיכט. איר װעט אים אָנװייזן װאָס ער האָט צו טון, װייזן װו ער זאָל נעמען די נויטיקע מאַטעריאַלן, װי אויך דעם אַרויסגאַנג. אָט דאָ האָב איך געבראַכט נאָך אותיות

ער טוט אוים דאָס רעקל, בינד אויף די פעקלעך וואָס זענען געווען צוגעבונדן צום לייב, און טוט אָפּגעאָטעמט.

נאָכדעם, האָט ער נעזאָגט אז ער מוז באלד אוועקגיין, זיך געזעגנט מיט די חברים און איז אוועק דורך א צווייטן ארויסגאנג.

— איר, חבר בערל, וועט אזוי גוט זיין און איינטיילן די אותיות און לייגן יעדעס אות אין זיין קעסטעלע.

בערל קוקט אויף דעם מיטלוואקסיקן חבר לייבוש, א ייד פון איבער פערציק יאָר. דער קאָפּ זיינער וואָס איז געווען ארומגערינגלט מיט כמעט גרויע האָר, איז אין מיטן געווען גלאַט. זיינע בלאַס־בלויע אויגן זענען געווען פול מיט אומרו. די פינגער, שווארצע פון טינט האָבן געכאַפּט די אותיות, די שורהלעך זענען געוואקסן, פון מאָל צו מאָל, האָט ער אויך געשענקט א פריינדלעכן בליק זיין נייעם חבר.

— נאָכדעם וואָס כ'וועל ענדיקן דעם „אויפרוף" וועלן מיר זיך דורכשמועסן, איצט איז קיין צייט פאראן. דאָס איז א דרינגנדיקע ארבעט. אינגיכן וועט מען זי קומען נעמען.

בערל, האָט פון זיך אראָפּגעוואָרפן דאָס געלאַטעטע רעקל און האָט באלד אָנגעהויבן אויסאָרטירן די אותיות.

— איך האָב נאָך עטלעכע שורות און פארענדיק דעם כתב־יד, נאָכדעם וואָס לייבוש האָט צונויפגעבונדן דעם זאַץ און אים איינגעפּאַסט אין א גרעמל, האָט ער זיך געווענדט צום חבר זיינעם.

— פון וואנען זענט איר?

— איך בין א אָפּשטאַמיקער פון ווילנע.

— מען זאָגט אז דאָרט איז פאָרגעקומען אן אויפשטאנד אין דאָרטיקן געטאָ. איז דאָס אמת?

— זיכער איז עס אמת!

— וויאזוי איז דאָס פאָרגעקומען?

— נישט אזוי גרינג שטעל איך מיר פאָר.

— א שאָד וואָס מיר האָבן נישט קיין גענויע ידיעות פון דאָרט.

— מיר וועלן זיי מן הסתם אינגיכן באַקומען.

— כ'האָב זיך באגעגנט מיט א באַקאַנטן פויער וואָס איז געקומען פונעם געריכט, וו ס'איז פאָרגעקומען דער משפט פון ניין פויערים וועלכע זענען באשולדיקט געוואָרן, אז זיי האָבן זיך בייזוויליק אויסגעדרייט און נישט צוגעשטעלט די תבואה־

קאַנטינגענטן. זיי זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. נאָך עטלעכע טעג זענען זיי אַלע אויפגעהאָנגען געוואָרן.

— פון וואַנען זענען געווען די פּויערים?

— פונעם דאָרף בזשעזשיני אין לובלינער פּאָוויאַט.

— ווען איז דאָס געשען?

— דעם 17־טן און 21-סטן נאָוועמבער 1941.

— דאָרטן אין לובלינער דיסטריקט ווו עס הערשט דער עס.עס. און פּאָליציי פירער אָדיל גלאָבאָצניק איז אויך דורכגעפאַלן א גרופּע פון 24 קאָמוניסטן יידן.

— עס פאַרמערן זיך די פאַלן פון אַנטלאָפענע אסירים. אין געטאָ ווערן די יידן אַלץ מער עקשנותדיקער לגבי דער פּאָליציי. ס'איז צו באַמערקן אַז די צאָל פאַלן פון אַקטיוון ווידערשטאַנד קעגן דער מאַכט וואַקסט אין דער לעצטער צייט.

— וואָס ווייסט איר וועגן דער אַרבעטער און פּויערישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע וואָס איז נישט לאַנג געשאַפן געוואָרן. וועלכע זענען אירע אויפגאַבן?

— ווי עס איז מיר באַקאַנט, וועט די אָרגאַניזאַציע אָנווייזן די וועגן פון ווידערשטאַנד, גרייטן סאַבאָטאַזש־אַקציעס, אָרגאַניזירן הילף פאַר די סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע וואָס אַנטלויפן פון די לאַגערס, און אָרגאַניזירן הילף פאַר די חברים פון געטאָ.

— האָבן זיי שוין עפּעס ממשותדיק אויפגעוויזן?

— זי האָט אונטערגעצינדן פּריצישע פעלדער וואָס, זייערע אייגנטימער קאָלאַבאָרירן מיטן שונא, האָט אויך באַפרייט קאָ־מוניסטן פון די זשאַנדאַרמישע לאַפּעס. דעסגלייכן האָט אויך א יידישע גרופּע וואָס נעמט אָנטייל אין דער אָרגאַניזאַציע — באַפאַלן א באַקלייד־פאַבריק אין געטאָ מיטן צוועק צו דעראָבערן מיליטערישע מונדירן, זי האָט אויך דאָרט דורכגעפירט פאַרשי־דענע סאַבאָטאַזש־אַקציעס.

— מיינט איר אַז די אַקציעס וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן, זענען אָנגעפירט פון א אָרגאַניזירטן צענטראַלן כוח.

— כ'מיין, אַז אַזא כוח איז נאָך נישט פאַראַן. די אַלע אַקציעס זענען אָנגעפירט געוואָרן פון פאַרשידענע גרופּן און יעדע באַזונדער האָט געאַרבעט אויף אייגענער אחריות. ס'דאַרף געשאַפן ווערן דער כוח וואָס זאָל אָנפירן, קאָאָרדאָנירן די אַלע

ווידערשטאנד=אקציעס, אָנווייזן די ריכטיקע וועגן און פערספּעק=טיוון פון ווייטערדיקער אנטוויקלונג.

דער חבר שלום וואָס איז דאָ געווען, האָט מיט מיר גערעדט, וועגן דעם. כ׳מיין אז צוליב דעם האָט ער אייך אהער געבראכט און צוליב דעם ציל איז ער געלאָפן ווייטער.

איצט וועלן מיר ענדיקן אונדזער ארבעט און ווארטן אויפן חבר שלום, וואָס האָט געזאָגט אז ער וועט זיך נאָך היינט אהער אומקערן.

אזוי ווי זיי רעדן, הערט זיך דער באוווסטער קלאַפּ אין דער טיר און דער אָנגענומענער פּאראָל.

די טיר איז אויפגעריגלט געוואָרן און ס׳איז אריינגעקומען דער חבר שלום.

— א גוטן.

— א גוט יאָר.

— האָט איר שוין געענדיקט דעם „אויפרוף“, האָט חבר שלום געפרעגט.

— פּארטיק, האָט לייבוש געענטפערט.

— לאָמיר איבערקוקן און קאָנטראָלירן צו ס׳האָבן זיך נישט אריינגעכאפּט גרייזן. דו, שלום, וועסט לייענען דעם כתב=יד און איך וועל נאָכקוקן. שלום נעמט דעם כתב־יד און לייענט פּאַ־וואָליע:

„ווארשע, געטאָ 15=טן מאי 1942.

דער ערשטער אויפרוף פון אנטיפאשיסטישן בלאָק.

צו די יידישע פאָלקס=מאסן!

מיר שטייען אויפן שוועל פון גרויסע געשעענישן און פון אומגעהויערע דעציזירנדיקע שלאכטן. במשך פון גאנצן ווינטער האָט די רויטע ארמיי געפירט א העפטיקן אָנגריף, צווינגענדיק דעם פאשיסטישן שונא אָפּצוטרעטן פון א גאנצער ריי פּארנומענע געביטן, פארגעבנדיק אים מעכטיקע קלעפּ, צעשטערנדיק זיינע פּלענער און צווינגענדיק אים צו ווארפן אויפן פראָנט די אלע כוחות, וואָס האָבן געזאָלט אויסגענוצט ווערן צו דער דורך דער היטלערס אָנגעזאָגטע פרילינגס=אָפענסיווע. ריזיקע גוט אויס=געשטאטע און צוגעגרייטע ארמייען און מעכטיקע רעזערוועז פון סאָוועטן=לאנד שטייען גרייט צום ווייטערדיקן אָנגריף. אָן אי=

בעריים ארבעט די סאָוועטישע אינדוסטריע, אַלע כוחות זענען קאָנצענטרירט צום קאַמף, צוגרייטנדיק דעם זיג. אין רוקן פון דער דייטשער ארמיי איז אויפגעשטאַנען די באַוועגונג פון פּאַרטיזאַנער, [ווענן] דיווערסיע, און סאַבאָטאַזש.

היטלער איז געצווונגען געווען מודה צו זיין, אַז נאָר אָנגעשטרענגנדיק די לעצטע פיזישע און מאָראַלישע כוחות האָט זיך נישט איינגעבראָכן די דייטשישע ארמיי. דער דייטשישער סאָלדאַט בלוטיקט אויפן פראָנט אונטערן שווידערלעכן טעראָר־דרוק פון דער ס.ס.־מאשין. אין דער זעלבער צייט ווערן ווייטער געשניטן די שפּייז־ראַציעס פון דער דייטשער באַפעלקערונג, וועלכע ווערט אויסגעמאַטערט דורך כסדרדיקע לופט־אָנגריפן.

אַנשטאָט מיט ברויט שפּייזט מען זי מיט צוזאָגן פון א גיכן נצחון, וועלכער דערווייטערט זיך מיט יעדן טאָג אַלץ מער.

צוזאַמען מיט די דורכפאַלן אויפן פראָנט, פילנדיק זיך נישט זיכער אין די אָקופּירטע געביטן, האָבן די פאַשיסטישע בעסטיעס נאָכמער איינגעצויגן דעם שטריק ארום דעם האַלדז פון די אונטעריאָכטע פעלקער. עס גייט אָן א שווידערלעכע אקציע פון פיזישע אויסראָטונג פון די אנטיפאַשיסטישע קעמפער און פּאַטריאָטן אין נאָרוועגיע, פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד און יוגאָסלאַוויע.

מיט א חיהשער ברוטאַליטעט פרווט דער פאַשיסטישער אָקופּאַנט אויסראָטן די פרייהייטס־באַוועגונג אין פּוילן. די מאַסנהאַפטע ארויסטרייבונג פון פּאַליאַקן פון די פּאָמערענער און פּויזנער געביטן, די מאַסן־מאָרדן איבער פּוילישע פּויערים, דער שווידערלעכער סיסטעמאַטישער מענטשן גייעג איבער די שטעט, די מאַסן־עקזעקוציעס אין ווארשע און דאָס ארויסשיקן טויזנטער קרבנות אין טויטן־לאַגער אָשוויענטשים — דאָס זענען נאָר איינציקע עטאַפּן פון דער אומענטשלעכער קייט פון די אָקופּאַנטישע געוואַלט־טאַטן אין פּוילן.

מיט יעדן טאָג ווערט אויך פאַרשטאַרקט דער בעסטיאַלישער אויסראָטונגס־קאַמף פון דייטשן אָקופּאַנט געגן דער יידישער באַפעלקערונג. היטלער האַלט פאַר זיין היסטאָרישער מיסיע דאָס ענדגילטיקע אויסראָטן די יידן פון אייראָפּע און ער פירט דורך אין א פאַרגיכערטן טעמפּ זיינע בלוטיקע פּלענער. ס'פליסן טייכן

בלוט פון די אויסגעפייניקטע יידישע מאסן. ווילנע, סלאָנים, באראנאָוויטש, כעלמנאָ, לעמבערג, לובלין און אנדערע צענדליקע שטעט און שטעטלעך — צייכענען דעם בלוטיקן שליאַך פון די היטלערישע מאָרד-באנדעס. אומברחמנותדיקע שחיטות איבער צענדליקער טויזנטער יידישע פאָלקס-מענטשן, מאסן-מאָרדן איבער גאנצע יידישע ישובים, אויסמעקן מיט גאזן זקנים און קינדער, דערשטיקן פרויען, קראנקע אין די שפיטעלער, קינדער אין יתומים-הייזער — אָט דאָס זענען די „העלדישע" טאטן פון די היטלעריסטישע תלינים, זיי איילן מיטן אויספירן די בלוטיקע באפעלן פון זייער פירער, ס'זאָל חלילה נישט פארפעלן קיין צייט..., הונגער-טויט פון צענדליקער טויזנטער יידן, פארשפארטע הינטער די געטאָ-מויערן, דער בלוטיקער שניט פון טיפוס, און שווינד-זוכט — דאָס איז צו ווייניק פאר די היטלעריסטישע הענקער, איז אלזאָ — צואיילן דעם טעמפּ, אויסשיסן, אויסמאָרדן צענדליקער טויזנטער יידן, אָפּמעקן פון דער ערד גאנצע ישובים — דאָס וועט זיי דערנענטערן צום ציל.

די יידישע מאסן טאָרן זיך אָבער נישט אונטערוואָרפן דעם געפיל פון יאוש, פארצווייפלונג און פאסיוו אָפּווארטן אויף דעם, וואָס דער גורל וועט זיי ברענגען. זיי מוזן אָנשטרענגען אלע זייערע כוחות און צושטיין צום אנטיפאשיסטישן קאמף פון אלע אונטערדריקטע פעלקער. זיי מוזן פונקט ווי יענע אויפנעמען א בלוטיקן קאמף מיטן שׂונא בפרט אין רוקן פון זיין פראָנט, א קאמף פון פארניכטונג און סאבאָטאזש. אין אָט דעם אנטיפאשיסטישן געראנגל, פון די אונטערדריקטע פעלקער מוזן די יידישע מאסן פארנעמען מיט זייער אקטיוון קאמף א ווירדיק אָרט.

דער דאָזיקער קאמף פאָדערט אייניקייט און געשלאָסנקייט. דאָס באוווסטזיין וועגן דער נויטווענדיקייט פון אָט דעם איינהייטלעכן קאמף האָט שוין געשלאָגן טיפע וואָרצלען ביי ברייטע שיכטן פון דער יידישער פאָלקס-מאסע. עס זענען פאראן אָבער אזעלכע וואָס ווארטן אָפּ און שטעלן אויס אויף א נס. זיי גיבן זיך נישט אָפּ קיין רעכנונג, אז נאָר דער וועג פון קאמף פירט צו פרייהייט און אויסלייזונג און פארשטייען נאָך אלץ נישט, אז די צייט פאָדערט איצט צו פארייניקן אלע כוחות צום קאמף קעגן דעם בלוטיקן אָקופאנט, אז דער געבאָט פון דער שעה איז אויפצו-

שטעלן א נאציאָנאַלן פרייהייט־פראָנט דורך צעמענטירן און פאראייניקן אלע אקטיווע כוחות פונעם פאָלק צום פארמעסט מיטן שונא.

יידישע פאָלקס־מענטשן! יידישע ארבעטער! יידישע יוגנט! זאמלט צונויף אייערע כוחות און פאראייניקט זיי צום קאמף! שטעלט זיך געשלאָסן אקסל ביי אקסל אין איינהייטלעכן פראָנט פון קאמף קעגן פאשיזם.

נאָך די פארניכטונג פון דער מעכטיקער היטלערישער קריגס־מאשין, דורך די אנטיפאשיסטישע ארמייען און די מיט זיי פארבונדענע מאסן פון די אונטערדריקטע פעלקער, וועט ענדלעך מאכן א סוף צו אונדזער פארשקלאפונג און שאפן באדינגונגען פאר דער פולער סאָציאלער און נאציאָנאלער אויסלייזונג פון די יידישע מאסן!

אלע געזונטע כוחות פונעם יידישן פאָלק מוזן איצט פאראייניקט ווערן צום קאמף מיטן פאשיסטישן שונא ביז צום ענדגילטיקן נצחון!" *

בערל, האָט געשלונגען יעדעס וואָרט, זיינע אויגן האָבן גע־בלישטשעט, דאָס פנים האָט באקומען פארבן, ער האָט ווי זיך נישט געפונען קיין אָרט. זאָל דאָס זיין אמת וואָס דאָ איז געשריבן? איז עס נישט קיין חלום? וועט דאָס אלץ דורכגעפירט ווערן? אויב יאָ, וועט דאָס דאָך זיין דאָס שענסטע אין דעם פארפייניקטן שרעקלעכן לעבן, וועלן מיר טאקע זיך נישט לאָזן אויסקוילען ווי די שאָף? כ'בין זיכער אז דער אויפרוף וועט דערגרייכן זיין ציל, האָט ער געטראכט.

ער האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי די יוגנט און עלטערע זאמלען זיך צונויף, דיסקוטירן, יעדער איז מותר דערוויל אויף זיין שטה און לעבן, ער זעט ווי אלע זענען מסכים מיט די אָנווייזונגען פונעם אויפרוף. ער זעט פאר זיך די קעלערס וו די יוגנט לערנט

---

* ארכיוו פון ייד. היסטאָרישן אינסטיטוט, רינג. 1. „דער רוף" 1. נ. 1. פון 15־טן מאי 1942.
„רער רוף" איז געווען דער אָרגאן פון אנטיפאשיסטישן בלאָק. עס זענען ארויס דריי נומערן. עס איז געבליבן נאָר איינער. די רעדאקציע איז באשטאַנען פון: יוסף לעוואַרטאָווסקי (פ.פ.ר. פוילישע ארבעטער פארטיי, קאָמוניסטן) שכנא סאגאן (פועלי־ציון) און פאָרשטייער פון רעכטע פועלי־ציון און החלוץ.

זיך אומגיין מיט געווער, הערן מיט אויפמערקזאמקייט די לעקציעס וואָס געניטע אין תכסיסי־מלחמה גיבן איבער. באלד קומען אים פאַר די מיליטער־איבונגען, געווער־שמוגל דורך קאנאַלן, ענדלער, די אָנגעשטרענגטע פנימער פון דער באגייסטערטער יוגנט מיט גראנאטן, ביקסן און אלערליי געווער. ער זעט אויך די מאסע, מיט העק, מיט מעסערס, מיט שטאנגען לאָזט זיך אויפן שונא. וואָס פארא פרעכטיק בילד וועט דאָס זיין! יועט ער אויך ארייגענומען ווערן אין די מיליטערישע־גרופן? וועט מען צו אים האָבן צוטרוי? ס'קאָן זיין אז יאָ. און אויב יאָ, וועט ער זיך אָפּרעכענען מיטן שונא פאר די פארברעכנס מ'שטיינס געזאָגט. אָפּרעכענען. ווער קאָן דאָס פארברעכן באַגרייפן. און ווו איז פאראן אזא שטראָף וואָס זאָל קאָנען באצאָלן כאָטש א מיליאָנסטן־טייל פון דעם פארברעכן?

די לעצטע ווערטער פונעם „אויפרוף“ האָבן בערלען מאָביליזירט, ער איז וואך געוואָרן. גרייט צו הערן און אויספירן די שווערסטע באפעלן. די לאָזונג: „צום קאמף מיטן פאשיסטישן שונא ביז צום ענדגילטיקן נצחון“ איז נישט ארויס פון קאָפּ. זיין גאנץ וועזן האָט געוואָרט מיט אומגעדולד אויף דער ערשטער אויפגאבע, ווי אן אויסגעהונגערטער לעכצט צו א שטיקל ברויט.

— וואָס ביסטו געבליבן שטיל? וואָס שווייגסטו? אויף וואָס וואַרטסטו? האט אים שלום געפרעגט.

— איך ווארט מ'זאָל מיר געבן א באלדיקע אויפגאבע. לאנג האָב איך געווארט אויפן דאָזיקן מאָמענט, כאָטש א ים מיט צווייפלען האָט מיך ארומגערינגלט. היינט פיל איך מיך גליקלער. איך האָב דערלעבט צו זען מיט מיינע אייגענע אויגן דעם אָנהויב פון אויפשטאנד, פון פארטייטיקן די מענטשלעכע ווירדע. און וואָס איז איצט מיין אויפגאבע?

— זיי רואיק, בערל, מ'וועט דיר געבן פארפליכטונגען, אלץ מוז אָבער קודם זיין אויסגערעכנט, מיט א סדר. נישט סתם פארפליכטונגען. קודם דארף געשאפן ווערן דער אנטיפאשיסטישער בלאָק, דערנאָך וועט אָרגאניזירט ווערן דער פלאן פון ארבעט. לעת־עתה מאכן מיר די צוגרייטונגען. ס'וועט זיכער זיין אויך ביז דעמלט גענוג צו טון. מיר מוזן אָבער אויך אצינד נישט ארבעטן אויף אן אנארכישן אופן. דערפאר זאָג איך דיר זאָלסט

רואיק זיין און דערווייל ווארטן. כ'פארשטיי דיך גאנץ גוט. די פארברעכנס האָבן דיך דערשיטערט. מיר מוזן אָבער ארבעטן ארגאניזירט און זייער פאָרזיכטיק. אלזאָ, געדולד, אלץ וועט קומען צו דער ריכטיקער צייט. איצט גייען מיר אהיים. ווען ס'וועט עפּעס זיין נייעס וועל איך דיר צו וויסן טאָן.

באריכט

ס'איז פארנאכט. אין קעלער זענען' אויסגעשטעלט טישן אין בענק. אויפן טיש וואָס איז געשטאנען קעגן די בענק, זענען געלעגן טשערע בייגעלער פאפיר. דער קעלער איז געווען באַלויכטן פון א נאפט־לעמפל.

איינציקווייז, זענען אריינגעקומען טשערע מענטשן, אין משך פון צוואנציק מינוט זענען זיי אלע געווען אָנוועזנד.

אינדרויסן איז געשטאנען שלום, צופרידן וואָס אלץ איז דורכגעגאנגען אין אָרדנונג. „זיי זענען געקומען אזוי ווי עס איז געווען אָפגערעדט: נאָך יעדע דריי מינוט איז געקומען אן אנדערער, און לויט דעם סדר“.

ביים טיש איז געזעסן א חבר, געזען אז אלע וואָס זענען גערופן געוואָרן זענען דאָ. ער האָט געעפנט די זיצונג מיט די רייד:

טייערע פריינט!

מיר בעטן, אז יעדער פריינט זאָל אָפגעבן א קורצן באריכט פון זיין אַרבעט. מאכן אן איבערבליק וועגן דעם אָפגעטוענעם ביז היינט.

די אומלעגאלע שריפטן און די מינדלעכע אגיטאציע, באַווייזן, אז דער קאמף פאר אונדזער באפרייונג איז נישט קיין אָפּגעריסענער, נאָר ער איז א טייל פונעם אלגעמיינעם קאמף פאר נאציאָנאלער און סאָציאלער באפרייונג און האָבן געהאט א גרויסן אָפּקלאנג. ס'האָט געזיגט די אידיי אז מיר דארפן ברענגען אונדזער ביישטראָג אין דעם אלגעמיינעם אנטיהיטלעריסטישן קאמף. ס'איז צו באגריסן דעם פאקט וואָס די פארשידענע פארטייען האָבן זיך פאראייניקט און וועלן קעמפן צוזאמען קעגן דעם געמיינזאמען שונא. דער געדאנק פון אן אומפארמיידלעכן צוזאמענשטויס מיטן שונא, באהערשט אלץ מער די מאסע. דאָס שלאָג־וואָרט פון דער יידישער קאמפס־אָרגאניזאציע, „מיר וועלן נישט ארויסגעבן קיין איין ייד“ האָט ווי א כישוף פארכאפט דעם געטאָ.

— קאָן דער חבר, וואָס האָט דעם אויפטראג צו רעפערירן וועגן דער אקטיוויטעט פון דער יידישער קאמפס־אָרגאניזאציע, אונדז עפּעס וויכטיקס באריכטן?

— די איבערגעבעבענע חברים פון דער יידישער קאמפס־אָרגאניזאציע האָבן געזאמלט ארום זיך די בעסטע קעמפער. אין אירע רייען געפונען זיך נאָר אזעלכע וואָס מ'איז זיכער אז מען קאָן צו זיי האָבן א פולקאָמענעם צוטרוי, מחמת די געשטאפּאָ־אגענטן, די מוסרים זענען פול אומעטום, די מיליטערישע איבונגען ווערן געמאכט אונטער דער אָנפירונג פון מיליטער־אינסטרוקטאָרן.

די לעצטע צייט איז די פאָרזיכטיקייט נאָך מער פארשארפט געוואָרן, ווייל דער געשטאפּאָ, איז געלונגען צו כאפּן צוויי חברים, וועלכע האָבן געהאט דעם אויפטראג צו פארשאפן געווער פאר דער אָרגאניזאציע. די חברים זענען פארפייניקט געוואָרן, זיי האָבן אָבער אויסגעהאלטן ביזן סוף. דאָס לעבן זייערס האָבן זיי מקריב געווען און קיין סוד נישט ארויסגעגעבן. די אָרגאניזאציע איז זייער פארקאָנספּירירט באגלייך מיט אירע אלע קעמפער־גרופּעס.

— וועגן פארשאפן געווער, האָט דער פריינט וואָס איז באאויפטראגט דערמיט, עפּעס צו מעלדן? האָט דער פאָרזיצער געפרעגט.

— מיר האָבן גענוג כוחות אָנגעוואָנדן צו באקומען געווער. פארשטענדעניש האָבן אונדז ארויסגעוויזן די פוילישע ארבעטער=פארטיי און איר פאָלקס=גווארדיע. זיי האָבן אונדז ארייגעשיקט געווער אין די ראמען פון זייערע מעגלעכקייטן. שפעטער האָבן מיר אויך באקומען געווער פון דער סאָציאליסטישער באוועגונג.

— האָט איר זיך דערמיט באגנוגנט?

— מיר האָבן זיך אן עצה געגעבן, מיר האָבן אויסגעארבעט געווער אין געטאָ און אויך פארשאפט פון דער ארישער זייט, קויפנדיק עס מיט שווער געלט.

— געלט=מיטלען פון וואנען האָט איר גענומען?

— די וואָס האָבן געקאָנט, האָבן זיך אליין באשטייערט. ס'זענען אָבער געווען אויך געטאָ=שפעקולאנטן און סתם עשירים וואָס האָבן זיך אָפגעזאָגט, מיר זענען געווען געצוווּנגען אָנצונעמען שטארקע מיטלען כדי זיי צו צווינגען צו געבן די סומעס וועלכע זענען באשטימט געוואָרן.

— קאָן עמיצער פון אייך אינפאָרמירן וועגן אונדזער קאמף קעגן די מוסרים, קעגן דעם געשטאפּאָ?

— קעגן די פארעטער, איז געפירט געוואָרן אן אומברחמנותדיקער קאמף. די שטראָף=בריגאדע האָט אויסגעפירט די טויט=אורטיילן וואָס די ייד. קאמפס=אָרגאניזאציע האָט פאראָרדנט.

— ווי אזוי איז דורכגעפירט געוואָרן דער באשלוס, וועגן די קאָנטאקטן מיט דער פוילישער אונטערערדישער באוועגונג און מיט די איבערגעבליבענע יידישע אָרטשאפטן אין לאנד?

— די ייד. קאמפס=אָרגאניזאציע האָט געהאט אן ענגע פארבינדונג מיט דער פוילישער אונטערערד אויף דער ארישער זייט מיט דער ברידערלעכער פאָלקס=גווארדיע (ג. ל.). שווערער זענען געווען די קאָנטאקטן מיט דער א. ק. (פוילישער נאציאָנאליסטישע מיליטערישע אונטערערד=אָרגאניזאציע). די ייד. קאמפס=אָרגאניזאציע האָט אויך געהאט פארבינדונגען מיט די איבערגעבליבענע אָרטשאפטן אין לאנד.

דורך די קאָנטאקטן וואָס ד"ר א. בערמאן האָט געהאט מיט דער דערמאנטער פוילישער אָרגאניזאציע, איז געלונגען איבערצושיקן ס.אָ.ס., טעלעגראמען צו יידישע אָרגאניזאציעס, וועלכע האָבן געענטפערט אויף די פריריקע טעלעגראמען און וועלכע

האָבן איבערגעשיקט גרויסע סומעס געלט צו באַזאָרגן געווער. ווי אויך צו ראַטעווען די יידן וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער „אַרישער זייט“.

— שווער איז געווען דער אָנהויב. אויב איר און אייערע פאַרבינדונגען וועלן ווייטער אַרבעטן מיט דעם זעלבן מסירת-נפש, זענען מיר זיכער אַז דער הויפּט-ציל אונדזערער, צוגרייטן און מאַכן דעם אויפשטאַנד, אין דער געהעריקער צייט, וועלכע אונדזער אָנפירונג וועט אונדז אָנווייזן. ביז דעמאָלט זאָל יעדער אַרבעטן אויף די אָנגעוויזענע ערטער. יעדן מאָנטיק צו דער-זעלבער צייט וועלן מיר זיך צונויפזאַמלען. אויב ס'וועט אַלץ דורכגיין גלאַט. טאָמער נישט, וועלן מיר אייך צו וויסן טאָן דורך אונדזערע פאַרבינדלער. איצט גייט אייך יעדער צו זיין אַרבעט, איינציקווייז, אַזוי ווי איר זענט געקומען.

א גוטן.

נאָך א הפסקה פון צוויי-דריי מינוט זענען זיי איינציקווייז אַלע אַוועק.

תכלית

תכלית

מאָטל אויף די תכלית=וועגן

(פראגמענט)

שטיינדיק ערב=שבת ביים לאָקשן=ברעט און פלעכטנדיק דעם קוילעטש האָט זי דערפילט די געבורטס=ווייען וועלכע זענען געוואָרן וואָס אמאָל שטארקער און האָבן געשטורעמט איר גאנץ וועזן, „ער קאַפּעט מיט די פיס ווי אן אכזר" האָט זי קוים ארויסגעזאָגט. ס'האָט נישט מער ווי א שעה געדויערט און ער איז ארויס מיט אזא געוואלד, מיט אזא געפילדער, אז הימל עפן דיך. עס איז דעמלט געווען א הייסער=זומער טאָג, ווען די זון איז ארויס פון איר פוטערפאס און האָט געברענט און געבראָטן.

ער, דער מאן אירער, וואָס איז געווען א גרויסער ירא=שמים איז ביז שפּעט אין דער נאכט אריין, געשטאנען מיט פארקאַטשעטע ארבעל, געטון אלץ וואָס דער דאָקטער האָט געהייסן. ער האָט, פריער מיטן האקמעסער עטלעכע שפּענער אָפּגעטעסעט און אָנגעצונדן דאָס פייער ווען היים וואסער. גע־ווען בלאס, זיינע בליקן האָט ער געוואָרפן באלד אויפן בעט ווו זי איז געלעגן און באלד אויף די קינדער וואָס זענען גע=

שטאַנען נישט ווײט און האָט זיך פאַרענטפערט: „פקוח נפש, דוחה שבת“. און האָט אַלעמאָל אױסגערופן: „רבונא דעלמא, העלף!“

די גרױסע שרעק פון פאַרגיפטונג איז פאָריבער. דער דאָקטער האָט באַרויקט די משפחה און די שכנים, אַז אַלץ איז אין אָרדנונג.

א ברית איז געווען ווי א חתונה. דער זײדע, די באָבע, אַלע פעטערס און מומעס, אַלע שוועסטערקינדער און סתם נאָענטע האָבן זיך משמח געווען ווי גאָט האָט געבאָטן. די הוצאות זענען געגאַנגען אױפן זײדנס חשבון וועלכער האָט דערלעבט דאָס צענטע אײניקל. מעד און ביר איז געווען כיד המלך. די געפעפערטע און געזאַלצענע אַרבעס האָבן גערײצט די גימענס, די געטראַנקען האָבן זײ אָבער באַרויקט. די שמחה איז געוואַקסן. מעלאָדיעס און ניגונים האָבן זיך אױסגעמישט. דער זײדע איז געשטאַנען אָנגעטון אין זײן אַטלאַסענע שוואַרצע יום־טובדיקע בגדים מיט די ווײסע זאָקן אין זײנע גרינגע פאַנטאָפל און געטײלט בראָנפן און ביר די שכנים: יאַנען, וואַסילען און זײערע משפחות וואָס האָבן זיך באַוויזן אין די הײף. ווען דער מאָרגנשטערן האָט אָנגעהױבן אַלץ בלאַסער ווערן און איז ערגעץ אַנטרינען געוואָרן, האָט זיך פאַרענדיקט די שמחה. דער עולם איז זיך צעגאַנגען און דאָס טאָגטעגלעכע לעבן האָט פאַרנומען זײן אָרט אין דעם פאַרגליווערטן שטעטל, וואָס האָט נאָך געשטעקט טיף אין מיטלאַלטער.

דער מאַן אירער וואָס האָט דאָ נישט געהאַט וואָס צו טון איז געפאָרן זוכן אַרבעט אין די דערבײאיקע גרעסערע שטעטלעך און האָט נישט געפונען. אינדערוױיל פלעגט דער זײדע פון זײן שווער פאַרהאָרעוועטע אָפּשפּאָרונגען העלפן דער טאָכטער זײנער, פון וועלכער ער האָט געהאַלטן עולם ומלואו: פאַר איר בריהשאַפט, פאַר אירע מעלות און איבערהױפּט דאָס „צאַרטע קול אירס“, האָט אים ווי פאַרשיכורט, ער פלעג שטײן פון יענער זײט טיר און זיך צוהערן צו איר שטימע, צו די לידער אירע, וועלכע זי האָט געזונגען מײדלװײז. פון וואַנען קומען צו איר אַזעלכע לידער? האָט ער זיך געוווּנדערט. ער האָט נישט געוווּסט אַז צווישן טאָג און נאַכט, פלעגט זיך דאָ

אריינכאפן הענער, א בחור וואָס פלעגט פאָרן אויף דער גרויסער וועלט און געבראכט אין דעם פארוואָרפענעם שטעטל, לידער, וועלכע ער האָט געהערט אויף די גאָלדפאדן-פאַרשטעלונגען, און ביי איר, ביי גיטלען, האָבן זיי פארנומען אזא חשוב אָרט אין איר הארץ.

עטלעכע יאָר זענען אזוי אוועק. ער, דער מאן אירער, פלעגט פון צייט צו צייט צושיקן אביסל געלט פון זיינע אָרעמע פארדינסטן. אויף ימים-טובים פלעג ער אהיימקומען און ברענגען באשיידענע מתנות פאר די דריי קינדער און צומאָל אויך פאר זיין פרוי. די געציילטע טעג זענען גיך פארשווינדן און צוזאמען מיט זיי דאָס ביסל פרייד.

אין דעם חדר ווו מען האָט מאָטלען אָפּגעגעבן ווען ער איז אלט געוואָרן דריי יאָר, האָט ער זיך ארומגעדרייט ווי א פרעמדער. ס'איז אים נישט געפעלן דער פארדומפּענער ריח וואָס האָט זיך אריין. געריסן אין זיין נעזל. דער מלמד מיט דעם ציגענעם בערדל האָט אים אביסל געשראָקן. נאָר באלד ווי דער מלמד איז ארויסגעגאנגען האָט ער זיך גענומען זוכן ארבעט; געפרווט אויפצומאכן די געל-געשניצטע טיר פון דער שאפע, געוואָלט וויסן וואָס אין איר געפינט זיך. ער האָט אָבער נישט געקאָנט עפענען ווייל זי איז געהאָנגען נאָר אויף איין זאוויסע און געווען ווי פארהאמערט. די עטלעכע קינדער וואָס זענען דאָרטן געווען האָבן אויף אים נישט פריינטלעך געקוקט, ווייל ס'האָט זיך זיי ארויסגעוויזן אז דער רבי קוקט מיט מער אויפמערקזאמקייט אויף אים. מיט זייער קינדערישן שׂכל האָבן זיי נישט פארשטאנען, אז דאָס איז נאָר אויף אינדערוויל, און בקרוב וועט ער אויך אים, דעם ניי-געקומענעם אויפנעמען גלייך ווי זיי. דאָס הייסט „ער וועט אויך אים, מאָטלען באלד געבן די וועלט צו זען". ווי אין א פילם זעט ער, זיין לעבנסגעשיכטע:

אָט ראַשקעט ער זיך אויף אלע פיר פון זיין שטוב ארויס אויף דער גאס, דאָס חדר, דער גרויסער אלף-בית, דאָס אויסגעריסן ווערן ביזן אויסלערנען די עברי. ער זעט די אלע זייגערס וואָס זענען געווען אויפגעהאָנגען אויף זיין ברוסט בשעת דעם חומש-פארהער, אין זיידנס הויז. ביי אכט יאָר געדענקט

ער ווי מ'האָט אים געמוטשעט מיט לימודים וואָס זענען אים נישט געווען צום האַרץ. עפּעס פרעמד, וואָס האָט זיך נישט געקלעפּט צו זיין קינדערישן געמיט. און באַלד האָט מען אים אַריינגעפירט אין דעם ים־התלמוד. ס'זענען דאָרטן פאַר־האַן שיינע מעשׂיות וואָס פלעגן אים פאַרכאַפּן. אָבער דאָס איז געווען נאָר ווי אויף אן אויגנבליק. ווייל באַלד איז מען ווידער אַריין אין די טרוקענע סבֿרות, דינים, מחלוקתן, נאָר ס'איז קיין ברירה, מ'מוז, מ'דאַרף, טאָמער נישט פאַלן אויף דיר הימל און ערד. ווען ער איז אַלט געוואָרן צען יאָר, האָט זיין משפּחה געמוזט פאַרלאָזן זיין געבוירט אָרט, ווייל דער תּלמיד־חכם, דער טאַטע, האָט שוין אויף חיונה נישט געקענט ברענגען. דער זיידע איז געשטאָרבן און מען איז געקומען אויף גאָטס באַראָט אין דעם שטעטל לעבן דעם טייך סערעט.

אין דעם צוג, וואָס האָט אים געפירט ערגעץ אין דער נאַכט אַריין, איז אים פאָרגעקומען דעם זיידנס טויט. ער געדענקט ווי מען האָט אים אָפּגעהויבן פונעם בעט, געלייגט אויף דער ערד, מיט די פיס צו דער טיר, דאָס יאָמערן און דאָס געוויין פון די ווייבער האָבן אים דערשיטערט. ער דערמאָנט זיך גאַנץ גוט ווי אזוי מען האָט אויפגעהויבן די מטה, זי אַרויסגעטראָגן, אַרויף געלייגט אויף א וואָגן און מיט אים, מיטן זיידן זיינעם, איז מען אַוועק אין דער נישט ווייטער שטאָט, ווייל דאָרט אין זיין שטעטל איז קיין בית־עולם נישט געווען. ער דערמאָנט זיך אינעם ווערדל אין וועלכן ער מיט זיינע חבֿרים פלעגן זיך צומאָל אַרויסכאַפּן. און דאָרט זיך א שפּיל טון. די ל'ג בעומרס קאָן ער נישט פאַרגעסן. די בערגלעך און דיביימלעך ליגן אים אין זכּרון. ער פילט ווי דאָס אַלץ דערווייטערט זיך פון אים, און ווער ווייסט צי ער וועט נאָך אויף זיין לעבן זיך אַמאָל אַהער צוריק קערן. ס'טוט אים באַנג, באַנג...

די משפּחה, וואָס איז דעמאָלט שוין באַשטאַנען פון פינעף קינדער, אָנגעפירט פון דער שטרענגער און האַרציקער מוטער, איז געזעסן שטיל אינעם וואָגן. אפשר האָט יעדער ווי ער, זיך אָן עפּעס דערמאָנט פון דער היים און קלערט צו עפּעס נאָ־ענטס, צו עפּעס הייליקס? די מאַמע זיצט און וואַרפט אויגן אויף די פּעקלעך, אויף די קינדער, ס'ווייזט אויס אַז זי ציילט זיי

איבער יעדע מינוט, צי זיי זענען אלע דאָ? צי איז עפּעס נישט חלילה פארלוירן געגאנגען? דער שלאָף האָט געמוטשעט און די מאמע האָט דערזען אז די סכנה איז גרויס און אז אלע וועלן פאלן אויף די פּנימער, האָט זי זיך געווענדט צו די קינדער און געזאָגט:

— איך און איר מער דערוואקסענע וועלן מאכן א וואך, יעדער צו א שעה צייט, ביז וואנען מיר וועלן אָנקומען אויף דער סטאציע, ווּ מיר וועלן אויסשטייגן און זיך אריינזעצן אין א וואָגן וועלכער וועט אונדז אריבערפירן אין יענער זייט טייך.

אלע האָבן דערצו צוגעשטימט. איידער ס'איז טאָג געוואָרן, האָט דער צוג זיך אָפּגעשטעלט. די וואזשנע סטאציע האָט געמאכט א גרויסן רושם אויף די אָנגעקומענע, זיי האָבן געעפנט מויל און אויערן. זיך נישט געקאָנט אָפּחידושן. נאָר פארגאפט איז געווען דאָס פיערטע קינד, פון די גרויסע פענצטער, וואָס האָבן אים פארכאפּט מיט זייערע אומצייליקע פארבן. דער מוטערס אויגן האָבן באלד דערזען ווי פ. קוקט מיט אזויפיל אויפמערקזאמקייט אויף די פארבן. און באלד דערשיינט פאר איר דאָס אומגליק, וואָס ס'האָט זיך געטראָפן מיט אים. דעמאלט איז אויך געווען א געשיכטע מיט א פארב... יאָ, דער גרינער טעלער מיט וועלכן ס'איז געווען פארדעקט דער טאָפּ מיטן זידיקן וואסער. און פ., דאָס צווייאָריקע קינד וואָס איז נישט ווייט געזעסן, האָט אויסגעשטרעקט דאָס הענטל און געוואָלט דערגרייכן דעם טעלער, און אָט איז א האלב פּנים און א הענטל אריין אין זודיקן וואסער און אים אָפּגעבריט דאָס רעכטע אויג און די רעכטע האנט. דאָס שפּיטאָל ווּ זי איז מיט אים געווען האָט גאָרנישט געהאָלפן און ער איז געבליבן א געשטעמפּלטער, ווער ווייסט אפשר אויף זיין גאנץ לעבן? זי האָט אים אָנגעכאפּט ביים הענטל און אים צום ערשטן ארויף געזעצט אויפן וואָגן. נאָך אים האָבן זיך די אנדערע אויסגעזעצט און וויאָ... מ'איז אוועק.

ווען דער וואָגן איז ארויף אויפן פאראָם איז נאָך געווען פינצטער. פאָרנדיק און שלעפנדיק זיך אזוי אויף די שמאָלע פארהארטעוועטע בערגלדיקע וועגן האָבן זיך פון דערווייטנס

אנטהילט עפעס ווי ווייסע פיר עקן פארדעקטע מיט עפעס שווארצן. וואָס מער מען האָט זיך דערנענטערט איז קלאָרער געוואָרן אז דאָס איז א ישוב ווייל באלד האָט זיך דערהערט דאָס קרייען פון די הענער, דאָס מעקען פון שאָף און רינדער. פ. האָט עפעס דערזען און געגעבן א טאָרע דעם ברודער:

— זע, פונעם שטרויענעם דאך גייט א רויך!

— יאָ, האָט אים מ. געענטפערט, ס'איז טאַקע א חידוש.

באלד האָט זיי פארכאפט דאָס לשון וואָס זיי האָבן דערהערט. די קינדער האָבן געקוקט דערשטוינט, גאָרנישט פארשטאנען און געבליבן געפלעפט.

דער וואָגן איז געפאָרן אָן אויפהער. איידער די נאכט איז צוגעפאלן איז די משפחה אָנגעקומען אין דער שטעטל ווו ס'איז זיי באשערט געווען צו פארברענגען דעם גרעסטן טייל פון זייערע קינדער־יאָרן.

צוגעפאָרן איז מען צו א לערער וואָס האָט געגעבן שטונדן. דאָרטן זענען זיי געבליבן נאָר א פאָר טעג. נאָכדעם האָבן זיי זיך איבערגעצויגן אין דער גרויסער גאס. נישט אין צענטער נאָר באלד ביים מיידאן. דאָס שטובל האָט געהאט בייכיקע ווענט ווייל זיי זענען געבויט געוואָרן פון וואלקעס. די ערד איז געווען אָפגעשמירט מיט ליים. דאָ און דאָרט זענען געבליבן הוילע פארהארטעוועטע שווארצע גריבלער. דער טאטע האָט ערגעץ געליגן אן אייזערן בעט אויף וועלכן ס'זענען געבליבן סמנים פון אויסגעמאָלטע מלאכימלעך מיט האלבע פנימער און אויסגעפליקטע פליגל. דער זשאוור האָט באלעבאטעוועט אין דעם בעט, די זייטיקע טיילן פונעם בעט וואָס האָבן באַ־האָפטן דעם צוקאָפנס מיט דעם צופוסנס זענען נישט געווען קיין גלייכע. איין טייל איז געווען העכער און דער אנדערער נידעריקער, מחמת די האָקנס האָבן שוין לאנג זיך נישט גע־פאָרט מיט זייערע גאָרמאלע לעכער, ווייל זיי זענען אויפגע־פרעסן געוואָרן פונעם זשאווער און מ'האָט אלע מאָל געמוזט בייטן די לעכער, צומאָל, העכער, און צומאָל, נידעריקער. דער מאמעס קופערט, באשלאָגן מיט אייזערנע רייפן איז געווען א בכבודיק מעבל־שטיק. אין אים איז געלעגן דאָס גאנצע פאר־מעגן: עטלעכע ציבלער, אייניקע ליילעכער, דריי האנטוכער און

אַנדערע שמאַכטעס און אביסל וועש פאר דער משפחה. אַליין האָט געטעכלט ווייל די מוטער האָט שטענדיק אין זינען געהאַט אַז אַלץ זאָל זיין זויבער, אויסגעפּרעסט, כאָטש נישט אין העמד אָדער העמדעלע האָט געטראָגן דעם חותם פון איר צערעווען וואָס זענען אמייסטנס געווען א מייסטער־ווערק.

דער באַלעבאָס האָט געבאָרגט עטלעכע שמאַטע־קאָבריצן און חברה האָט זיך אויסגעלייגט אויף דער הויקערדיקע ערד. מען איז געשמאַק אנטשלאָפן געוואָרן.

געשלאָפן איז מען ווי דערהרגעטע. גאַנץ פרי האָט מען שוין געהערט די טריט פונעם פאָטער און זיין שטיל שעפטשען. מאָטל, וואָס די טריט האָבן אים געשטערט פון זיין זיסן שלאָף האָט געעפנט די אויגן, געזען דאָס פנים פונעם פאָטער זייגעם, און זיך באַלד אויסגעדרייט אויף דער אַנדערער זייט און ווייטער אַנטשלאָפן געוואָרן.

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און די מוטער איז אויפגעשטאַנען, זיך אויסגעווישט די אויגן, זיך ארומגעקוקט, ווו איז זי? יאָ זי האָט זיך דערמאַנט אַז זי איז אין דער פרעמד, ס'איז איר פאָרגעקומען דער זיידע, דער פאָטער אירער, וואָס איז נישט לאַנג געשטאָרבן, און זי האָט אים איבערגעלאָזט דאָרט ווייט, ווייט.

— הער נאָר! זאָגט דער פאָטער צו איר, צו דער מאַמען, ווייסט אפשר ווו דאָס קאַווע־קאָכערל איז ערגעץ פארפּאַקט?

— וואַרט צו א ביסל, כ'וועל עס באַלד ארויסנעמען פונעם קאַסטן ווו דאָס געשיר איז איינגעפּאַקט. זי גייט צו צום בעקן, וואַשט זיך, טוט זיך אָן דאָס ציטענע קליידל, זי פאַרגעסט אויך נישט דאָס פאַרטעך, בינדט עס צו מיט א שלייף, מאַכט צורעכט דאָס קאָפּטיכל, און איז גרייט צו דער עבודה. זי האָט ארויסגענומען די עטלעכע טעפּלעך, טעלערלעך, גלעזער, גאָפּלמעסער, ענדלעך געטראָגן אויך דאָס קאַווע־קאָכערל. זי נעמט באַלד ארויס דאָס קריגל דאָס גרינע, דאָס קענדעלע, דאָס בלאָע. „באַלד וועלן די קינדער אויפשטיין וועט זי זיי שיקן נאָך וואַסער". זי פאָרעט זיך ווייטער אינעם קאַסטן, נעמט ארויס די וויכטיקסטע זאַכן און שטעלט זיי אַנידער אויף דער ערד.

„מענדל וועט באַלד זיך נעמען צו דער אַרבעט" האָט זי זיך געטראַכט. ס'געפעלט אים, ער וועט באַלד אַריינקלאַפּן עטלעכע צוועקעס אין די ווענט, און אַלץ וועט אויפגעהאָנגען ווערן ווי ס'געהער צו זיין: די טעפּלעך, די ריינדלעך, די שאַלן און אויך די באַק־מכשירים. זי וואָלט בעסער געוואָלט האָבן אַ שאַפקעלע פאַר די זאַכן, נאָר ווו נעמט מען? ס'וועט אַזוי אויך זיין גוט".

דער פאָטער, נאָכדעם וואָס ער האָט געענדיקט דאָס לערנען, נעמט דאָס קאָכערל, וויל דאָס אָנפילן מיט וואַסער, נאָר וואַסער איז נישטאָ. ער פאַרדרייט אַ ציגאַר, פאַררייכערט און הוסט. ער הוסט גאַנץ נישקשהדיק.

— וואָלט זיך שוין געמעגט אָפּלאָזן פונעם רייכערן, זעסט נישט ווי דאָס רייסט דיר אויס דאָס האַרץ? האָט די מוטער צו אים געזאָגט.

רבקה און מענדעלע זענען געגאַנגען נאָך וואַסער, איינער האָט געטראָגן דעם גרינעם קריג און דער צווייטער דאָס בלאָע קענדעלע. דאָס וואַסער איז נישט געווען נאָענט. מ'האָט גע־דאַרפט גיין אַרויס פונעם שטעטל צו די שיפּעטעס כדי דאָס צו ברענגען. דער וועג צו די שיפּעטעס איז געווען אַ באַרג אַראָפּ פול מיט הרודעס, פון דורך געפאָרענע פורן זענען גע־בליבן סמנים פון רעדער וואָס זענען פאַרטריקנט געוואָרן. דאָ און דאָרט זענען געווען פשוטע גריבער וואָס האָבן אויך געהאַט דעם זעלבן חותם. דורך די דינע פאָדעשוועלעך האָבן דערפילט די וואַסער־זוכערס, די פאַרטריקנטע ערד־שטרייפן, וואָס האָבן זיי אויסגעדרייט די פּיס און האָבן אַ סך מאָל פאַר־לוירן דאָס גלייך־געוויכט. ענדלעך זענען זיי אָנגעקומען צו דעם וואַסער־קוואַל, וואָס איז זיך דאָרטן אַראָפּגערונען פונעם איינערנעם רער. דאָס קאַלטע, זילבערנע וואַסער, האָט געמאַכט אַן אָנגענומענעם גערויש און זיך געריגען פאַמעלעך ווייטער דאָרט ערגעץ אין פעלד אַריין. דאָ און דאָרט זענען געשווימען גענדז און קאַטשקעלעך און האָבן געשטערט די שטילקייט מיט זייער גאַגען, נאָכדעם וואָס זיי זענען אַרויס און זיך אָפּגע־שאָקלט די פליגל פונעם וואַסער און געגאַנגען זוכן חיונה. אַקעגן די שיפּעטעס האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ פרייַ פעלד, מיט

גרינע גראָזן וואָס האָבן זיך געבאָדן און געפינקלט אין ראָסע וואָס איז פאמעלעך אויסגעזויגן געוואָרן פון די זונען־שטראַלן וואָס זענען אַלץ שטאַרקער געוואָרן. צווישן אַט די גראָזן איז געשטאַנען אַ לאַנגע ווייסע געביידע, ארום וועלכער ס'האָבן זיך געדרייט סאָלדאַטן, איניקע זענען פון דאָרטן אַרויסגעקומען און האָבן זיך געוואַשן די האַלב־נאַקעטע קערפּערס. נישט ווייט האָבן געפּאַשעט פערד. קוקנדיק ווייטער האָט מען דערזען באַראַקעס, אָנגעוואָרפענע הייזלעך, עטלעכע העכערע געביידעס, פון דאָרטן הערט זיך פון צייט צו צייט אַ פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו, באַלד לויפט דורך אַ צוג, און באַלד אַן אַנדערער וואָס פאַרפינצטערן די לופט מיטן רויך וואָס דרינגט אַריין אין די הייזער אין די באַראַקעס פונעם אַרום.

— נו, קום שוין! האָט רבקה געזאָגט צו מאָטלען. מ'האָט אָנגעפילט די כלים מיט וואַסער, און זיך באַלד געלאָזט אַרויפגיין, די ערד איז געווען משופּע, פון דעם קריגל און פונעם קענדל האָט זיך פאַרגאָסן דאָס וואַסער. רבקה איז ווידער אַראָפּגעגאַנגען אַ פּאָר שפּאַן צום שיפעט און האָט אויפסניי אָנגעפילט די כלים און געזאָגט מאָטלען, דערלאַנג די האַנט! מיר וועלן זיך אַזוי האַלטן איינער אָן אַנדערן און ס'וועט זיך מער נישט פאַרגיסן דאָס וואַסער. און אַזוי איז מען אַרויף געקומען מיטן וואַסער. באַלד האָט די מוטער געמאַכט פייער מיט אַ פּאָר שפּענער און פּרוטעס אין דער פּליטע, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן צימער און וואָס איז געווען אַ חלק פונעם גרויסן אויוון וואָס האָט פאַרנומען מער פון אַ פערטל פונעם צימער. זי האָט אַרויף געשטעלט דעם טאָפּ וואַסער, און ער האָט אָנגעהויבן זידן האָט זי אַריינגעוואָרפן אַ ביסל ציקאָריע, אַ פּאָר גראַם קאַווע מיט אַ שאָל מילך, און ס'איז געוואָרן ליכטיק פאַר די אויגן. די פּיקערס האָבן אַריינגעבראַכט די פאַרדאַרטע סעכערס אין די שאָלן און מ'האָט זיך משמח געווען מיטן ערשטן פרישטיק אין דער נייער דירה. דער פאָטער, האָט זיך געמאַכט אַ באַזונדערע קאַווע, זי פילטרירט דורך אַ געדיכט זעקעלע און דערנאָך זיך געלאָזט גיין צו דער אַרבעט.

— הער נאָר, האָט די מאַמע צו אים אָנגערופן, זע, אפשר קאָנסטו באַזאָרגן ווייניקסטן נאָך אַ געלעגער, ס'איז נישט קיין

תכלית די קינדער זאָלן שלאָפֿן אויף דער ערד. זיי קאָנען זיך חלילה פֿארקילן. פֿארגעס נישט אז אין דער דירה זענען נישט פֿאראנען קיין בריקן. זיי זענען געבעד געשלאָפֿן אויף דער הוילער ערד. די פּאָר קאָבריצן וואָס דער באַלעבאָס האָט גע־געבן, זענען גוט נאָר צו פֿארשטעלן טיילווייז די געשפּאָלטענע ערד. ס'קענען זיך נאָך יאָווען ווערם און אנדערע שרצים. ס'איז נישט קיין קלייניקייט. זאָלסט דיר נישט האלטן גרינג! פֿאר אלעמען דארף מען האָבן א געלעגער. ער האָט זי אָנגע־קוקט, געשמייכלט און געזאָגט:

— דארפֿסט נישט האלטן אזא לאַנגע דרשה. איך האָב שוין אליין געקלערט דערצו. כ'האָב אפֿילו געשמועסט מיט נפֿתלי סטאָליער און ער האָט מיר צוגעזאָגט אז ער וועט מאכן פֿאר די קינדער א באנק־בעטל. ער וועט היינט קומען אויסמעסטן, און זען צו דאָס וועט אריין צווישן פֿענצטער און צווישן אויוון. איך האָב אים אויסגעמאָלט אונדזער גרויס צימער... האָט ער פֿארענדיקט, און איז ארויסגעגאנגען. ער איז געגאנגען הינטן ארומער, דורכן הויף, וואָס האָט געהאט א קנאַפּע זעקס מע־טער די ברייט און כמעט צוועלף מעטער די לענג. דאָ אין דעם הויף האָבן זיך אויך געפֿונען די קאמער פֿאר האָלץ, א שטיג, און דער אָפּטריט. פֿון דאנען איז ער דורכגעגאנגען א צווייט הויף און איז ארויס אויף דער ווייבער גאָס. זי איז געווען ווייך ווייל דער פֿאָרער איז געווען טיף און צומאָל איז ער אריבער די שיך. מאָטל איז אים נאָכגעגאנגען, פֿאר די ווייסע־חברהניקעס איז דאָס געווען גאָר א גרויסע מציאה, ווען זיי האָבן געשפּאנט און געשארט דעם הייסן פֿאָרער, מיט די באָרוועסע פֿיס. זיי האָבן זיך דאָ געפֿילט ווי גאָט אין פֿראנקרייך. ס'האָבן גאָרנישט גע־האָלפֿן די פּראָטעסטן פֿון די שכנים און די געשרייען פֿון די מאמעס, זיי זאָלן אָפּטרעטן.

— אוועק! האָט זיך צעשריגן, יונה דער קאָוואַל, וואָס איז געשטאנען און זיך געדונגען מיט א פּויער, וואָס איז געקומען קאָווען די פֿערד. די ווייסע חברהניקעס האָבן זיך ארומגעקוקט, געזען אז נישט ווייט פֿונעם פֿערד, שטייען אנדערע וועגעלעך צו וועלכע ס'זענען געווען צוגעבונדן, א שקאַפּע, א ברוינע, מיט א יונג לאָשיקל דערנעבן, באצירט מיט א רויטער זיידע־

נער באנד, קעגן אן עין־הרע. דאָס פריילעכע לאָשיקל האָט גע־האלטן אין איין הירזשען, די מוטער האָט אויסגעדרייט די מאָרדע, געקוקט און אָנגעטייעט. די ווייסע חברהניקעס האָבן געפונען פאר זיך דאָ דעם שענסטן ספעקטאקל:

ווייל דאָס לאָשיקל מיט די דינגע פלינקע פיסלעך, וואָס איז נישט איינגעשטאנען אויף אן אָרט, אָט איז עס דאָ, אָט איז עס שוין דאָרט, און באלד ווידער דאָ, און די שאָלטיקעס נאָך אים. פלוצים הערט זיך די באסאָווע שטימע פונעם באלעבאָס יונה דער קאָוואל.

— בערל! פארטרייב די שקצים און דאָס לאָשיקל בינד צו צום וואָגן, ביז ס'וועט קומען די ריי צו קאָווען די שקאפע וועט נאָך געדויערן. קודם דארפן מיר קאָווען די פערד וואָס די ליפאָוועגער האָבן געבראכט. נו! וואָס האָסטו ארויסגע־שטעלט די תמעוואטע אויגן? שנעל, אייל זיך צו.

ס'האָט אים גאָרנישט געהאָלפן, בערלען. ער איז נאָכגעלאָפן דעם לאָשיקל, די ווייסע חברה נאָך אים. האָט עס געכאפט און געפירט פונעם מיידאן און עס צוגעבונדן צום וואָגן ווי די מוטער איז געשטאנען און האָט אלעמאָל געהויבן די אייבערשטע ליפ און ארויסגעוויזן א פיסק מיט ציין, וועלכע זענען גרייט געווען אויסצובייסן א שטיק פלייש ביי דעם וואָס האָט געמוטשעט איר לאָשעקל. בערל איז געווען א יאָט וואָס האָט פארשטאנען אן עסק און האָט זיך געשטעלט אין אזא פאָזיציע אז ס'זאָל אים גאָרנישט שאטן. און זי, די שקאפע ווייזט אויס האָט אויך פארגעסן וואָס זי האָט צו טון. זי איז געווען באשעפטיקט מיטן לאָשיקל, עס באקוקט, זיך אָנגעזעטיקט און זיך בארויקט.

שמעון דעם קוטשערס, וואָס איז געווען דאָ אין דער קוזניע, א לערן־יונגל, איז געשטאנען אין ווינקל און געפאָכט דעם בלאָזאק, ארויף און אראָפ, אראָפ און ארויף. דאָס פנים ביי אים איז געווען אויסגעשמירט מיט סאזשע, אויסגעמישט מיט שוויס. ער האָט געקוקט אויף דער ווייסער חברה פון דאָרטן פונעם ווינקל זייגעם און ס'האָט זיך אים אזוי געוואָלט זיין מיט זיי צוזאמען און א שטיף טון. ער מוז אָבער דאָ שטיין הארעווען, ווייל דער באלעבאָס יאָגט:

— וואָס איז, האָסט היינט נישט געגעסן? קוק אים נאָר אָן ווי קוים ער רירט זיך. אנו! זאָל איך דיר ווייזן ווי אזוי דאָס גייט ביי מיר. יונה, דער באַלעבאָס, נעמט ביי אים צו דאָס הענטל פונעם בלאָזאק, און הייבט אָן פאָכן. ביי אים גייט דאָס ווי א זמר. ביי יעדן פאָך אָטעמט ער אויס א שאַרפן בראָנפּן־ריח, וואָס גייט אריין אין די נאָזלעכער פונעם לערן־יונגל שמעון. ביי אים, ביי שמעונען בורטשעט אין בייכל, אינדערפרי האָט ער נישט געהאַט מער ווי א קאַלט שטיק מאַמעליגע, וואָס ער האָט עס נישט געקענט עסן אויפן ניכטערן מאָגן, געוויינ־לעך פלעגט ער אינדערהיים טרונקען א גלעזל טיי, נאָר דאָס מאָל איז נישט געווען אפילו קיין שטיקל צוקער. איז ער גע־קומען גלייך אהער צו דער ארבעט מיט א ניכטערן־מאָגן. ער, שמעון, ווארפט אויף זיין באַלעבאָס א זייטיקן בליק א שאַרפן.

— האָסט געזען ווי ביי מיר פליען די פונקען און וויאזוי דאָס פייער צעבלאָזט זיך? אזוי דאַרף מען ארבעטן!

יונה, גייט צו צו דער קאָוואַדלע. דאָ געפעלט אים אויך נישט ווי ניקאָליי און קאָסטיקע, וואָס זענען נישט לאַנג גע־בראַכט געוואָרן פון זייערע עלטערן פון די נאָענטע דערפער פון די פּאָנטענעלעס און פון בלעזשעסט, כדי דאָ זיך אויסלערנען די מלאָכה. ניקאָליי האָט אויפגעהויבן און אראָפּגעלאָזט דעם גרויסן האַמער אויף דער קאָוואַדלע, און קאָסטיקע דעם קלע־נערן. ער, יונה, האָט געדרייט דאָס אויסגעגליטע אייזן וואָס איז געווען רויט ווי פייער, ארויסגענומען ביי קאָסטיקען דעם גרינגערן האַמער און האָט אויסגעפּאָרמט די פּאָדקאָווע וועלכע מ'וועט באַלד מזכה זיין די שקאַפּע וואָס וואַרט דאָ שוין אזא לאַנגע צייט. זי שטייט און קייעט מיט גרויס הנאה דאָס שמעקנ־דיקע היי וואָס ליגט אין וואָגן.

איצט האָט זיך אָנגעהויבן א גאַנצע קאָמעדיע; די שקאַפּע האָט צו זיך נישט צוגעלאָזט, האָט אָנגעהויבן דריגען מיט די פיס. דער פויער וואָס האָט געקענט די שקאַפּע זיינע האָט גע־ווּסט ווי אזוי מיט איר אומצוגיין. האָט זי אָנגעהויבן גלעטן. די יאַטן האָבן זיך באַלד דערנענטערט, און דער פוס אויף וועלכן מען האָט געדאַרפט אדויפשלאָגן די פּאָדקאָווע איז שוין

געווען אין זייערע הענט, און די ארבעט איז דורך געגאנגען בשלום.

עס איז אָנגעקומען דעם פּויערס ווייב און געזען ווי ער שפּאנט איין די שקאפּע צום וואָגן. זי גייט צו צום לאָשיקל, טוט אים א גלעט, שפּייט אויס א פּאָר מאָל; קיין עין־הרע. פּטוי!

— הער, טעאָדאָר! האָט זי געזאָגט צום פּויער. כ'האָב פארקויפט די אייער, די פּאָר הינער, דאָס ביסל קארטאָפל. קום לאָמיר גיין און קויפן די עטלעכע מעטער סחורה וואָס מיר דארפן האָבן.

— ניין! האָט געענטפערט דער פּויער, מיר וועלן בעסער קויפן א ביסל באַנוול, און דו וועסט מוחל זיין, דאָס אויס־וועבן און ס'וועט ווערן לייוונט, גוטע, פעסטע, אין וועלכע מיר נויטיקן זיך. ווער ווייסט מער פון דיר אז ביי אונדזער שווערע פעלד־ארבעט, ווערט פארברענט דאָס העמד אויף אונדז, און אויב מיר וועלן אוועק געבן דאָס ביסל געלט אויף די פּאר־טיקע סחורות, וואָס זענען אויך נייטיק, וועלן מיר נישט האָבן מיט וואָס ארויסגיין אויף דער ארבעט. מיר קענען זיך איינ־דערווייל באגיין אָן זיי ביז ס'וועט קומען דער הארבסט און דעמאלט וועלן מיר אפשר זיך קאָנען פארגינען דאָס פארגעניגן...

די פּויערטע האָט אויף אים געקוקט, נאָכגעקלערט, און סוף כל סוף מסכים געווען מיט אים.

טעאָדאָר האָט געעפנט דעם טייסטער וואָס ער האָט ארויס־גענומען פונעם גארטל, און באצאָלט. די חברה שאָלטיקעס, האָבן זיך אויפגעכאפּט אויפן וואָגן, זיך געזעצט אויך אויפן דרענגל וואָס האָט ארויסגעשטארצט ביים סוף וואָגן און זיך געלאָזט אין וועג אריין, וואָס איז געווען אזש אויף דער צווייטער גאס...

דער פּויער האָט געזען ווי די שאָלטיקעס האָבן ווי פאר־כאפּט דעם וואָגן, און איז גרייט געווען זיי מכבד זיין מיט עטלעכע שמיץ פון דער בייטש וואָס איז שוין געווען אויסגעדרייט צו זיי, די פּויערטע אָבער האָט אים אָפּגעהאלטן.

— לאָז אָפּ, האָט זי צו אים געזאָגט, ס׳זענען דאָך קינדער, זאָלן זיי האָבן פאַרגעניגן. די פור איז סיי ווי סיי ליידיק און מיר פאָרן דאָך דאָ תיכף אויף דער צווייטער גאס.

ער האָט זי געפאָלגט. אויף די ווייסע־הברהניקעס איז גע־וואָרן א גדולה. דאָס האָט אָבער נישט לאנג געדויערט. ביים ערשטן ראָג האָט דער פויער אויסגעקערעוועט לינקס. געפאָרן א שטיקל וועג, זיך אָפּגעשטעלט ביי דער דרעפּניטשקע,* געקויפט א פּעקל טוטין, גיך ארויסגעקומען און ווייטער געפאָרן. ס׳האָט נישט געדויערט קיין דריי מינוט איז ער אָנגעקומען צו דער קלייט וו מען פארקויפט באנוול.

— אָ, וואָס טוט עפּעס דער גאָספּאָדאר טעאָדאָר, האָט זיך צו אים געווענדט די אַלטע סוחרטע לאה, דאָס פּנים אירס איז געווען פול מיט קנייטשן, אָנגעטון אין א לאנגן, ברייטן שווארצן געפאַלדעוועטן ראָק ביז צו די שיך. די שיך זענען געווען גאנץ פּשוטע, די בלוזע אירע איז אויך געווען פון א ביליק געוואנט אויך א טונקעלע און דער קאָפּ איז געווען איינגעהילט אין א טיכל.

— נו, מיט וואָס קאָנען מיר אייך באדינען, זשופּין טעאָדאָר, האָט זי זיך נאָך א מאָל געווענדט צו אים, מיט אן ערנסט פּנים.

— מאדאמע, איך בין געקומען צו אייך נאָך א ביסל באנוול, גיט מיר פון דעם גוטן סאָרט און מאכט מיר א ביליקן פּרייז. לויט מיין בייטל.

— גוט, האָסט מיר אָבער נישט געזאָגט וואָס פארא נומער, האָט לאה געענטפערט. און טאקע באלד אָנגעהויבן ארויס־שלעפּן פארשיידענע מאָטיקעס.

— דאָס, איז שוין איר ארבעט, אנגלאיאס, זי איז די באלע־באָסטע. זי וועבט, זי ווייסט. אגלאייע! וו ביסט ערגעץ, כ׳זע אז די אויגן דיינע זענען פארכאפּט פון דעם ציטן וואָס ליגט

* אין דער אמאָליקער רומעניע האָבן יידן נישט געהאט קיין פּאָליטישע רעכט, נאָר א גאנץ קליינער צאָל יידן האָבן פאר פּארשיידענע זכותים דאָס יאָ געהאט. זיי האָט מען גערופן דרעפּניקעס. ד. ה. די וואָס האָבן רעכט.

אויף דעם געזועלב־טיש. אנו, ענטפער גיכער וואָס מ׳פרעגט דיך דאָ. די סוחרטע. האָט נישט קיין סך צייט צו פארלירן. ער האָט נישט אזוי נעשאנעוועט דער סוחרטעס צייט, ווי ער האָט געוואָלט זי אָפרייסן פון דאָרט, פון די פּאָליצעס וואָס זענען געווען פול מיט פארשידענע סחורות; ביינוועלענע, וואָלענע און זיידענע. ער האָט געוווסט וואָס ער פארמאָגט. ער ווייסט אז ס׳גייט איר אויס דאָס חיות ווען זי זעט אָט די אלע שיינע זאכן.

— לאָז מיר נאָר א קוק טון. אָט קום איך באלד, האָט אנגלאיע אים געענטפערט.

ווען אבנר האָט אראָפּגענומען א שטיקל סחורה, א זיידנס, וואָס האָט געוואָרפן אין אלערליי פארבן, און האָט דאָס צע־וויקלט אויף זיין האנט און עס געוויזן א קונה וואָס איז דאָרט געשטאנען, האָט זיך אנגליע נישט געקענט רירן פונעם פּלאַץ. „דאָס וואָלט דאָך אזוי גוט געפאסט אירינאן, מיין מיידל, די בלאָנדינע מיט די בלויע אויגן. באלד הייבן זיך אָן די האָרעס אין דאָרף און מיט וואָס וועט זי זיך באווייזן. קיין סך ערד האָט זי נישט, קיין באלעבאטישקייט אויך נישט, זאָל זי אויך קיין קליידל נישט האָבן?” זי איז געווען פארטיפט אין די גע־דאנקען און האָט גאָר פארגעסן אָן אים, אָן טעאָדערן. זי איז געשטאנען און געגאפט.

אבנר, לאהס איידעם, האָט זיין יוגנט פארבראכט אין בית־מדרש, געווען א פרומער, א וויל־לערנער. זיך געפירט חסידיש. א לאנגע העלע באָרד האָט איצט באדעקט זיין פנים. די אויגן זיינע זענען געווען אויך העלע, כמעט וואסערדיקע, אין דער פרייער צייט האָט ער געלערנט ש״ס און פוסקים. גאנץ פרי האָט ער געדאווגט מיטן ערשטן מנין, אין דער בוהושער־קלויז. אין דער קלויז פלעגן דאווגען אמייסטן סוחרים, גיך אָפּלייגן טלית און תפילין און לויפן געשווינד אהיים דאָס הייסט אין געשעפט אריין.

דאָ אין קלייט איז ער געוואָרן א גאנץ אנדערער מענטש, א סוחר משטיינס געזאָגט. ער האָט זיך אָבער אין גאנצן פאר־

לאָזט אויף דער שוויגער, לאה. זי האָט אָבער אים געלערנט הלכות־מסחר און הלכות דרך־ארץ. נאָך א פּאָר חדשים איז ער שוין צוגעוווינט געוואָרן צו דעם נייעם לעבן, צום סוחרישן. שפּעטער מיט א פּאָר יאָר האָט ער אָנגעהויבן באקומען חשק צו געלט, צו כבוד, צו עשירות, דאָס אַלץ וואָס איז אים פריער גאַנץ פרעמד געווען. דאָרט, אין בית־מדרש, האָט ער געלערנט, אז אַלץ איז הבל־הבלים. אַלץ איז א פּרוזדור צום טרקלין! דאָ איז ער אָבער אַלץ מער אריין אין דער מגושמדיקער וועלט. האָט פארגעסן אז אזא בכבודיקער מענטש ווי ער איז, דאַרף נישט, טאָר נישט, אָננעמען די האנט פון אן אשה, איבערהויפּט פון א נכרית... דאָ אין געשעפט שטייט ער די גאַנצע צייט, פארלירט זי סתם אזוי אָן א שום זין. וואָס איז פון אים געוואָרן! ער פארטרייבט די געדאנקען און איז ווידער אריין אין דעם עולם־המסחר, ער דערקענט זיך אַזש נישט. „נישקשה, ער וועט זיך אויסקויפן. ער וועט קענען געבן צדקה. ער וועט לערנען מיט התלהבות, דאַווענען מיט כוונה. גאָט וועט אים מוחל זיין, און היינט דאָס איז דאָך דער סדר־העולם. מען דאַרף קעמפן פאר פרנסה, פארן בני־בית. די שוויגער וועט סוף כל סוף אמאָל מוזן אַוועקגיין אויפן עולם־האמת. ווער־זשע וועט פירן דאָס געשעפט? די ירושה וואָס וועט בלייבן איז נאָר נישט קיין קליינע! א חוץ די דריי הייזער אויף דער גרויסער גאס איז נאָך פאראן מעות־מזומן, און היינט די חובות וואָס די פּויערים און שטאָט־לייט האָבן צו באצאָלן פאר די אויס־געבאָרגטע סחורות. מען מוז אויך זאָרגן וועגןביידע מיידלעך, אמת, זיי זענען נאָך קליין, „מ׳דאַרף שוין פון איצט קלערן אויף נדן, ווו ביי לייטן פירט זיך". בקיצור ער איז געוואָרן אן עולם־הזהניק.

— אַגלייע, וואָס שטייסטו דו און קוקסט, האָסט דיך פאַר־קוקט ווי א קאַלב. קום שוין גיכער און זאָג וואָס פארא באַגוול מיר דאַרפן! לאָמיר נישט פטרן קיין צייט אויף פּוסטע זאַכן. האָסט פארגעסן אז ס׳וואַרט אויף אונדז אינדערהיים א באַרג מיט אַרבעט?

— אָט בין איך דאָ. אַגלייע האָט אָפּגעריסן די אויגן פון דעם ים פארבן און געקוקט אויף די געוועבן פון פארשידענע

מינים און קוואליטעטן וואָס זענען, מיט גרויס געניטשאפט אָנגעוואָרפן געוואָרן און האָט אויך באטראכט די ווייסע מאָטיקעס. זי האָט גענומען א מאָטיק, געשווינד איבערגעציילט די שנורלעך, וואָס יעדעס באזונדער איז געווען אָפּגעטיילט מיט א רויטן פאָדעם, וואָס האָט אָנגעוויזן געגנוי די לענג פון די פעדעם. זי האָט אויף דער גיך אויסגעפּרוווט די שטארקייט זייערע. און זיך אָנגעהויבן דינגען מיט אבנרן, כאָטש יענער איז געשטאנען ווייטער מיט א פּאָר מעטער. ענדלעך זיך פארגלייכט בנוגע דעם פּרייז. ארויסגענומען דאָס קניפּל פונעם בוזעם און באצאָלט. טעאָדאָר איז געווען צופרידן וואָס מ'האָט שוין פארענדיקט און געזאָגט צו דער פויערטע:

היידא, אוןביידע זענען זיי אראָפּגעגאנגען פון דעם גאניק וואָס איז געווען פאר דער קלייט אויף די עטלעכע שטיינערנע טרעפּלעך וואָס זענען דאָרטן געלעגן אין אומאָרדנונג.

בשעת די פּויערים זענען געווען פארנומען מיטן איינקויף האָבן חברה שאָלטיקעס געלעבט א גוטע מינוט. זיי האָבן אָבער דערפילט אז צו זייער שמחה איז געקומען א סוף. וועלן זיי זיך ווידער זען מיטן לאָשיקל וואָס האָט זיך זיי איינגעבאקן אין הארץ? ס'האָט דאָך געשטיפט מיט זיי צוזאמען גלייך ס'וואָלט שוין געווען א מיטגליד אין זייער חברה.

— גענוג, האָט טעאָדאָר געזאָגט אויפהייבנדיק די בייטש אין דער ליפטן. און די חברה האָט פארשטאנען אויפן ווינק און געמאכט פּיס. די פּויערים האָבן זיך אויפגעזעצט. טעאָדאָר האָט מכבד געווען די שקאפּע מיט א שמיצעלע און וויאָ.

נאָר איין חברה-מאן האָט זיך נישט געקאָנט אזוי גרינג געזעגנען מיטן פערד און וועגעלע, און בשעת דאָס וועגעלע האָט געשטאנצט איבערפאָרנדיק די שטיינער וואָס זענען געליגן אויפן שטראָז, איז ער ארויפגעשפּרונגען אויפן אונטערשן דרענגעל. די הענטלעך פארקלערט אָנעם וועגטל פונעם וועגעלע, מיט אויגן פיל מיט פרייד און פּחד האָט ער געקוקט צום פויערס פּלייצע, זיך גערעכט אויף א שמיץ פון דער בייטש. ס'איז אים אָבער געלונגען, ווייל דער פויער איז געווען פארטיפט אין א שמועס מיט דער פויערטע, אכזונג געגעבן נישט איבערפאָרן א הין אָדער א גאנדז וואָס האָבן שפּאצירט מחנות-ווייז אויף

דער גאַס. דער חברה־מאַן איז דורכגעפֿאָרן די גרויסע גאַס, ווען דער פֿויער האָט פֿאַרקערעוועט רעכטס אויף דער יאַטקע־גאַס, האָט דער חברה־מאַן דערזען שמעונען דעם קצב, אים אויף זיין שטייגער באַגריסט. ער האָט אַזוי נישט געמיינט דאָס באַגריסן ווי זיך צו באַווייזן; נאַ, זע, מיט וועמען דו האָסט צו טון, האָסט צו טון נישט מיט קיין פּחדן וואָס שרעקט זיך פֿאַר אַ שמיץ פֿון דער בייטש, דעמלט ווען ס'ווילט זיך אים שפּאַצירן אויף די שטעטלדיקע גאַסן און קען זיך נישט אַזוי גיך באַפֿרייען פֿון זיין ליב לאָשיקל, וואָס לויפֿט ווי אַ מזיקל נאָך דעם וואָגן און דרייט צו אים אויס צומאָל זיין באַהנט מאָרדעלע.

ווען דער פֿויער, טעאָדאָר, האָט איינגעצויגן די לייצעס, און דער וואָגן האָט אָנגעהויבן צו גיין פּאַמעלעכער, האָט דער וויסער־חברהניק, געגעבן זיך אַ לאָז אַראָפּ פֿונעם דרענגל אויף וועלכן ער איז געזעסן, און איז געלאָפֿן אָנהאַלטנדיק זיך אינעם וואָגן, עטלעכע טריט. ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט האָט אים דער פֿאָטער זיינער, פּיוויש דער קוטשער באַגעגנט, אים צוגערופֿן:

— זאָג נאָר, עפּעס אַנדערש האָסטו שוין נישט וואָס צו טון? דו, ליידיקגייער, דו גאָרנישט שבגאָרנישט, וואָס וועט פֿון דיר אויסוואַקסן? און איז צוגעגאַנגען גאַנץ נאָענט און אים אָנגענומען ביים אויער, אויפֿגערעגט געשריגן; אַהיים דו שקאָץ, דו.

מיט אַ אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, גאַנץ פֿאַרשעמט, איז שמעון אַהיים געגאַנגען. ס'האָט אין אים געזאָטן. וואָסזשע, ער טאָר זיך נישט פֿאַרווילן ווען ר'האָט די מעגלעכקייט?

די איבעריקע „שאָלטיקעס“ צווישן זיי אויך מאָטל, האָבן פֿאַרנומען רעכטס, יאַנקו בערל דעם קאָטיוגעניקס, האָט זיי אָפּגעשטעלט:

— לאָמיר אַריין גיין אין דעם הויף, זען די גייע מיל, וואָס איז ערשט אַראָפּגעבראַכט געוואָרן, לאָמיר זען ווי זי זעט אויס.

די „שאָלטיקעס“ האָבן זיך נישט געלאָזט אַ סך בעטן. און מ'איז שוין טאַקע באַלד אַריין אין הויף, וואָס איז געווען פֿול

מיט פּויערים און פּויערטעס, וואָס זענען געקומען מאָלן פּאַפּשויעס און ווייץ.

אינעם מיל־הויף, האָבן זיך די חברה באַגעגנט מיט זייער אַלטן באַקאַנטן אָסמאַן. ער, אָסמאַן איז שוין געווען אַן עלטערער ייד, וואָס האָט נאָך אָנטייל גענומען אין דער מלחמה מיט די טערקן אין פּלעוונע, אין יאָר 1877. מען האָט אים גערופן אָסמאַן נאָכן גענעראַל וואָס האָט אָנגעפירט, זאָגט מען, די טערקישע חילות. קיין באַזונדערע ידיעות וועגן זיין לעבן האָט מען נישט געוווּסט אין שטעטל. דאָס וואָס מען האָט יאָ געוווּסט איז געווען: אַז ער האָט נישט קיין משפּחה, קיין פריינט און אַז ער האַלט זיך אויף ביי איציק בעקער. שלאָפט אויפן אויוון, און באַקומט ביים בעקער אויך אַ פּאָר גראָשן וועגן אַ טרונק בראָנפן, צומאָל אויך אַן אָנבייסן, דערפאַר העלפט ער צו אין דער בעקעריי, און ווי מ'באַדאַרף. איצט וואַרפט ער פלייסיק די זעק מעל אַראָפּ פון די פּלייצעס, לייגט זיי צונויף שורות־ווייז, איינע אויף דער אַנדערער. ער, אָסמאַן האָט נאָך אַ באַשעפטיקונג; אַ פּאָר מאָל איבער דער וואָך, מאַכט ער מאַסאַזשן די מיוחסים וואָס קומען שוויצן אין באָד. ער איז אויך אויף דערויף אַ בריה. קיינער קאָן נישט אַזוי ווי ער אויפּשיטן נאָך אַ קענדרעלע און נאָך אַ קענדרעלע אויף די צעגליטע שטיינער. ווען זיי באַקומען זיין מתּנה, געוואַלדעווען זיי און אַ גערעכטע גראָע פּאַרע, וואָס ווערט אויפדערגיך פאַרוואַנדלעט אין אַ ווייסע כמאַרע בשעת זי פליט דורך דעם פענצטער וואָס באָדט זיך אין די זונען שטראַלן און פּילט אָן די אייבערשטע בענק, אויף וועלכע יידן שמייסן זיך מיט די בעזימלעך.

זיי, די קונדייסים, קאָנען אָסמאַנען גאַנץ גוט, האָבן אים ליב, ווייל ער איז זייער אַ גוטער, חכמהט זיך מיט זיי, זייער אָפט איז ער זיי מכבד מיט צוקערלעך, בשעת דעם טיילן, זעט מען ווי זיין געפאַלדעוועט פאַרמעט־פּנים שמייכלט אינגאַנצן.

אָסמאַן, האָט געזוכט אין די קעשענעס, געטאַפּט, געוואָלט מיט עפּעס מכבד זיין די געסט. ער האָט אָבער גאָרנישט געפונען. ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט פונעם מעל, געכאַפּט דאָס רעקל און געזאָגט:

— חברה קומט!

אלע זענען אים נאָכגעגאַנגען; ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער ערשטער צוקערניע.

— איצט וועט איר ביי מיר טרינקען בראגע. ער האָט זיך געווענדט צום בולגאַר און באַפוילן: 5 גלעזער בראגע! דער טערק באַצאָלט.

דעם בולגאַרס און דעם „טערקס" בליקן האָבן זיך באַגעגנט. די באַשטעלונג איז אויסגעפירט געוואָרן.

ער האָט יעדן באַזונדער געטון א קניפּ אין בעקל, און די חברה איז זיך צעגאַנגען גאַנץ צופרידן.

— איצט קאָנט איר אהיים גיין! שאַלטיקעס וואָס איר זענט!

מאָטל האָט געקלערט ווו זאָל ער גיין; אהיים, צו דער אַזוי-גערופענער אַרבעט אָדער אין קלויז אריין?

„ער מוז זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַשליסן וואָספּאַרא פאַך זיך אויסצולערנען! ס'איז קיין תכלית נישט די צייט צו פאַרלירן".

גייענדיק אַזוי און טראַכטנדיק, האָט ער דערזען ווי דבורהלע די נייטאָרן גייט אריין אין נעטיס קלייט. נעטי האָט געהאַט א מין „אַלגעמיין געשעפט", וווּ מ'האָט געקענט קריגן: שניט-סחורה, גאַלאַנטעריי, קאָנפעקציע, וועש, פון יעדן מין צו ביסלעך. אהער אין דעם געשעפט איז אריין געגאַנגען דבורהלע. זי האָט אָפּגעבראַכט א האַלב טוץ העמדער וואָס זי האָט אויפגענייט אינדערהיים.

מאָטל, געדענקט די היים אירע, די מאַמע זיינע האָט אים אַמאָל מיטגענומען אהין זי זאָל אים נעמען די מאָס און אים מאַכן א העמד וואָס זאָל זיין „אַזוינס ווי אַזעלכס"! ער האָט זיך דערמאָנט ארומגעקוקט — ווען זיי, די מאַמע מיט דבורהלען האָבן זיך משווה געווען — די נאַקעטע ווענט פון דעם ענגן צימערל האָבן צוגעצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט מחמת קיין שום מעבל-שטיק איז אין דערינען נישט געווען, א חוץ די אַלטע ניי-מאַשין, א בענקל אויף וועלכן דבורהלע איז געזעסן און א באַנקבעטל וואָס איז געווען פאַרשפּרייט מיט א שמאַטע-קאָב-ריצל. ווען די מאַמע זיינע האָט אים גערופן מ'זאָל אים נעמען די מאָס, האָט ער געזען נאָר אויף איין אויגנבליק

דבורהלעם בלויע אויגן, וואָס זענען באלד פארדעקט געוואָרן פון די ברעמען וואָס האָבן זיך געשווינד אראָפּגעלאָזט. ער האָט דעמלט געזען דעם דארן און שמאָלן האלדז אירן. די דארע הענט וואָס האָבן אים ארומגענומען דעם האלדז מיטן „צענטי־מעטער" האָבן אים ווי א ברי געטון. ער האָט זיך דעמלט געהידושט: „קאלטע און דארע הענט זאָל בריען?"

די מאמע זינע האָט אים איבערגעשלאָגן דעם געדאנק, ווענדנדיק זיך צו אים:

„כ'זע ווי דו הערסט נאָרגישט וואָס מיר האָבן זיך דאָ אָפּגעשמועסט. מיטוואָך נאָכמיטאָג דארפסטו אהערקומען און אָפּנעמען דאָס העמד!

דעם אנדערן מיטוואָך איז ער געקומען. באצאָלט, גענומען דאָס העמד. דבורהלעם בלויע און מידע אויגן האָבן אים באגלייט. ער געדענקט דאָס זייער גוט.

איך וועל ווארטן ביז זי וועט ארויסקומען האָט ער זיך געטראכט, אינדערוויל זיך שפּאצירט אויפן טראָטואר, אויס־דרייענדיק דאָס פּנים יעדע רגע צו דער טיר.

ער האָט זיך אזוי געדרייט אפשר א האלבע שעה, פארלוירן דאָס געדולד, און אריין אין קלייט זען אויב זי איז דאָרט, צי זי איז שוין אוועקגעגאנגען?

אינעווייניק האָט ער געזען ווי זי שטייט, און דאָס פּעקל ליגט אויף דער ניי־מאשין.

— כ'האָב געוואָלט זען א פּאָר הויזן. זייט אזוי גוט און דערלאנגט מיר אָט יענע מיט די ברוינע שטרייפן, האָט ער געבעטן די פארקויפערן וואָס איז געשטאנען און געטענהט מיט דבורהלען.

— תיכף, האָט זי געזאָגט, און טאקע באלד ארויסגענומען די פארלאנגטע הויזן און זיי אים געוויזן.

בשעת ער האָט באטראכט די הויזן, האָט דבורהלע געפרעגט די פארקויפערן שיינדעלע:

— אפשר וואָלט גלייכער געווען אהיימצוגיין און קומען שפּעטער?

— ניין, חלילה! די מאמע דארף קומען באלד. ווארט נאָך צו א פּאָר מינוט.

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און נעטי, די באַלעבאָסטע האָט געעפנט די טיר. זי איז גיך צוגעקומען צום קונה, צו מאַטלען.

— אָ! א וואָזשנער קונה! האָסט מיטגעבראַכט, געלט אויך צי דולסט סתם א ספּאָדיק?

מאַטל האָט זיך געטראַכט ,,ווער איז דאָס אַנשיקעניש?" ער האָט זי אָנגעקוקט, דערזען א גראָען קאָפּ מיט שיטערע האָר אויף א צעקנייטשטן שטערן. א פּאָר קליינע פינקלענדיקע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן קיין רו נישט, לויפן אהין און צוריק. איידער זי האָט באקומען דעם ענטפער פון מאַטלען, האָט זי אויפגעפּאַקט דאָס פּעקל מיט העמדער. קאָנטראָלירט, און געהייסן דבורהלען נאָך צו וואַרטן א פּאָר מינוט. און צו מאַטלען האָט זי געזאָגט:

— זאָג בעסער צוליב וואָס ביסטו געקומען? קויפן זיכער נישט! און טאקע באלד אים געפרעגט מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך, צי וואָלט ער נישט געוואָלט זיך אויסלערנען א פאך? מחמת די מאמע זיינע האָט איר עפּעס געגעבן אָנצוהערן שוין פון דעם.

מאַטל האָט געגאַפט. זע נאָר ווי זי רוקט זיך אריין צו דיר אין דער נשמה. און פון וואַנען ווייסט זי אז ער איז נישט געקומען קויפן? נעטי, האָט נישט געוואַרט אויף זיין ענטפער און געזאָגט: אויב דו ווילסט קאָנסטו אפילו מאָרגן קומען. טראַכט איבער און ענטפער מיר!

נאָכדעם האָט זי זיך געווענדט צו דבורהלען:

— וואָס וואָלט געווען דו זאָלסט קומען ארבעטן דאָ ביי מיר, א ניי־מאַשין איז פאַראַן, סחורה וועל איך באקומען גענוג פון עם יאַסער סוחר, וואָס האָט מיר צוגעזאָגט אז ער וועט מיך באַזאָרגן מיט וויפל איך וועל דאַרפן.

דבורהלע, האָט לאַנג נישט געטראַכט און געענטפערט אז זי איז מסכים צו ארבעטן דאָ, נאָר זי וויל וויסן וויפל זי וועט באקומען חודשלעך און וויפל שעה אין טאָג דאַרף זי ארבעטן?

— מיר וועלן שוין דורכקומען מיטן לוין, און וואָס אמבע־לאַנגט די ארבעטס־שעהן, איז אינדערוויַיל נאָר אַכט שעה, שפּעטער וועט מען זען אויב דער מאַרק ווען פאַרלאַנגען מער סחורה ווי מיר וועלן קאָנען ליפערן.

צו מאַמלען האָט זי זיך דערנאָך געווענדט:

— נו! האָסטו דיך שוין איבערלייגט צי ס׳דאַרף באַדאַרף ביי דיר געדויערן א יאָר מיט א מיטוואָך?

— איך וועל פּרוּוון, האָט מאַטל געענטפערט.

— פּרוּוו ווייניקער, קום מאָרגן גאַנצפרי!

מאַטל האָט זיך געוווּנדערט און געפרעגט:

— וואָס איז אַזא איילעניש?

— וואָס איז דאָ אַזויפיל צו קלערן? דאַרטן אוז דער היים אָדער און קלויז וועסטו אויסוואַקסן א גרעסערער ליים ווי דאָ? דאָ וועסטו אויסלערנען א פאַך, וואָס גייט אָן אומעטום.

מאַטל איז שולדיק געבליבן אָן ענטפער.

דבורהלע דאָט זיך אַריינגעמישט און געזאָגט:

— קום! וואָס קאָנסטו אָנווערן? וועט דיר נישט לוינען וועסטו זיך אָפּזאָגן.

איך וועל אפשר מאָרגן קומען צו דער אַרבעט, האָט מאַטל געזאָגט.

נאָכדעם וואָס דבורהלע האָט באַקומען דאָס געלט פאַר דער אַרבעט, זענען מאַטל און דבורהלע צוזאַמען אַוועקגעגאַנגען.

א ליכט ווינטל האָט זיך געשפּילט מיט די צעבליטע ביימער. די זונען־שטראַלן האָבן זיך מילד צונויפגעגאָסן מיט די ווייסע בליטן פון די ביימער וואָס זענען נישט ווייט געשטאַנען. זיי האָבן ווי זיי ביידע איינגעלאַדן.

— וואָס וואָלט געווען דבורהלע, מיר זאָלן אַביסל שפּאַצירן?

— איך קאָן מיר אַזא לוקסוס נישט דערלויבן. אויב איך אַרבעט נישט, האָב איך נישט וואָס צו עסן — — — —

מאַטל האָט זי נישט געלאָזט ענדיקן דעם זאַץ:

— ס׳איז אַן עבירה דורך צו לאָזן אַזא שיינעם הערלעכן דרויסן און בלייבן אין שטוב, האָרעווען אָן א שיעור און אָן ערך! לאָמיר גיין! פון מאָרגן אָן וועסטו זיין פאַרקויפט א גאַנצן טאָג און ווער ווייסט וואָס די פּרוי נעמי, וועט נאָך פון דיר פאַרלאַנגען. האָסט דאָך געזען ווי צודרינגלעך זי איז. פאָלג מיך און קום!

— וווהין?

— אַביסל שפּאַצירן.

— אין מיטן העלן טאָג? און צו וואָס?

— סתם אזוי.

— איך האָב קיין צייט נישט, כ'דארף פארענדיקן אן ארבעט.

— וועסטו ענדיקן שפעטער.

— אין א שעה ארום קומט דער קונה.

— זאָל ער ווארטן.

— כ'מוז נאָך היינט באצאָלן דירה־געלט.

— ווי פארעקשנט דו ביסט!

— מיר וועלן זיך מאָרגן זען. איך ווייס נישט וואָס איז אזא אײַלעניש? מאָרגן וועלן אויך בליען די ביימער און אויב מיר וועלן האָבן מזל וועט אויך זיין א שיינער וועטער.

מאָטל איז אוועק אָן א גוטן טאָג.

אז ער איז ארויסגעקומען פונעם בית־מדרש האָבן אים די גאַס־טלעבע זונען־שטראלן באגעגנט יומטובדיק. ער גייט ווייטער. זעט ווי קרעמער שטייען אויף די שוועלן פון זייערע געוועלבער, ארויסקוקנדיק אויף א קונה. ער זעט די פעלערקע וואָס זיצט אויף דעם זעלבן אָרט פאר דער קלייט און שטריקט א זאָק. די שפיזלער פליען איר צווישן די פינגער, גלייך פון זיך אליין. די אויגן ווארפט זי אויף רעכטס און לינקס, נישט דורכצולאָזן א דורכגייער, אפשר איז דאָס פאָרט א קונה. „היינט קוים געמאכט א פאטשעטיק. זאָלן כאָטש געראָטן די פעלן" וואָס דער מאן אירער גארבט זיי דאָרט אונטן ביי די שיפעטעס... ווייטער זעט ער ווי דער „אינגעצאטניק", דער אייז־קרעם פאר־קויפער, שרייט אָן אויפהער „אינגעצאטא" (אייז־קרעם). אָט שטייט דער רויטער צאליק און ווישט און סאָרטירט די עפל. משטיינס געזאָגט עפל, ס'איז מער אָפפאל, אי דאָס פארפלעקטע, טאקע האלב פארפוילטע. דער באלבירער זיצט אינדרויסן און שפילט טאבלעס. הברה קונדייסים שטייען ארום, זעען ווי צדוק מעלער, פארשפילט דעם לעצטן גראָשן וואָס ער האָט די נאכט פארדינט ביי דעם קרומען אדוואָקאט ווען צימערלער ער האָט געמאָלן. דער ריח פון זיסעם פרישער פאסטראמע פילט זיך אויף דער גאס. ער, זיסע, שטייט און סאָרטירט די מאסלי־נעס וואָס זענען גרויס ווי די פלוימען. ווינטן, גייט דורך ווי זיין שטיינער איז אין דער נאָכמיטאָג־שעה אין קרעטשמע, זיסע

הויבט דעם הוט, באגריסט דעם פריץ, ער איז כמעט זיכער אז דער פריץ וועט זיך אָפּשטעלן און וועט אים געבן צולייזן.

— פריץ־לעבן! כ׳האָב היינט א פּאסטראמע, וואָס די וועלט האָט נאָך אזעלכס נישט געזען. ער כאַפּט געשווינד דאָס לאנגע און שארפע מעסער, שנייט אָפּ א שטיקעלע פון וועלכן עס יאָגט נאָך די פּארע. ביטע, פּאַרזוכט. עס איז טעם גן־עדן.

דער לאנגער ווינטו, זאָגט זיך נישט אָפּ פון אזא פארגעניגן. טוט אים צוליב, שמאַטשקעט מיט די ליפּן.

ס׳איז טאקע א מחיה, זאָגט ער.

— וויפל זאָלן מיר איך אָפּוועגן פריץ לעב.

— וועג אָפּ א האלבע קילאָ, זיסע.

זיסע, קלויבט אוים א פעט שטיק פּאסטראמע, שנײַד גיך, גיך, דינע רעפּטלעך, פּאקט איין, און דערלאנגט דעם פּאקעט דעם פריץ.

— ביטע זייער, עסט זי געזונטערהייט.

— וויפל קאָסט? פרעגט דער פריץ ווינטו!

— צװאנציק ליי, האָט העפלעך, זיסע געענטפערט.

— שרייב אריין אין בוך!

זיסע קוקט אים אָן און טראכט: „וואָס כ׳האָב געחלומט די נאכט אין יענע נאכט...‟ ער נויגט זיך פאר אים און זאָגט מיט א האלב מויל: נישקשה, נישקשה.

— פּאק נאָך איין א האלבע קילאָ מאסלינעס און א פערטל קילאָ שאָקאָלאד.

זיסע, קוקט אויף די פּאָליצעס, קוקט אריין אין קעסטל און נעמט זיך שקראבען. ער האָט קוים צוגויף גענומען די קוואנטיטעט וואָס דער פריץ האָט אים פארלאנגט. פון מאסלינעס זענען אים געבליבן אפשר נאָך א האלבע קילאָ. ער טראכט זיך „כ׳בלייב אָן געלט און אָן סחורה. א ברירה האָב איך? טאָמער זאָג איך אים אָפּ בין איך א פארפאלענער. ער קאָן מיך נאָך פאראומגליקן, מיר פּראָטעסטירן דאָס וועקסעלע וואָס איך דארף אים סילוקן דעם פּיפּצנטן‟. ער האָט נישט פארשטאנען אז סוף כל סוף וועט ער דאָס נישט אויסמיידן. ער האָט נישט באמערקט ווי דער באנק־דירעקטאָר ווינטו, האָט געקוקט אין אלע ווינקלען, בשעת ער זיסע, האָט געזוכט די סחורה און האָט

געזען ווי דער דלות פּיפּט אין די ליידיקע פּאַליצעס און אין די ליידיקע זעק. ווינטו, האָט זיך געקלערט, מילא, דעם פּיצטן וועט ער אים נאָך פּראָלאָנגירן דעם טערמין. שפּעטער אָבער, וועט ער אים געבן דעם לעצטן צו ביים שטריקל... אײ, ס'איז נישט שיין אַזוי זיך אויפצופירן. ס'איז אָבער געזונט. און היינט טאָקע פאַר אים, פאַר זיסען וועט דאָס אויך זיין א ישועה, וויפל איז שייך ער זאָל זיך מוטשען? ער ווייסט דען נישט אַז דער סוף מוז קומען און אַז ער וועט דעם באַנקראָט נישט קענען אויסמיידן?

— פאַרשרייב אויף מיין קאָנטאָ, האָט דער צווייטעטערדיקער ווינטו, מעשה באַלעבאָס, געזאָגט.

זיסע, האָט אים נאָכגעקוקט, און געטראַכט נישט נאָר וואָס ער האָט נישט געדאַנקט, נאָר ער האָט אפילו קיין גוטן טאָג נישט געזאָגט. אַזאַ פאַרשווין!

— א גוטן. וואָס טוט איר פעטער זיסע? האָט מאָטל וואָס איז געשטאַנען און זיך צוגעקוקט, געפרעגט. — ער איז אַהער געקומען אָפּרוען דעם מוח זיינעם. זיך געוואָלט אַרויסרייסן א ביסל פונעם עולם־הדמיון. עס האָט אים אָבער באַלד באַנגעטון אויפן פריערדיקן באַשלוס, איז דען דער מענטש נישט גליקלעך ווען ער שפּאַצירט אין דער געדאַנקען־וועלט, וועלכע די פריערדיקע דורות האָבן פאַר אים געשאַפן? ער האָט אפילו נישט באַמערקט די אומגליקלעכע העזיות, וואָס דער פעטער זיסע האָט געמאַכט, נאָכדעם וואָס זיין „ליבער“ קונה איז אַוועק, און נישט געהערט דעם געוויינלעכן ענטפער פונעם פעטער זיסע: וואָס זאָל איך טון? זאָלן שוין מיינע שונאים אַזוי טון. כ'שטיי און וואַרט אויפן סוף אויף מיינעם. כ'זאָל כאָטש אָפּקומען מיט א פשוטן באַנקראָט.

— וואָס הייסט א פשוטער באַנקראָט? האָט מאָטל געפרעגט.

— וואָס פאַרא יאָלד דו ביסט. ס'זענען פאַראַן צווייערליי באַנקראָטן! א פשוטער און א פאַרברעכערישער. טאָמער שפּילט מען מיר צו דעם צווייטן, דאָס הייסט דעם פאַרברעכערישן, איז פאַר מיר אָפן די תפיסה. און אויב דאָס גליק וועט מיר צושפּילן און מען וועט מיך דערקלערן סתם באַנקראָט, דעמלט וועל איך נישט זיצן אין חד־גדיא, אָבער שוין נישט מער

קאָנען פירן קיין געשעפט אויף מיין נאָמען, ביז כ'וועל נישט באַצאָלן די חובות מיינע. פאַרשטייסטו שוין דעם חילוק?

— פעטער זיסע, כ'בעט אייך זייער, גיט מיר צו פאַרשטיין, וויאַזוי איז מעגלעך אַז אַזאַ ערלעכער מענטש ווי איר זאָלט באַנקראָטירן?

— איר האָט טאַקע קיין אייגן געלט נישט געהאַט. איר האָט געליגן דאָס קאַפּיטאַל אין דער באַנק. דאָס האָב איך געהערט ווען כ'בין געווען ביי אייך אין א שבת צו נאַכט, נאָך הבדלה. איר אָבער, ווייס איך אויף געוויס, אַז איר זענט נישט קיין אויסברענגער. און דאָס קליינטל אייערס איז געגאַנגען גאַנץ נישקשהדיק. די קונים האָבן געלויבט אייער סחורה און אייער אַרט באַדינען איז זיי אויך געפעלן. וועלכע־זשע איז די סבה פון דעם פאַרשטייענדיקן אומגליק?

— דער בית־מדרש־בחור שמעקט פון דיר, האָט זיסע אים געענטפערט מיט א בייזער. דו מיינסט אַז אַלץ גייט אַזוי גלאַט, מען באָרגט זיך געלט, מען דינגט א טיר צו דער גאַס, מען ברענגט סחורה און אַלץ גייט כסדר! צום אָנהייב בין איך אויך געווען אַזוי נאַיוו ווי דו. דיווירקלעכקייט איז אָבער גאַנץ אַנדערש. און כדי דו זאָלסט פאַרשטיין וועל איך דיר דאָס אויסטייטשן אויף קליין געלט: קודם כל האָב איך געליגן די עלטע טווינטער, באַצאָלט אָפּטרעט־געלט פאַרן קלעטל, די פּראָצענטניקעס האָבן מיר באַלד אָפּגעצויגן פאַר די ערשטע דריי חדשים פּראָצענט. פאַר דירה־געלט האָב איך אויך א שיינע סומע געמוזט באַצאָלן, דערנאָך איינריכטונג; פּאָליצעס, טיש־לאָדנס, געוויכט, וואָג און פאַרשידענע אַנדערע שפּעזן האָבן מיר אויפגעפרעסן א היפּשע סומע פון עם קאַפּיטאַל און מיינסט אַז דו ביסט פאַרטיק. אייל דיך נישט. ס'האָט זיך אָנגעהויבן א סדרה, פּערטשעפּטאַר, אינספּעקטאָר, אויבער־אינספּעקטאָר, דערנאָך סאַניטאַרע־איינריכטונגען, איז ווידער אַמאָל און אָבער א מאָל דאָקטער, געהילף־דאָקטער, נאָכאַמאָל אינספּעקטאָר. דערנאָך די פּרימאַריע מיט אירע באַאַמטן. כמעט יעדן טאָג זענען געקומען אַנדערע מלאכי־חבלה און האָבן געצאַפּט. דער גרעסטער צאַפּער איז אָבער געווען דאָס פּראָצענט, און דו ווייסט גאַנץ גוט אַז איך פלעג צאָלן דריי פּראָצענט א חודש.

דו האָסטו דאָס געהערט און צומאָל אויך געזען ווען די גראָבע רחל פלעגט קומען יעדן חודש נאָכן פּראָצענט. אוי, דאָס פּראָצענט, דאָס פּראָצענט, עס פרעסט דיך אויף. עס צאַפּט באַטאָג און באַנאַכט, און גייט אָן אויפהער. דאָס איז נאָר נישט אַלץ. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן א סעריע באַקשישן. פאר זיי האָט מען געדאַרפט האָבן א באַזונדערן בודזשעט. ווי די פּיאַווקעס זענען זיי געקומען. מען האָט פון זיי זיך נישט געקאָנט אָפּפּטרן. טאָמער נישט, איז דיר פאַרגעשטאַנען פאַרשיידענע פּראָצעסן. אַזוי אַז מ׳האָט זיי געמוזט מטמא זיין. אַזוי איז דאָס געגאַנגען וואָד א״ין וואָר אויס. און דאָס קאַפּיטאַל האָט זיך אַלץ געמינדערט.

און היינט דאָס געבן אויף באָרג, דאָס איז געווען א צרה שלא כתובה בתורה. דאָס האָט געהייסן, אַז מען באָרגט און מען ווייס באַצאָלן באַלד ווען מען וועט באַקומען דעם חודש־לוין. און ווען ס׳איז געקומען צום צאָלן, האָבן אָנגעהויבן רינען תירוצים; דאָס ווייב איז קראַנק געוואָרן, דעם צווייטן חודש האָט מען באַדאַרפט קויפן ביכער פאר די קינדער וואָס גייען אין שול אָדער שיקן דעם סטודענט וואָס לערנט אין יאַס. באַלד איז מען געוואָרן א „נאַש״ *, אָדער ס׳האָט זיך געטראָפן אן אומגליק אין דער משפּחה, נישט פאַר קיינעם געזאָגט געוואָרן, ס׳האָט זיך עמיצער געפעלט, אָדער ס׳איז אין א גוטער שעה געבוירן געוואָרן א זונדעלע, און היינט פאַרשידענע חגאות. האַלץ דאַרף מען, ס׳קומט אָן דער ווינטער און מען קאָן נישט לאָזן קינדער פרירן, א. א. וו. אָט אַזוי איז אויסגעלײדיקט געוואָרן דאָס קלעטל. איך בין געבליבן אָן סחורה און אָן געלט. ווי איז מיר און ווינד. כ׳בין נאָך יונג און מ׳ין צוקונפט איז שוין א פאַרשפּילטע!

מאָטל האָט אויף אים די גאַנצע צייט געקוקט און געקלערט: א גאַנץ רחמנות אויף זיי, אויף די סוחרים נעבעך. זיי עסן און קרעכצן. וואָס פעלט לאָהן די שוחטקע? זי איז אָנגעשטאָפּט מיט געלט ווי קורח. האָט זיך גענומען פאר אז א״ידעם א ייד א למדן פאר איר טאָכטער מיטן פאַרמעטן פּנים,

---

* נאַש — אונטערפירער — קוואַטער

א פּאַרזענליש. היינט האָט זי שוין גרויסע אייניקלעך, גייען אָנגעטאָן בגדי־מלכות. אויסגעגעבן א טאָכטער און איר געגעבן נדן אין די טויזנטער. איר קלייט איז אָנגעשפּיקעוועט מיט אַלערליי פיינע סחורות. און זי איז דען איינע, וויפל סוחרים זענען פאַראַן וואָס האָבן אָפּגעשפּאָרט פונעם מסחר גרויסע פאַרמעגנס. ער אָבער זיסע, איז טאַקע אַן אומגליקלעכער.

יאָ, וואָס־זשע וועט זיין דער תכלית? איז מאָשלען ווידער אויפגעקומען אויפן געדאַנק. ביז וואַנען איז שייך זיך צו פאַר־טאָן אין עולמות. ס׳איז טאַקע ווויל און פיין צו זיצן על התורה ועל העבודה. דאָס וואָכעדיקע לעבן האָט טאַקע קיין זין, קיין פאַרב נישט. אַלץ איז פּוסט, גרוי. וואָס פאַרשטייען זיי, וואָס פילן זיי די עולם־הזהניקעס, וואָס ס׳הייסט גייסטיקע הנאָה, א ניצוץ פון אייביקייט? דאָך איז „די וועלט אויך א וועלט“, און מ׳דאַרף נישט זיין קיין חסיד שוטה! די אַנדערע וואָך וועל איך פּרוּוון זיך אַריינלאָזן אין גשמיות, טאַקע נישט נאָכגעבן דעם יצר־הרע. מ׳מוז דאָך גיין בדרך האנשים.

* * *

די אַנדערע וואָך האָט באַקומען א פּאָסטן אויף וועלכן ער איז אָפּגעוועזן עטלעכע יאָר. אין דער פרייער צייט האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט לייענען ביכער. דאָס מאָל שוין נישט קיין הייליקע. און ווען ער האָט שוין יאָ אַמאָל גענומען א ספר אין דער האַנט אַריין, און האָט אין אים אַריינגעקוקט האָט ער שוין גאַנץ אַנדערש באַנומען דאָס געשריבענע. ער האָט שוין געהאַט א קריטישן חוש וואָס ער האָט באַקומען לייענענדיק און הערנדיק אָפּהאַנדלונגען; בנוגע געשיכטע, בנוגע וועלט־אינטע־רעסן, און פאַרשידענע זאַכן וואָס זענען א פּועל־יוצא פון די סאָציאַל־עקאָנאָמישע סבות.

דער קאָפּ זיינער איז געווען פול מיט פּראָבלעמען. אמת, ס׳איז א גרויסער מהלך פון וואַנען ער איז אַוועק. אָבער נישט אַלע פראַגן וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף דעם לאַנגן זיגזאַגישן וועג זענען פאַר אים קלאָר געוואָרן.

אין די דרייסיקער יאָרן איז ער געקומען קיין בוקאַרעשט. דאָ האָט ער געקלערט וועט ער זיך באַקענען מיט פאַרגעשרי־

טענע חברים, מער באַזאָרגטע אין די קולטור־געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע ענינים, וואָס האָבן אים געמוטשעט אויף וועלכע ער האָט יאָ און נישט געהאַט קיין קלאָרע תשובות.

ס'זאָגט זיך גאָר אַזוי „אָנגעקומען אין דער הויפּשטאָט". וויפל ער האָט געהאַט איבערצוקלערן ביז וואַנען ער האָט דאָס פאַרווירקלעכט. ערשטנס, ווי אַזוי שיידט מען זיך אָפּ פון דער געטרייער און אויסגעמוטשעטער מאַמע? ווער וועט השגחה געבן אויף דער שוועסטער, וואָס איז אַזאַ גוראָטן מיידל. ווער? וועט איר ארויסהעלפן, אַז אירע גוטע מעלות זאָלן דאָ אין קליינעם שטעטל נישט גיין צו גרונט? קיין נדן איז נישטאָ אָנגעגרייט פאַר איר. קיין פּראָפעסיע האָט זי נישט. וואָס וועט זיין איר תכלית? און וואָס וועט זיין אויב דער פאָטער אירער וועט זי זוכן צו פאַרשלייערן מיט וועמען ס'איז, אַבי אָראָפּצופּונעמען אַן עול פונעם קאָפּ? איז לייטיש אַזוי זיך אויפצופירן? אַזוי האָט האָט מאָטל געטראַכט גאַנצע טעג און נעכט, כאָטש ביי אים איז געווען קלאָר, און ער האָט טאַקע מיט זיין טייערע שוועסטערל זיך איינפאַרשטאַנען; אַז זי זאָל זיך אויסלערנען אַ מלאָכה. ער, מאָטל, האָט טאַקע וועגן דעם גערעדט מיט זיין יוגנט־חבר וואָס האָט התונה געהאַט מיט דער דענטיסטקע וועלכע איז נישט לאַנג אַראָפּגעקומען אין שטעטל און האָט אויף גיך זיך דערוואָרבן אַ גוטן נאָמען. אין אַ גוטער שעה, האָט זי, דאָס שוועסטערל זיינס אָנגעהויבן אַרבעטן. זי האָט צוביסלעך אָנגעהויבן כאַפּן די מלאָכה. האָט זיך געשניטן אויף אַ מייסטערן. אַזוי ווי די דענטיסטקע פלעגט זאָגן. און די מאַמע? דאָס איז טאַקע געווען אַ גרויסער פּראָבלעם. ער, דער מאַן אירער, דאָס הייסט מאָטעלס פאָטער, וועט איר דאָס לעבן מאַכן נאָך שווערער און נאָך אומעטיקער ווי עס איז. איצט ווען ער, מאָטל איז נאָך אינדערהיים איז איר אויך נישט גוט. דער מאַן אירער, שטעכט איר די אויגן! „קוק נאָר אָן דעם תכשיט דיינעם וואָס האָסט אויסגעכאָוועט. נישט צו גאָט און נישט צו לייט. כ'האָב געמיינט אַז ער וועט זיין „דער" וואָס וועט מיין נאָמען ווייטער טראָגן מיט כבוד און דרך־ארץ. וויפל האָב איך נישט אויסגעבראַכט כוח און צייט. קינדווייז, אים אויפגעוועקט גאַנץ פרי צומאָל דריי אַ זייגער באַנאַכט. און ווי אויף צו להכעיס, אַ

קעפל האָט ער געהאט דווקא א גוטס. האָט גיך אויפגעכאַפּט דעם געדאַנק, זיך נישט געדאַרפט מיט אים מוטשען. דאַקעגן, דער ברודער זײַנער, וואָס האָט נישט געהאַט אַזאַ שאַרפן קאָפּ איז געוואָרן אַ ליט. ער איז טאַקע נישט געוואָרן אַ רב ווי איך האָב געוואָלט, איז ער כאָטש אַ לערער. כ'האָב אים חתונה געמאַכט מיט אַ רבנישער טאָכטער. ער האָט גענומען אַ שיינעם נדן, די מיוחסדיקע משפּחה איז מיר צום האַרץ. און פון דעם וואָס איז געוואָרן?... ער איז דאָך ערגער פון אַ משומד, כ'נעם זיך פון אים אָן נאָר מיט בושות. ווער קומט נישט אין שול אַרײַן? ער! ווער דאַוונט נישט! ער! ווער פרעסט זיך אָן מיט טרפות? ער! וועל כולם; אפילו ראש-השנה און יום-כיפור זעט מען זײַן פּוס נישט אַרײַנטרעטן אין אַ שול אָדער אין אַ בית-מדרש. אַזאַ חילול-השם. דער רוח ווייסט אים וואָס ער קלערט זיך דאָרט. זעט ער דען נישט אַז ס'ועט זיך מיט אים נישט גוט ענדיקן. ער מיינט אַז מען קען נישט זײַנע גענג. ער איז אַראָפּ פונעם גלײַכן וועג. ליטווישע מענטשן ווילן מיט אים נישט האָבן קיין שום מגע ומשא. וואָס וועט זײַן פון אים פונעם תכשיט דײַנעם? צו קיין ליטווישן שידוך וועט ער קיינמאָל נישט קומען! ווער דאַרף עס האָבן אַ בחור וואָס איז אַראָפּ פונעם דרך-הישר, אַזעלכן וואָס קומט אַהיים שפּעט באַנאַכט. קיינער ווייסט נישט וווּ זײַן געבײַן ווערט אַהינגעקומען. מען גיוכעט אים שוין לאַנג נאָך. ער מיינט אַז ס'וועט אים גײַן אַזוי. אַז לית דין ולית דיין, מ'האָט שוין געזען גרעסערע ליט פון אים וואָס זענען אַרײַנגעפאַלן און זענען מער קיין ליט נישט געווען. וואָס קלערט ער זיך וואָס? אַז איך וועל אַרײַנרייסן וועלטן אים אַרויסצושלעפּן, זאָל ער זיך דאָס אַרויסשלאָגן פונעם קאָפּ. נישט כ'וועל עס טון, נישט מען וועט מיך הערן. זאָג אים. דיך הערט ער דאָך צומאָל. זאָג אים אַז שוין „כלו כל הקיצין". זאָל ער טון וואָס ער וויל. ער איז שוין סײַ ווי אַ פאַרלוירענער פאַר מײַן משפּחה. זאָל ער כאָטש אונדז נישט באַשמוצן רחמנא-לצלן מיט תפיסה. נאָך דאָס פעלט אונדז, צו האָבן אַ פאַרברעכער אין דער משפּחה".

ווען ער איז געווען אינדערהיים האָט ער, מאָטל ווייטער געטראַכט, איז איר, דער מאַמען זיינער, געווען גרינגער, ער האָט איר צוגעהאָלפן וויפל מאָל ס'איז געווען מעגלעך. און זי האָט אים — טאַקע מיט א צעבראָכן האַרץ — מוחל געווען אויף די אַלע עבירות וואָס דער פאָטער, האָט איר פאַרגעוואָרפן. זי האָט געוווסט אַז מאָטל איז נישט קיין פאַרבּרעכער, האָט געפילט אַז עפּעס טוט זיך אָפּ אין זיין וועזן. וויפל מאָל האָט זי אים נישט אויסגעפאָרשט מיט גוטן און צומאָל אפילו מיט א בייזער: וואָס-זשע דער טאַטע דיינער איז משוגע? ער וויל נישט דיין גוטס? ער איז דיינער א שונא? ס'טוט אים ווי דאָס האַרץ ווען ער זעט, אַז אַזויפיל נישט געראָטענע בחורים האָבן עס גוט געמאַכט, און זיינער, איז נישט קיין לייט. זונעניו, פלעג זי צו אים זאָגן, טראַכט גוט איבער וואָס דו טוסט, ביסט נאָר יונג, קאָנסט גרייזן. האָב רחמנות אויף דיינע יונגע יאָרן.

מאָטל האָט געזען אַז עס כאַפּט זי אַרום א מורא, אַז ס'איז א סכנה ער זאָל זי ווייטער לאָזן רעדן. האָט ער זי אַרומגעכאַפּט, זי געקושט און געזאָגט: מאַמעניו, דו ביסט וויט אַוועק, דו קאָנסט מיך נישט פאַרשטיין. זיי זיכער אַז איך בין נישט אַראָפּגעגאַנגען און גיי נישט אַראָפּ פונעם דרך-הישר. דער חילוק פון מיר צו אייך איז נאָר אין אָפּשאַצן, וואָס ביי מיר הייסט גלייך הייסט ביי איך קרום. זיי זיכער אַז אינגיכן וועט דאָס לעבן אונדז אויסגלייכן. ס'זענען נישט פאַראַן קיין צוויי אמתן. נאָר איינער, מאַמע טייערע. זיי זיכער, מאַמע, זיי זיכער.

— גיב מיר אויך צו פאַרשטיין, לעבן מיינס, וואָס-זשע אַזאַ פאַרשטאָפּטער קאָפּ בין איך? האָט זי זיך צו אים געבעטן.

— ס'איז שווער צו געבן צו פאַרשטיין, מאַמע טייערע. איך אַליין האָב מיך געמוטשעט גענוג ביז איך בין געקומען צו דעם אויספיר אַז דאָס לעבן אין וועלכן מיר לעבן, דער אופן ווי אַזוי עס איז איינגעאָרדנט איז נישט ריכטיק. וואָס מיינסטו, אַז ביי מיר זענען אָפּגעטייט געוואָרן די משפחה-געפילן, אַז איך פיל נישט מיט, מיטן טאַטן? כ'ווייס אַז ס'טוט אים וויי. נישט נאָר איינמאָל האָבן מיר צווישן זיך גערהאַט שמועסן. איך האָב אים נישט געקאָנט איבערצייגן, אַז דער דרך אויף וועלכן

איך גיי איז דער ריכטיקער. ער איז א צוריקגעשטאנענער. ס'שוט מיר באנג וואָס דער רים צווישן מיר און אים איז אזוי גרוים. לײדער קאָן איך דערצו גאָרנישט טון. איך וועל נישט מוותר זיין אויף מיין נייעם וועלט־באנעם, וואָס וועט סוף כל סוף באהערשן די וועלט. נאָך דיר מאמע, גייט מיר אוים דאָס הארץ. כ'בין צו דיר צוגעקניפּט מיט טויזנטער פעדים. כ'ווייס אז דו האָסט א גוט הארץ און א פלאטערדיקע נשמה, דו געהערסט אָבער נאָך צום אלטן דור צו וועלכן ביסט צוגעקאָוועט. די נשמה דיינע האָט אָבער פליגל און וויל פליען. זיי ווערן אָבער אָנמעכטיק ווען דו דערמאָנסט זיך אין דער משפּחה אין דעם הויזגעזינד. איך מוז גיין אהין וווּ מיין געוויסן דיקטירט מיר. איך וועל נאָך דאָ זיין א קורצע צייט. אינגיכן וועל איך אוועק. זאָלסט דיר קיין יסורים נישט מאכן דערפון, עס איז נישט דער ערשטער פאל ווען קינדער פאָרן אוועק. און זעלבסט פארשטענדלעך, אז עס איז נישט אויף א לאנגער צייט.

בשעת ער האָט גערעדט מיט דער מוטער איז די שוועסטער געווען אין דעם צווייטן צימער ווו זי האָט זיך אויסגעפרעסט דאָס קלײדל, וואָס זי דארף מאָרגן אָנטון. זי האָט אָפּגעלאָזט דאָס פּרעסל פון דער האנט, און איז געשווינד אריינגעקומען, די הענט איינגעשטעקט אין די קעשענעס פונעם ווייסן כאלאט וואָס זי איז געגאנגען אָנגעטון און האָט מיט תערומות א פרעג געטון:

— ס'האלט שוין אזוי ווייט, און פאר מיר האלט איר א סוד? מיך גייט נישט אָן דאָס גאנצע? וואָס בין איך וואָס! א קינד?

— ניין, טייערינקע, האָט זי מאָטל צוגעצוינגן צו זיך, און איר אויסגעקושט די צוויי שווארצע גליענדיקע אויגן. מיר וועלן נאָך רעדן דעריבער. מיט דיר איז דער ענין א סך גרינגער. דו ביסט שוין א זעלבסטשטענדיקער מענטש. באלד ווערסטו א צייטשעכניקערן, ווער וועט צו דיר זיין גלייך? וועסט נישט דארפן אָנקומען נישט צום טאטן און נישט צו אנדערע. וועסט לעבן פון אייגענער פראצע. און... וועסט דיר אויסקלויבן א בחור וועלכן דיין הארץ וועט גלוסטן.

— לאָמיר אָפּ מיט דיינע שיינע ריידעלעך. מיר וועסטו נישט פארעדן די ציין, האָט זי געענטפערט בשעת איר פּנים האָט געפלאַמט.

— כ'רעד פּשוטע רייד. וואָס איז דאָ נישט צום פארשטיין, האָט מאָטל מיט ליבשאַפט געזאָגט.

— נאָר וויאַזוי פּשוט! האָט זי געזאָגט, מיט אַן אראָפּגע־לאָזטן קאָפּ.

— ס'איז פּשוט און פּראָסט. א פּראָסטער איין און דרייסיק.

— ביי דיר איז אלץ פּשוט. טאָמער איז ביי דיר אין קאָפּ אלץ גלאַט, מיינסטו אז די אלע פון ארום, וועלן זיך אויפירן אזוי ווי דו האָסט דיר פאָרגעשטעלט. ביי דיר איז שוין די וועלט אן אנדערע, אזעלכע וואָס דו האָסט זי אויסגעבענקט. עהע! ס'וועט נאָך זיין צו זינגען און צו זאָגן. גלייך ווי דו ווייסט נישט? דו מאכסט זיך געפּגרט. ווילסט אונדז טרייסטן. ווער ס'קען דיך נישט. איך בין אויף דיר א מבין.

מיט א שטעל וואָס ווערט אלץ מער פעסטער, האסטיקער, ווענדט זי זיך צו איר ברודער:

— דו זאָלסט דאָ נישט שפּילן דעם דבוק, דו לאָזט דאָ איבער א קראנקן טאטן מיט א צעשרויפטער מאמע. דו ווילסט דיר גיין דיין וועג. און ס'ארט דיך נישט, וואָס מיט אונדז דאָ וועט געשען. ווילסט נאָר נאָכגיין נאָך דיין ווילן, דו ביסט שוין זיכער, אז דיין וועג איז דער בעסטער? און אפילו יאָ, ביסטו זיכער אז דו וועסט קאָנען אויסהאלטן די אלע ענוים וואָס וואַרטן אויף דיר? ביסט זיכער אז דו ביסט אזוי שטארק. לאָמיר זאָגן אז יאָ, אז וועסט בייקומען, וועסט אויסהאלטן. ווי אזוי וועסטו אויסהאלטן אז דיין פאָטער זאָל זיך אין בעסטן פאל פילן א דערשלאָגענער, אן איבעריקער אויף דער וועלט? איך האָב אָבער מורא אז ער וועט דאָס נישט איבערטראָגן. זיין שוואך הארץ קאָן זיך חלילה אָפּשטעלן. ווער ווייסט דען מער פון דיר וואָס פארא שוואך הארץ ער האָט. דו ביסט דאָך געווען מיט אים ביים יאסער פּראָפעסאָר, דעמלט ווען ער איז געוואָר געוואָרן אז דו דאַוונסט מער נישט און איז געפאלן חלשות. מען האָט אים דעמלט קוים דערמינטערט, און דער פּראָפעסאָר, האָט אים פארשריבן א שטרענגע דיעטע, כ'מיין

אז דו געדענקסט דאָס זייער גוט? און אַלץ איז ביי דיר רעכט. אַלץ קאָנסט דו דיר פאָרשטעלן, נאָר אז דו וועסט זיין דיין טאטנס מערדער, דערויף סטייעט דיר נישט די פאנטאזיע? מ'קאָן נישט זאָגן, אז די ביכער דיינע האָבן פון דיר נישט געמאכט א לייט. אזא יאָר אויף אונדזערע שונאים.

— בראָנטשע, האָסט הייגט גערעדט פאר פייער און פאר וואסער. כ'בין דיר מוחל, ווייל כ'ווייס ווי דו ביסט צוגעבונדן צו דער משפחה, וואָס האָט אזויפיל געקעמפט, געליטן, געארבעט פאר איר עקזיסטענץ. דאָס איז זיכער איינע פון די גרעסטע מעלות, מ'קאָן דאָס נישט אָפּלייקענען. ס'איז אָבער פאראן נאָך העכערס צו וועלכן דו, מיין טייער און מיין ליב שוועסטערל, וואָס כ'האָב דיך ליבער ווי מיין אייגן לעבן, האָסט זיך נאָך נישט אויפגעהויבן. זאָלסט נישט מיינען אז כ'זאָג דאָס מיט שטאָלץ. און ווייל דיר ארויסווייזן אז איך שטיי העכער פון אייך. ניין, און ווידער אמאָל ניין, דער אונטערשייד פון מיר ביז צו אייך באשטייט דערין וואָס איך האָב געהאט די געלעגנהייט צו שטודירן די אנטשטייונג פון דער מענטשהייט, די אנטוויקלונג, די קאָנטראסטן, די קאמפן, דעם שטענדיקן קלאסן־קאמף זייט די וועלט איז צעטיילט געוואָרן אין צווייען; די וואָס פארמאָגן אַלץ און די וואָס ארבעטן ס'גאנצע לעבן און פארמאָגן גאָרנישט.

— אָהאָ! הייבסט שוין ווידער אָן מיט דיינע טעאָריעס? דאָ האנדלט זיך וועגן לעבן און טויט! און די הייבסט אָן פון מעשה־בראשית און וואָס ס'וועט זיין באחרית הימים.

בראָנטשע טייערע ס'רערקענט זיך אז דו ביסט א בת־תלמיד־חכם, און אז דו האָסט אויפגעכאפּט זייער א סך פון די וויכוחים וואָס זענען פאָרגעקומען צווישן מיר און דעם טאטן. זעסטו! כאָטש צווישן מיינע מיינונגען און דעם טאטנס איז א מהלך פון מזרח ביז מערב, פון דעסטוועגן איז דער ירגזון נישט אזוי גרוים. ער ווייסט אז ס'זענען פאראן — לויט זיינע פאָרשטעלונגען — א סטרא אחרא און א סטרא־קדישא. ער האָט מיך פלאסירט אין דער סטרא־אחרא און געענדיקט. ביי דיר אָבער זענען די ענינים נישט קלאָר. ביי דיר זענען די ענינים פארמישט... לאָז, די ענינים וועלן זיך דערליידיקן. דאָס

לעבן איז שטאַרקער פון אייזן. ס'האָט קיין זין נישט מיר זאָלן זיך שפּאַרן. איך האָב מער נישט וואָס צו צוגעבן צו דעם וואָס כ'האָב געזאָגט און בעט דיך זאָלסט נישט פאַרשווערן דעם צייטווייליקן אָפּשייד אונדזערן. איך וועל אין א פּאָר טעג ארום אוועק פאָרן, און דו וועסט בעסער ארויס דיינע פעאיקייטן צו פאַרגלעטן, צו פאַרגרינגערן די סיטואַציעס. און אַלץ וועט זיין אין דער בעסטער אָרדענונג.

פאַרצווייפלט, זאָגט בראָנטשע:

— ס'זאָל נאָר בשלום דורכגיין די אַפּערע דיינע.

זי איז אוועק.

כ'וועל קודם מיך אריינכאַפּן קיין יאַס, האָט מאָטל געטראַכט. דאָרט וועל איך מיך זען מיט שמעונען. מיט אים זיך דורכשמועסן, בעטן אים ער זאָל מיך פאַרבונדן מיט דער בוקאַרעשטער אָרגאַניזאַציע.

נאָך א פּאָר טעג, האָט ער ארויסגענומען א בילעט קיין בוקאַרעשט וויא יאַס. זיך געזעגנט מיט דער משפּחה, גענומען דאָס רענצל און זיך געלאָזט אין וועג אריין. אין יאַס, האָט ער שמעונען נישט געפונען. געפאָרן ווייטער אין זעלבן טאָג קיין בוקאַרעשט.

די ערשטע צייט איז ער איינגעשטאַנען ביים ברודער.

ער האָט אָנגעהויבן זוכן א פּאָסטן, האָט נישט געפונען. וואָכן און חדשים איז ער אזוי ארומגעגאַנגען פּוסט און פּאַס. ווו ער איז געקומען האָט מען אים געזאָגט ער זאָל פּרוּוון שפּעטער מיט א וואָך, מיט צוויי, מיט א חודש.

אין א טאָג איז מאָטלן איינגעפאַלן ער זאָל אריינגיין אין דעם הורטאָוועַנעם געשעפט פון „אינדוסטריא-לינעי“, און פאָרשלאָגן דעם דירעקטאָר ער זאָל אים אָנפאַרטרויען שטאָפּמוסטערן, מיט וועלכע מאָטל וועט פאָרן אויף דער פּראָווינץ מאַכן באַשטעלונגען.

— האָסטו געלט וועגן אַבאָנאַמענט? האָט געפרעגט דער קיילעכדיקער דירעקטאָר מיטן אָפּגעראַזירטן קאָפּ.

מאָטל האָט באַלד געענטפערט אז ער וועט זיך ארויסנעמען א צירקולאַר-בילעט (וואָס קאָסט ביליק) און וועט ארומפאָרן ארום די וויכטיקסטע שטעט פונעם לאַנד.

לעבן דעם ביוראָ, איז געזעסן דער בוכהאלטער און האָט אָפּגעמאָסטן דעם צוקונפטיקן רייזענדער מיט באַדויער. און זיך געווענדט צום דירעקטאָר אויף אונגאריש. מאָטל האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען. ער האָט אָבער געפילט ווי דער בוכהאלטער רעדט עפּעס אים לטובה. ער האָט זיך טאַקע נישט אָפּגענאַרט. מאַטראַי, דער בוכהאלטער האָט געפּועלט ביים דירעקטאָר מ'זאָל מאָטל פאַרשטרעקן דעם געלט פאַר דעם צירקולאַר-בילעט.

דער קיילעכיקער דירעקטאָר האָט עפּעס א זאָג געטאָן צו אַן אָנגעשטעלטן און מאָטל האָט באַלד באַקומען עטלעכע מוסטערן אויפגעקלעפּטע אויף צוויי קאַרטאָנען און האָט אויך באַקומען דעם אויפטראַג צו נעמען באַשטעלונגען ביי די קונים נאָר מיט אַן אַדערוף און רעשט ראַמבורס.

מאָטל האָט אָנגעקוקט די עטלעכע מוסטערן, געקלערט צו די באַדינגונגען און האָט געזען; אַז דער דירעקטאָר האָט פון אים געוואָלט פּטור ווערן, דערפאַר האָט ער אים געשטעלט אַזעלכע באַדינגונגען. ער האָט אָבער קיין ברירה נישט געהאַט.

דעם אַנדערן טאָג איז ער אַרויסגעפאָרן. דער פּלאַן איז געווען אַזוי צוגעטראַכט, ער זאָל קאָנען באַזוכן צוויי אָדער דריי שטעט איבערן טאָג. די ערשטע שטאָט וואָס ער האָט באַזוכט איז געווען פּלאָיעשט. פייל אויסן בויגן איז ער דורכגעלאָפן די גרעסטע מאַנופאַקטור-געשעפטן און זיי אָנגעבאָטן די סחורה. דער סוחר וואָס האָט אָנגעקוקט די מוסטערן, די קאָלירן, האָט געטאָן א פרעג דעם נייעם רייזנדער:

— קיין גאַנגבאַרערע סחורה האָט די הויכגעשעצטע פירמע דיר נישט געקאָנט געבן? דער סעזאָן איז שוין פאַריבער! וואָס האָסטו געבראַכט אתרוגים נאָך סוכות?

מאָטל האָט אַליין געוווּסט וואָספאַרא סחורה מ'האָט אים געגעבן צו פאַרקויפן. האָט באַלד באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דאָס געשעפט און לויפן ווייטער.

ביים פערטן סוחר האָט ער שוין געהאַט מער מזל. יענער האָט אויך געוואָלט האָבן דעם אַרטיקל וואָס דער ערשטער סוחר האָט געהאַט, און הייסט דעם צערעשטן רייזענדער, ער זאָל איינשרייבן זעקס העלפטלעך פון דער סחורה.

מאָטל נעמט ארויס דאָס באשטעלונגס-ביכל, שרייבט אויף דעם נאָמען פון דער פירמא, ביי דער רובריק: ליפערונגס-באדינגונגען, בלייבט ער שטיין און פרעגט דעם סוחר וויפל ער וויל געבן אקאָנטאָ. דער סוחר קוקט אויף אים ווי אויף א צוגעדולטן און מיט כעס ווארפט ער אים צו די מוסטערן:

— ארויס! ליידאק, זאָלסט נישט דערוואגן אריינצוקומען צו מיר אין געשעפט. קודם גייט מען און מען נעמט אויסקונפט און דערנאָך, קומט מען מאכן באשטעלונגען! ארויס! כ'זאָל מער דיין פנים נישט אָנקוקן.

מאָטל איז ארויס, דער קאָפ איז אים געוואָרן שווערער. ער האָט זיך געקלערט, אין תוך איז דער סוחר גערעכט, אָבער, דאָס לשון זיינס האָט אים געברענט און געבראָטן.

באלד איז ער אויסגעוואקסן ביי א פרישן סוחר. דער איז שוין געווען דער צענטער וועלכן ער האָט אים אָנגעבאָטן די בבל-סחורה. דאָס מאָל האָט ער געהאט מער מזל. דער איז געווען אַן אָנזעצער און איז געווינט געווען מיט די באדינגונגען: אַן אדערוף און ראמבורס, בקיצור ער האָט גענומען די באשטעלונג ווען יענער האָט ארויסגענומען דעם אדערוף פרעגט ער דעם רייזענדער צו ער האָט א קוויטונג מיטן אנטעט פון דער פירמע.

מאָטל איז געבליבן ווי אָפּגעשמיסן, דאָך האָט ער זיך געמאכט חארץ און געזאָגט:

— וואָס מיינט איר, מ'וואָלט מיר אָנפארטרויט א באשטעלונגס-ביכל פון אזא גרויסע פירמע ווען מ'זאָל צו מיר נישט האָבן קיין צוטרוי, וועגן דעם נישטיקן אקאָנטאָ וואָס איר וועט מיר דאָ געבן?

— יונגערמאַן, מ'האָט שוין געזען אַזעלכע נסים, און נישט נאָר איינער איז עוקר געווען מיטן געלט, מיט די באשטעלונגס-ביכלעך, מיט אלעמען. נאָר איך האָב צו דיר יאָ צוטרוי, האָסט געמאכט אויף מיר א גוטן איינדרוק. שרייב אריין 500 ליי אקאָנטאָ און רעשט ראמבורס.

מאָטל האָט נישט געגלייבט אפילו דעמלט ווען ער האָט איבערגעציילט דאָס געלט און האָט עס שוין טאקע געהאט אין קעשענע. זיך געפרוווט ס'מזל נאָך אין איין קלייט. גאָרנישט

אויפגעטון. ער האָט באשלאָסן, נעמען דעם ערשטן צוג און ווייטער פאָרן. בשעת ער איז געגאנגען צום צוג האָט ער עטלעכע מאָל צוריק געקוקט, ווער ווייסט אפשר האָט דער סוחר חרטה און לויפט אים נאָך און פארלאנגט פון אים דעם אפּדרוף צוריק און אנולירט די באשטעלונג.

זיצנדיק און צוג, האָט ער געהאלטן אין איין טראכטן, וויאזוי ארויסצובאקומען באשטעלונגען און וואָספארא מיטלען זאָל ער אויסנוצן כדי צו באקומען וואָס מער און וואָס גרעסערע באשטעלונגען. ער האָט זיך דערמאנט אין די ערשטע סוחרים. עס זענען פאר אים פאָרגעקומען זייערע צורות. מיט די שטאָלצע און אָנגעבלאָזענע לייט דארף ער זיך אויפירן מיט מער ווירדע, נישט ארויסווייזן קיין רחמנות־פנימל, דאקעגן ער דארף מיט זיי רעדן פון אויבן אראָפּ. ער דארף האָבן מער מוט און האָבן פאר אלעמען מער צוטרוי צו זיך אליין. זיי, די הערן פון דער „אינדוסטריא־לינעי" דארפן זען אז דאָ האָבן זיי צו טון מיט אן ענערגישן ארבעטסזאמען פאבמאן.

אראָפּגעיינדיק פון צוג, האָט ער דאָס מאָל גענומען א פיאקער, געהייסן דעם קוטשער אים צופירן צום גרעסטן מאנופאקטור־געשעפט, פאָרנדיק, האָט ער געפרעגט ביים קוטשער וועלכע עס זענען די גרעסערע פירמעס פון דער מאנופאקטור בראנזשע אין שטאָט? דער קוטשער איז געווען א בארעדעוודיקער און האָט אָנגעהויבן צו שיטן מיט נעמען. מאָטל האָט אים אָפּגעשטעלט. צו די בעסערע און צו די גרעסטע סוחרים זאָל ער אים פירן! דער קוטשער זאָל זיכער זיין אז ער וועט באקומען זיין לוין ווי ס'געהער צו זיין.

— אָט אָ דאָ, איז דאָס גרעסטע געשעפט רופט זיך אָן דער קוטשער.

מאָטל שפּרינגט מוטיק אראָפּ פונעם וואָגן. קומט אריין, און פרעגט ווער ס'איז דער באַלעבאָס. א פארקויפער, ווייזט אים איינעם אן אויסגעפוצטן און מיט א שרונט צווישן די אויסגעגלעטע שווארצע האָר. זיינע וואָנסעס זענען געווען ווי צוגעקלעפט צו דער איבערשטער ליפּ, זיינע שטארע אויגן האָבן געזען ווי מאָטל איז אריין אין געשעפט. ער, דער סוחר, האָט אָבער זיך גענומען בלעטערן די פאקטורן־מאפע וואָס איז געלעגן

אויפן ביורא. מאָל איז אָבער ביי זיך נישט אראָפּגעפאַלן, און געשווינד צוגעגאַנגען צום שטייפן סוחר. זיך פאָרגעשטעלט אלס פארטרעטער פון דער גרויסער פירמא „אינדוסטריא לינעי". דער סוחר האָט אביסל אויפגעציטערט ווען ער האָט געהערט דעם נאָמען פון דער פירמע, נאָכן ערשטן אויספאָרשנדיק בליק, קוקנדיק אויפן הולך פונעם פארטרעטער האָט ער געמאכט א קרומע גרימאסע, ווי איינער רעדט „קוקט אים נאָר אָן דעם פארשוין וואָס פארטרעט די בארימטע פירמע". מאָטל האָט אָבער באַלד געעפנט זיין פּה־קדושל, און אָנגעהויבן אויסצורע־כענען די פארשידענע סחורות וואָס די פאבריק האָט צוגעגרייט ווען ווינטער־סעזאָן! זיבן פארשידענע קוואַליטעטן פון מאנטל־שטאָפן אין א של פון פארבן און ניואנסן. היינט דער אויסוואַל פאַר פרויען־קליידער איז קיינמאָל נישט געווען אזוי רייך ווי איצט. און דאן די קאָלעקציע פון מענער־שטאָפן פאר איינ־צוגן און מאנטלען זענען לויט דער לעצטער מאָדע פון די בארימטע פאַריזער שניידער.

דער סוחר האָט געשלונגען יעדעס וואָרט מאָטלס. ער האָט איינגאנצן פארגעסן וואָס ער האָט ערשט פריער מיט א פּאָר מינוט געקלערט וועגן דעם משונהדיקן רייזנדער.

— קאָן מען זען די קאָלעקציע, האָט ער געפרעגט שמיי־כלענדיק.

— מיט פארגעניגן, האָט מאָטל געענטפערט. ער האָט באַלד ארויסגענומען די מוסטערן פונעם אקטן־טאש און אָנגעהויבן צו ווייזן און לויבן די פּאָר שמאטעס וואָס ער האָט געבראכט.

דער סוחר קוקט אויף אים פארחידושט ווי איינער רעדט: „דאָס זענען די נייע סחורות פון וועלכע דו האָסט ערשט גע-פלוידערט?"

מאָטל האָט געכאַפּט זיין געדאנק, און געכאַפּט די נעץ פאר די פיס און געזאָגט:

— דער געערטער הער דארף וויסן אז דער שטאָפן־סאָרטי־מענט פון וועלכן איך האָב ערשט גערעדט איז נאָך נישט איינגאנצן באקומען געוואָרן און אונדזער הורטאָוונעס־הויפט מאגאזין. און אזוי ווי אייך איז באקאנט אז אונדזער פירמע איז די ערנסטע פון לאנד דערפאר מאקע האָט מען נאָכנישט

ארויסגעשיקט די לעצטע קאָלעקציע. איך בין אָבער זיכער אז איר וועט זיין דער ערשטער וואָס וועט זען די נייע סעזאָן־קאָלעקציע, און איר וועט זיך אויסקלויבן מוסטערן און קוואַליטעטן וועלכער קיין שום היגער סוחר וועט זיי בשום־אופן נישט באקומען.

די שטאָלענע צורה מיטן שרונט אין מיטן קאָפּ איז ווי אויפגעלעבט געוואָרן. ער האָט שוין ווי געזען די נייע מאָדעלן פון דעם רייכן אסאָרטימענט פאר די אויגן. זיין פאנטאזיע איז געווען זייער א רייכע, ער האָט זיי געזען די שענסטע מוסטערן ארויסגעשטעלט אין די שויפענסטער, געזען ווי די פרויען און מענער באלאגערן דאָס געשעפט, זעטיקן זיך מיט די אויסערגעוויינטלעכע סחורות. און היינט דער עיקר פון אלע עיקרים, דער „רוח" וואָס וועט פארגרעסערן זיין פארמעגן און דעם נאָמען פון זיין פירמע.

— מאָריץ, האָט דער באלעבאָס געשריגן צום הויפּט־משרת, נעם און קלויב אוים! דער יונגערמאן געפעלט מיר. לאָמיר אים געבן א שיינע באשטעלונג.

דער הויפּט־משרת האָט פארשטאנען אויפן ווינק, און האָט באשטעלט כמעט אלע פארבן פון די פּאָר ארטיקלען וואָס דער רייזענדער האָט פאָרגעלייגט.

ווען ס'איז געקומען צום עיקר צו די פארקויפס־באדינגונגען און מאָטל האָט געזאָגט אז ער האָט דעם אויפטראָג צו פארקויפן מיט א תנאי: אקאָנטאָ און ראמבורס, איז דער באלעבאָס פנים בלייך געוואָרן:

— ווער האָט דאָס געהערט אז זיין פירמע וואָס איז אלט איבער הונדערט יאָר, זאָל עמיצער וואגן איר פאָרצושלאָגן אזעלכע אומפארשעמטע באדינגונגען?

מאָטל, האָט געזען ווי דער צאָרן וואקסט און די גאנצע ארבעט וועט גיין לאיבוד, האָט ער אויף גיך געזאָגט דעם באלעבאָס.

— גנייידיקער הער! ווער ווייסט נישט און וועמען איז נישט באקאנט די סאָלידקייט און די גרויסקייט פון דער פירמע וואָס איר פירט אָן. אייער פירמע איז נישט נאָר באקאנט ביי אונדז אין לאנד ווי איינע פון די ערשטע, נאָר אויך אין אויסלאנד.

זי איז אַנגעזען און ס'איז כמעט נישטאָ קיין פאבריק וואָס זאָל זיך נישט בארימען איך צו האָבן פאר א קונה. נאָר וואָס רעדן? איך איז דאָך באקאנט, וואָס פארא חורבן ס'האָט גע־מאכט דער איצטיקער קריזיס. איך קום דאָך פונעם לאנד. ס'איז נישטא קיין איין שטאָט אָדער שטעטל ווו דער גרעסטער טייל סוחרים זאָל נישט געווען אַנזעצן, ס'איז א סוד פאר גאנץ בראָד, אז אפילו גאָר גרויסע און פארפינדעוועטע בענק האָבן אויפגעהערט צו צאָלן. בנוגע איך קומט דאָס נישט אין פראגע. איר זענט מער בטוח פון דער נאציאָנאל־באנק. ס'איז אָבער אונדזער דירעקציע אריין ווי א מעלאנכאָליע אין קאָפ, אז קיי־נעם, אבסאָלוט קיינעם זאָל מען נישט ארויסשיקן קיין שום סחורה, נאָר אין די באדינגונגען ווי איך האָב געזאָגט, אקאָנטאָ און ראמבורס.

ביי די ווערטער, האָט מאָטל געזען ווי דער סוחר בארויקט זיך צו ביסלעך און האָט אויפגיך, כמעט אין איין אָטעם גע־זאָגט:

— ס'איז מיר ארויפגעקומען אויפן געדאנק א וואונדערבארער אויסוועג: ס'פאסט זיכער נישט פאר אייער ערנסטער פירמע צו קויפן אויף ראמבורס. הערט זיך צו מיין עצה. שרייבט אונטער א טשעק אויף זייער נאָמען. באצאָלט זיי דעם גאנצן באטרעף פאָראויס. דערמיט וועט איר זיי געבן א פאטש אין פנים און זיי וועלן שוין ווייטער נישט וואגן זיך צו באציען אזוי געמיין מיט אזעלכע געשעצטע און דערהויבענע קונים ווי איר זענט.

דעם סוחר איז געפעלן געוואָרן די עצה וואָס דער יונגער רייזענדער האָט אים געגעבן און האָט באפוילן דעם בוכהאלטער ער זאָל צוגרייטן דעם טשעק. דער טשעק איז באלד אויסגעשטעלט און אונטערגעשריבן געוואָרן מ'האָט אים באלד איבערגעגעבן דעם רייזנדער.

מאָטל, ארויסגייענדיק פון דער גרויסער קלייט, האָט זיך נישט אליין געגלייבט צי דאָס אלץ וואָס איז ערשט פאָרגעקומען, איז ווירקלעכקייט צו אין חלום? נאָכדעם איז אים שוין נישט שווער געווען צו מאכן באשטעלונגען. ער האָט שוין געהאט אויף וואָס קנאַבל צו ווארפן. אז ער האָט געזען א סוחר וואָס האָט פאר־

קרומט דאָס פּנים און נישט געוואָלט אונטערשרייבן קיין באַשטעלונג, האָט ער באַלד געפּאַכט מיטן טשעק פון דעם גרעסטען סוחר. געפּרעגט, זענט איר א גרעסערער בטוח פון אָט דעם. און ווען א סוחר האָט געזען דעם זיגל און די אונטערשריפט פון דעם גרעסטן סוחר פון דער געגנט, איז שוין מאָטלען געגאַנגען די ארבעט ווי געשמירט.

ווען מאָטל איז אריינגעקומען מאַנטיק אינעם ביוראָ פונעם גרויסן הורט־געשעפט און אנידער געלייגט 55.000 ליי אקאָנטאָ און באַשטעלונגען אויף ראַמבורס לערך 300.000 ליי, האָט אויף אים מאַטריי — דער בוכהאַלטער וואָס האָט אים געהאָלפן באַקומען די מוסטערן און אויך אים געגעבן די מעגלעכקייט ארויסצופאָרן — ארויסגעשטעלט א פּאָר אויגן, וואָס זענען געווען פול מיט חידוש און צופרידנקייט.

מאַטריי, איז באַלד צוגעגאַנגען צום קיילעכיקן דירעקטאָר מיטן אָפּגעראַזירטן קאָפּ, און אים דערלאַנגט די באַשטעלונגען און געזאָגט:

— דער יונגערמאַן האָט אויך געבראַכט 55.000 ליי, אקאָנטאָ, א הויץ דעם טשעק פון דער באַקאַנטער פירמע מאָלנאַר וואָס דעקט די גאַנצע באַשטעלונג וועלכע איז אויך נישט גרינג צו שעצן.

דער דירעקטאָר מיטן אָפּגעראַזירטן קאָפּ, האָט גענומען די באַשטעלונגען זיך אָנגעזאָמלט די ברילן און אָנגעהויבן לייענען די באַשטעלונגען.

— אוווא! האָט ער געזאָגט, דעם איז געלונגען אריין צו גיין צו אזעלכע ערנסטע געשעפטן און צו קאָנען באַקומען ביי זיי אזעלכע באַשטעלונגען. דאָס איז א סימן אז מיר האָבן דאָ צו טון מיט א כוח וועלכן מיר וואָלטן געדאַרפט אויסנוצן.

— הער דירעקטאָר, האָט מיט הנאה מאַטריי געזאָגט, איר דאַרפט נישט פארגעסן וואָס פארא סחורה ער האָט פארקויפט, ער האָט פארקויפט „אתרוגים נאָך סוכות" בבל־סחורה מיט וועלכער מיר וואָלטן זיך געשמירט דעם קאָפּ יאָרנלאַנג.

— יאָ, יאָ. ביסט גאַנץ גערעכט. ענדלעך האָבן מיר באַקומען א מענטש וואָס מיר זוכן שוין זייט יאָרן.

צו דעם געשפּרעך האָט זיך צוגעהערט אַן אונגאַרישער יונ־גערמאַן וואָס האָט זיך דאָרט געפּאַרעט ביי דער זייט מיט מוסטערן, זיי אַריינגעלייגט אין גרויסע רענצלעך.

דער אויסגעפּוצטער אונגאַרישער יונגערמאַן, האָט געוואָרפן אויגן באַלד אויף מאַטריין און באַלד אויף מאָטלען, ער האָט געהערט אַז פון אים, פון מאָטלען איז געווען די רייד. רייד וועלכע זענען אים נישט ניחא געווען.

מאָטל האָט געוואַרט, געוואָלט הערן דאָס געגאַרטע וואָרט: אַז ער זאָל קומען מאָרגן איבערמאָרגן זיך נעמען צו דער אַר־בעט ווי עס געהער צו זיין, ווערן אַ מענטש מיט מענטשן גלייך: באַקומען אַ שטעלע, אַ זיכערן חודש־לוין.

— ווען זאָל איך אים זאָגן ער זאָל ווידערקומען? האָט גע־פרעגט מאַטריי, דער בוכהאַלטער, דעם דירעקטאָר מיטן אָפּגע־גאָלטן קאָפּ.

דער דירעקטאָר האָט ערגעץ געקוקט אויף אַ טונקלער וואַנט וואָס איז געשטאַנען אין עק מאַגאַזין, פון וועלכער ס'האָט אַראָפּגעשיינט אַ שילדל „גענעראַל־דירעקטאָר" און איז באַלד אהין אַריינגעגאַנגען. ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און ער האָט זיך געווענדט צו מאַטריי און געזאָגט:

— די דירעקציע איז ביי דער מיינונג אַז דער יונגערמאַן זאָל קומען שפּעטער מיט אַ וואָך נאָך ענטפער וועגן ווייטער־דיקער אַרבעט. און זאָלסט אים באַלד אויסצאָלן דעם קאָמיסיאָן וואָס ס'קומט אים.

— מילא! האָט מאַטריי געמאַכט. מיר האָבן דען אַ ברירה!

ער האָט צוגערופן מאָטלען און אים אויסגעצאָלט דעם קאָ־מיסיאָן און אים געזאָגט ער זאָל קומען אין אַ וואָך אַרום.

מאָטל האָט דערפילט אַז ער שטייט שמאָל, געפּרעגט וואָס עפּעס „אין אַ וואָך אַרום"?

— מאַטריי, האָט אים געענטפערט, אַזעלכע זענען שוין אונדזערע אדונים.

שפּעטער מיט אַ וואָך איז מאָטל געקומען נאָך ענטפער. דער דירעקטאָר האָט אויף אים אַ שיפן קוק געגעבן און געזאָגט אַז אין דעם סעזאָן דאַרפן זיי נישט קיין רייזענדער.

מאטריי, האָט געגעבן צו פאַרשטיין מאָטלען אַז דער שוואַר־צער יונגערמאַן וואָס האָט זיך געפּאָרעט יענע וואָך ביי די רעגנצלער, איז אַ נאָענטער קרוב מיט איינעם פון די דירעק־טאָרן, אַזוי אַז ער, מאָטל זאָל נישט פאַרלירן קיין צייט און זוכן ערגעץ אַנדערש אַרבעט. מאַטריי, האָט נישט פאַרגעסן צו־צוגעבן אַז ער, מאָטל זאָל אים אָנגעבן וועגן אויסקונפט.

מאָטל איז ווידער געבליבן ווי אויפן וואַסער.

נאָך שווערע טעג, וואָכן און אַ סך חדשים, און וועלכע מאָטל האָט געפילט דעם טעם פון אַרבעטלאָזיקייט, הונגער, פרעמדקייט, האָט ער ווידער באַקומען אַ צייטווייליקע אַרבעט. ער איז ווידער געפאָרן אויף דער שטרעקע. געוואָרן אַזוי צו זאָגן אַ „פּאַכמאַן".

שבת און זונטיק פלעגט ער בלייבן אין בוקאַרעשט, זיך דאָ זען מיט די נייע באַקאַנטע, וועלכער ער האָט באַגעגנט אויף די זונטיקדיקע ליטעראַרישע פרימאָרגנס וואָס זענען פאָרגעקומען אין „באַראַשעום־זאַל,, ווי אויך אויף די ליטעראַריש־פּאָליטישע פאָרטראַגן וואָס די ראַדיקאַלע אינטעליגענץ האָט געהאַלטן בימי־היטלער, פון צייט צו צייט.

אַהער זענען געקומען אויך באַוווסטזיניקע און פאָרגעשריטענע אַרבעטער, דאָ האָבן זיך באַגעגנט אויך חברים וואָס האָבן גע־האַט פאַרשידענע שליחותן פון דער פּאַרטיי.

אין אַן אויפדערנאַכט האָט מאָטל דערזען זיין חבר שמעון וועלכן ער האָט געזוכט זייט יאָרן. צו זיין פרייד איז קיין גרע־נעץ נישט געווען. ער האָט אים געוואָלט אַרומנעמען און אים האַלדזן און קושן. ער האָט אָבער באַלד זיך באַהערש — נישט דאָ איז דאָס פּלאַץ — האָט ער זיך געטראַכט. מאָטל האָט שוין זיך גישט אַזוי צוגעהערט צום פאָרטראַג, זיין גאַנצער מהות איז פול געווען מיט שמעונען, איבערהויפּט מיט דעם וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר.

נאָכדעם וואָס דער קינסטלערישער פּראָגראַם האָט זיך געענ־דיקט און דער עולם איז זיך צוגאַנגען, האָט ער נישט אַרויס־געלאָזט פונעם אויג דעם חבר זיינעם. אים נאָכגעגאַנגען פון דער ווייטנס, געזען ווי שמעון איז געגאַנגען אויף דער איטאַ־

ליענישער גאַס, נומער 11. שפּעטער מיט 15 מיגוט איז מאָטל דערשינען אין שמעונס צימער.

ביידע חברים האָבן זיך געהאַלדזט, געקושט. נאָכדעם ווי זיי האָבן געפּרעגט איינעם דעם אַנדערן וועגן פּערזענלעכן געזונט און אַלגעמיינעם צושטאַנד, האָט מאָטל געזען אַז זיין חבר שמעון איז אַביסל טרויעריק.

— שמעון, וואָס ביסטו אַזוי פאַראומערט, ס׳איז דאָך נישט דיין טבע?

— פון אונדזערע חברים וואָס זענען אַוועק אויפן שפּאַנישן פראָנט זענען כמעט אַ העלפט אומגעקומען.

— אַזוי!

מאָטל האָט אים נאָך געוואָלט פרעגן און פרעגן. שמעון האָט אים אָבער באַלד איבערגעשלאָגן:

— כ׳מוז באַלד אַוועקגיין פון דאַנען. איצט גיי דו אויך אַהיים און מיר וועלן זיך זען שפּעטער מיט אַ וואָך אַלץ דאָרט ווו דו האָסט מיך היינט געזען. איך וועל דיר ביז דעמאָלט מודיע זיין ווען מיר וועלן זיך טרעפן.

מאָטל האָט זיך זייער שלעכט געפילט און זיך געטראַכט:

אָט אַ מענטש. וויפל ער האָט איבערגעלעבט און איז געבליבן גאַנץ. די שווערקייטן האָבן אים נישט איינגעבראָכן. און איך וואָס טו? משטיינס געזאָגט. [איך קום אויף אַ פאַרזאַמלונג, כ׳העלף די חברים וויפל כ׳קאָן שטעל זיי צו דער פאַרפיגונג די וווינונג. נעם מיט צומאָל מאַטעריאַל און גיב דאָס איבער אין פאַרשידענע שטעט. איך וואָלט אָבער געוואָלט אַ מער פּאַראַנט־וואָרטלעכער אַרבעט. זיך דירעקט שלאָגן מיט שונא. וואָס זאָל איך טון? קיינער האָט מיך נישט באַאויפטראַגט. מן הסתם בין איך נישט ווערט.

— זיי געזונט, שמעון.

— גיי געזונטערהייט, זאָלסט קומען נאָר דעמאָלט ווען מען וועט דיך רופן האָט שמעון געענטפערט מיט אַן ערנסטן שמייכל. דאָס מאָל בין איך דיר מוחל, ס׳זאָל זיך אָזעלכס מער נישט איבערחזרן!

— האָב קיין פאַראיבל נישט שמעון. כ׳וויים כ׳האָב געטון אַ נאַרישקייט. כ׳האָב אָבער מיך נישט געקאָנט באַהערשן נישט

קומען און רעדן מיט דיר כאָטש עטלעכע ווערטער, נאָך אזא לאַנגער צייט זייט מיר האָבן זיך נישט געזען. א גוטן.

— א גוטן.

דעם אנדערן טאָג איז מאָטל געפאָרן קיין באקוי. דאָ האָט ער איבערגעגעבן א פעקל דעם חבר יאנקאָוויטש.

דער חבר איז אים זייער קענטלעך געווען. זיך געוואָלט דער־מאָנען ווו ער האָט אים געזען. ווען דער חבר האָט אים גע־דאנקט פארן פעקל, האָט ער דערקענט דאָס קול, זיך דערמאנט אז פריער מיט א פאָר יאָר האָט ער אים געזען אויף דער גאס וויטאן, אין בוקארעשט, און א צווייט מאָל אין הויף פון דער טעקסטיל־פאבריק „אסטרא" ווו ער פלעגט קומען ארבעטן בא־נאכט. מחמת ער האָט זיך אויסבאהאלטן, און נישט געוואָלט זיך ווייזן באטאָג, ווייל ער איז געווען א געשטעמפלטער. די שפיצלער האָבן אים געקענט. זיין באקוועמער דאָסיע איז אים נאָכגעגאנגען ווי א שאָטן. דאָרט אין באקוי איז ער אריינגע־פאלן, נאָכדעם וואָס ער האָט פארשפרייט אנטימאָנארכישע מאַ־ניפעסטן. די סיגוראנצע (זיכערהייט־דינסט) האָט אים ארעס־טירט אין קינאָ צוזאמען מיט זיין חברטע, אים געשלאָגן, געפייניקט. דער קאָפ איז אים געשוואָלן געוואָרן, דער בויך איז אים אויפגעלאָפן געוואָרן, ענדלעך האָט מען אים געמאכט א פראָצעס און אים פארמשפט א יאָר מיט א טאָג טורמע. דער טאָג איז מער געווען ווי דאָס יאָר, מחמת דאָס האָט געהייסן אז מ'האָט ביי אים צוגענומען אלע ציווילע און פאָליטישע רעכטן.

— וואָס טוט דיין פרוי רבקהלע! די מיט די קארשן אויגן וואָס האָבן אויסגעשפיגלט דעם גאנצן אומרו אירן. איז זי גע־זונט? האָט מאָטל געפרעגט. אויב כ'האָב קיין טעות נישט, האָט מען זי אָפגעשיקט אהיים, מיטן עטאפ, דאָס הייסט פיל הונדערטער קילאָמעטער צופוס. און די קינדער אייערע וואָס טוען? ווו זענען זיי געבליבן.

— די מאמע מיינע האָט זיי גענומען אונטער איר השפעה, זיי וואקסן אָבער אין גרויס דחקות, און זי רבקהלה, זי איז ווידער אין בוקארעשט, ארבעט אלע מאָל ערגעץ אנדערש. און אז מען דערוווסט זיך ווער זי איז, איז מען זי משלח, און

ס'הייבט זיך ווידער אָן די סדרה, זוכן ארבעט. און אז מען געפינט שוין יאָ ארבעט, דויערט נישט לאנג און ס'ווערט צוגעגרייט א שטרייק פאר העכערן די לוינען, פאר מענטשלעכע ארבעטס־באדינגונגען. ס'קומען ווידער פאָר ארעסטן, פייניקונגען, פראָצעסן אָבער דער קאמף גייט ווייטער ביז צום ענדגילטיקן נצחון.

מאָטל קוקט אויף דעם שלאנקן און פעסטן חבר. אויף זיין סימפאטיש פנים, וואָס איז פול מיט דרייסטקייט, מיט זיכערקייט און אנטשלאָסקייט. אָט, נאָך א מענטש, טראכט ער זיך, אין דער דערהויבענער ארמיי, וואָס ווערט עפענען א נייעם וועג פאר א ניי אויסגעהלומט לעבן.

אינהאלט

דער וועג	5
קיין אוישוויץ	29
ווינטער	55
זיי קומען	75
נאָך דער ארבעט	79
גערודער	91
כן יאבדו	109
דערוואַכונג	117
באריכט	135
תכלית	141

פאראַנטוואָרטלעכער־רעדאקטאָר: מ. לאקס
טעכנישער־רעדאקטאָר: עלענא קאלוגערו

איבערגעגעבן צום זעצן דעם 07,07.1965. דרוק־
פעאיק דעם 20.12.1965. טיראזש 680 קאָפּיעס.
שרייב־סאטינירט־פּאפּיר. I 54/84.63,3. פארלאגס־
בויגן 7,96. דרוקבויגן 12, A נומער 7563/65.
אינדעקס פאר גרויסע ביבליאָטעקן 89. אינדעקס
פאר קליינע ביבליאָטעקן 82—89.

פּאָליגראפישע אונטערנעמונג „דער 13 דעצעמבער
1918“ גריגאָרע אלעקסאנדרעסקו־גאס נומער 95־93
בוקארעשט. סאָציאליסטישע רעפּובליק, רומעניע.